STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00965

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was undertaken in memory of Dr. Zelda Weinberg Chevalier, Nursery School Teacher, College Professor and Advocate for Children

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צעשינסקיס פארלאג

פ. בימקאַ

געקליבענע ווערק

פירטער באַנד

קאָמעדיעס

פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1936

אמעריקע גנב

קאמעדיע אין פיר אקטן

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

ס'איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפּילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך — דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס'איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, — איידער מ'פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פּיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אָנפרעגן אין אייראָפּע ביי:
Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:
M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-5?

נס שפּילן:

דער בראָוקער

דער פעטער

די מומע

ס׳ערשטע מיידל

ס׳צווייטע מיידל

דער יונג

דער שייגעץ

דער לערנער

ס׳ווייבל

דער ברודער פונם פעטער.

דער פאָטער פונם לערנער.

דער מאַן פונם ווייבל.

ס׳יידל.

די פרוי.

די גרינע.

באַאַמטער.

ערשטער אקט

אויף אַן אַכסניה אין אַ קליין פּויליש שטעטל

ס׳ווייבל

קומט אריין

באַלד נישט מער נ׳כוח אויף די פיס צו שטיין... *זעצט זיך צו אָנגעגאַנ־גען אַזאַ* שטיק וועגס. . *נעמט אַרויס אַ שטיקל ברויט פון פאַטשיילעכל* דאָ אי־בערבייסן, אין אַ פרעמדע שטוב.

דער בראָוקער

האַלב אָנגעטון, מאַכט אוועק די טיר

אַזוי פרי שוין געקומען?

ס׳ווייבל

ביי אייך אין אַמעריקע, איז עס אפשר פרי; איך האָב שוין באַלד פאַר־געסן ווען ס׳אי טאָג געוואָרן — כאָטש כ׳בייס ערשט איבער.

דער בראָוקער

בלויז אַרומוואַשן און באַלד אַריינקומען. *פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.*

ס׳ווייבל

נישט אַוועקגיין, ר׳זאָל אפילו נישט באַלד אַריינקומען.

אַ יידל

פאַלט אריין

טאַקע ביינאַכט געקומען צו פאָרן, דער ייד, — גלייך פון אַמעריקע?

ס׳ווייבל

גלייך צי קרום, איר האָט עפּעס צו אים?

ס׳יידל

ס׳געלט, ער זאָל מיר אָפּגעבן! *גייט אין די אַנדערע שטוב.*

דער בראָוקער

דאָרטן

וואו קריכט איר? *שטופּט צוריק אַריין* נישט מ פרעגט, מ׳קלאַפּט־אָן, נאָר, — גלייך צו יעגעמען אין מויל אַריין?

ס׳יידל

צאפלט זיך

אייך בלויז פרעגן: איר קומט פון ניו-יאָרק, צי ר׳ווייסט נישט פון מיין גליד-געשוועסטערן-קינד, שמואל חיים זרחס?

דער בראָוקער

און, אַז כ׳ווייס?

ס׳יידל

זענט איר אפשר דער מזלדיקער שליח, און אַמאָל אָפּגעבן ס׳געלט, — וואָס די משפחה מיינע האָט אייך דאָרט פאַר מיר מיטגעגעבן?

דער בראָוקער

נישט אַריינגגיין געבן געלט אין די בלויזע הויזן, — פאַר אַ יידענע אין די אויגן? *פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.*

ס׳ווייבל

אויב ס׳גייט אים בלויז אין דעם, זעט איר, — האָב איך אים אויכעט צוליב געטון, און זיך באַזעצט.

ס׳יידל

ס׳אי גוט צו זיצן נישט אויף קיין הייסע קוילן.

ס׳ווייבל

אויכעט קאָפּ-פאַרדרייעניש מיט אַמעריקע?

ס׳יידל

שוין יאָ אָפּגעזוכט אַ שטיקל קרוב מיין שטיפמוטערס אַ גליד-געשוועסטערן-קינד, וואָס האָט זיך געוואָלט איינקויפן אַ מצווה, און מיר, אַ טאַטן פון ניין קליינע ווערים געשיקט געלט, — איז עס דאָך שיין פון אים, אַ?... ברויך ערשט יענער, אוי-ווי-גוואַלט, מיט וועמען ר׳האָט עס געשיקט, — אַריינפאַלן אין ים... אָדער... כ׳ווייס?... די שיף זאָל אַזוי לאַנג גיין, און נאָך אַלץ מיט אים נישט האָבן אָנגעקומען?...

ס׳ווייבל

ווי לאַנג איז שוין דאָס?

ס׳יידל

דעם בריף האָב איך געקריגן: ווערן זיבעצי וואָכן אַרום שבועות; און געשריבן געוואָרן איז ער נאָך מיט פינף וואָכן פריער; אַ קימא-לן: פון צוויי און צוואָנציק וואָכן...

ס׳ווייבל

נישט מעגלעך: די שיף זאָל אַזוי לאַנג גיין.

ס׳יידל

איז נישט אַנדערש: ווי זי איז ערגעץ געבליבן שטיין, אָדער גאָר גע-מוזט אונטערגיין...

ס׳ווייבל

מיר, אַז מיין מאַן שיקט געלט איבער אַ נאַכט, — און ס׳ליגט שוין צו-קאָפּנס, אונטערן קישן.

ס׳יידל

גאָרנישט קיין יידישע הצלחה.

ס׳ווייבל

געקריגן פונם אַ בריוו, ר׳זאָלט קומען?

ס׳יידל

אַ חכמה? כ׳לויף אים אַרום זוכן אַזוי פיל וואָכן אָן בריוו, — נאָך וואַרטן ביז ער וועט זיין אַזאַ צדיק, און מיר אָנשרייבן?... שיין לייט זיין...

ס׳ווייבל

יעדער האָט זיך זיין פּעקל.

ס׳יידל

וואָס פאַר אַ פּעקל האָט איר?

דער בראָוקער

קומט אריין

אַצינד קאָנט איר זיך אַראָפּרעדן פונם האַרץ.

ס׳יידל

צענעמט די הענט

ביין קלײנע ווערים צאַפּן פון מיר ס׳בלוט, כ׳האָב זיי נישט וואָס צו געבן אין מויל אַריין; איין גאָט ווייסט: ס׳אי מיר נישט געבליבן מער וואו צו גיין נעמען אויף אַ שטיקל ברויט פאַר זייערטוועגן...

דער בראָוקער

און, וואָס ווילט איר פון מיר?

ס׳יידל

ס׳געלט, וואָס מיין שטיפמוטערס גליד-געשוועסטערן-קינד האָט מיר דורך אייך מיטגעשיקט, נישט מער; בלויז ס׳געלט!

דער בראָוקער

ווי הייסט איר?

ס׳יידל

רחמואל בונמס; אויפן דייטשן נאָמען, באָגינאָס!

דער בראָוקער

קוקט נך

כ׳האָב גאָרנישט אַזאַ נאָמען ביי מיר אויף צעטל.

ס׳יידל

אויב נישט ביי אייך, — ביי וועמען דען אויפן צעטל קאָן ער זיין?

דער בראָוקער

קאַרג יידן פון אַמעריקע פאָרן אַרום, אויסצאָלן געלט?

ס׳יידל

וועל איך מיך ברויכן נאָך זיי ־לע נאָכצויאָגן?

דער בראָוקער

ווי הייסט אייער קרוב אין אַמעריקע?

ס׳יידל

שמואל בונמס; און אויפן דייטשן נאָמע אויכעט אַזוי, באָגינאָס!

דער בראָוקער

ניסט קיין נאָמען פאַר אַמעריקע; ס'קאָן זיין, ער זאָל אים דאָרט האָבן אומגעבּיטן, און איז ביי מיר אַנדערש פאַרשריבּן.

ס'יידל

קאָן איך טרעפן: ס'אַר נאָמען ר'האָט זיך דאָרט געגעבּן?...

דער בראָוקער

ס'גלייכסטע: אים צו טעלעגראַפירן דעריבּער...

ס'יידל

וואָס?... נאָך לייגן ס'לעבּעדיקע אויפן טויטן?... צעשרייט זיך גוואַלט, כ'האָב ליגן אַן אוצר ביי פרעמדע מענטשן אין קעשענע... דרייסיק דאָלאַר, ס'הייסט: זיבּן הונדערט מיט דריי און זיבּעציק מיליאָן, און ביי מיר גייט אויס אַ ווייב מיט ניין קליינע קינדער, — ס'אי זיך נאָר ס'לעבּן צו נעמען...

דער בראָוקער

דערזעט ס'ווייבל

שוין געקריגן אַ וויזע, ניין?

ס'ווייבל

טאַקע זיין זאַט פון איר.

דער בראָוקער

אַ וויזע, היינטיקע צייטן, — איז גאָרנישט אָפּצושאַצן; אַ פאַרמעגן.

ס'ווייבל

אַ פאַרמעגן, און נאָך אַלץ פון איר נישט רייך געוואָרן.

דער בראָוקער

דערווידער

וואָס ווילט איר?

ס'ווייבל

פאָרן צו מיין מאַן קיין אַמעריקע, וואָס כ'וויל...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מיך אפשר שוין מאָרגן גיין זעצן מיט אייך אויף די שיף?

ס ו יי ב ל

אויב נישט מאָרגן, ברויך אַזוי לאַנג געדויערן?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

כ׳האָב מיך, אַ חוץ אויף אייך, — נאָך אויף וועמען דאָ אומצוקוקן...

ס׳ ו יי ב ל

יאָרן, די מלחמה האָט אויפגעהערט; ווייבלעך, וואָס זענען געפאָרן דורך אַנדערע, — האָבן זיך שוין מיט עפּעס צו באַווייזן פאַר לייטן אין די אויגן, אין אַמעריקע; און איך מוז נאָך אַלץ זיין פאַרוויסט..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

געלט אויף צו לעבן האָט איר, אַ וויזע אויך, — אייך גאָט שפּעטער באַגליקן: ר׳זאָלט זיך האָבן מיט וואָס צו באַווייזן פאַר לייטן אין די אויגן, אין אַמעריקע.

ס׳ ו יי ב ל

צעשרייט זיך

געוואַלט, כ׳וועל נישט אויסקומען מיטן מלכס אוצרות! כ׳זיץ דאָ אויף אַזאַ יקרות, אין דעם פינסטערן גיהנום... אַ שטיקל ברויט איך עס, אַ שטיקל טרוקן ברויט, — וואָס קאָן נאָך זיין ווייניקער?.. האָב איך שוין אויף דעם געקריגן דריי מאָל געלט פון אַמעריקע, און ס׳קלעקט מיר נישט; מ׳עסט אין זיך אַריין לעבעדיקע טויזנטער, און מ׳דאַרט-איין די געדערים.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

די היגע טויזנטער...

ס׳ ו יי ב ל

דאָס איז דאָך, נעבעך, ס׳חורבן, — וואָס ס׳טייערקייט פרעסט דאָ אויף דעם מענטש מיט די ביינער... וואו קאָן מע זיך איינרעדן, אפילו אין אַמעריקע, — צו קריגן אַזוי פיל מיליאָנען ווי מ׳ברויך דאָ צו האָבן?..
אַ לויט פוטער, — אַ האַלבן מיליאָן, און ערשט נישט פון קיין בהמהשע

מילך, נאָר פון דעם, וואָס וואַקסט אויףביימער... אַ פּאָר קלעצלעך צו־קער, מוז מע פּאַר יעדן קלעצל אָפּצאָלן אַ מיליאָן.. אַ ברעקעלע סאַכאַרינע, אַ פינטעלע, — זיבן מיליאָן.. דריי־פיר זשאַרקעס פעפער — דריטהאַלבן מיליאָן... אַ פיצל ציטרין־זאַלץ צו פאַרטרייבן דאָס נישט גוּ־טעקייט, — אַכצן מיליאָן... פּאָר אַ לאָך פון אַ בייגל, — זיבן־און־צוואַנציק מיליאָן... און אַז כ'נעם אין גיך גענוג אויף אַמאָל פון אַלעם צו ביסלעך, ער נעמט דאָס צונויפרעכענען אינאיינעם: דריי הונדערט זיבן־און־אַכציק מיליאָן, טריליאָן, ביליאָן...

דער בראָוקער

פריער, אויף קיין שטיקל ברויט נישט גיהאַט, געקאָנט באַשטיין; און איצט: ס'אי יאָ דאָ, — עסט זי זיך אויף אַ לעבעדיקע, ס געלט גייט איר אַוועק..

ס'ווייבל

פריער, טאַקע נישט געאַרט... אַצינד: אַז כ'קוק־צו ווי אַזאַ אַ טייער געלט גייט מיר אַוועק אויף ברויט, אויף עסיק אויף פעפער, אויף מעל, — קרענק איך דאָס דריי מאָל אין טאָג אויס; ווערט אין מיר ס'בלוט געמינערט; מיין מאַן אַ בצט דאָרט אויף דעם שווער און ביטער, און איך פאַרשפּאַנדיר עס אים דאָ אויף ברויט, מעל, זאַלץ פעפער..

דער בראָוקער

עסט וואָס מער ברויט, פעפער, זאַלץ.. טרינקט אַ סך מילך... און טראַכט ווייניקער פונם געלט, וואָס גייט אייך דאָ אַוועק...

ס'ווייבל

אוודאי; ס'וואָלט נאָר געווען אייער געלט, — נישט אַזוי שיין גערעדט.

דער בראָוקער

אַ מאַן אין אַמעריקע ער מאַכט אַ טאָג אַרבעט און קומט אַהיים — וויל ער האָבן אַ ווייב...

ס'ווייבל

כ'ווייס נישט: וואָס, אין אַמעריקע, אַ מאַן קאָן דאָרטן מער וועלן, — ווי דאָ?

דער בראָוקער

זעט עפּעס אויף זיך צו נעמען... ווערן גרעבער...

ס׳ווייבל

דאָס אי דאָך נעבעך דער גאַנצער חורבן מיינער: וואָס איך טרוקן, ווייל כ׳בין שוין אַזוי פיל יאָרן אָן אַ מאַן. כ׳זאָל אַפילו אַריינעסן אין-זיך זאָדעק-פלייש, אויכעט פעטער נישט ווערן...

דער בראָוקער

שוין... שוין... באַלד זיין געהאָלפן...

ס׳ווייבל

דערווייל גייען טעג וואָכן און חדשים, און שטיי נאָך אַלץ אויפן זעלביקן אָרט; זיך נישט אַוועקגערירט אויף איין אייל...

דער בראָוקער

איר ווייגט שוין ווידער?

ס׳ווייבל

צעכליפּעט זיך ערשט

זיבן יאָר געטראָגן די ביטערע מלחמה אויף מיינע פלייצעס, — און דערצו נאָך אַזוי געבראָכט פאַרוויסט צו ווערן; געקאָנט האָבן אַ פולע שטוב מיט קינדער אַרומגיין, און ביי די ליידיקע ווענט...

דער בראָוקער

וואָס זאָלן נאָך זאָגן יענע, וואָס האָבן נישט ווייניקער פון אייך דעם עול אירן געטראָגן, און צום סוף, — אמעריקע איז געוואָרן אָפּן, האָבן זיי אָנשטאָט געלט, אַ גוט וואָרט, באַקומען אַ שוואַרצע בשורה?...

דער יונג

גיט אַ פאַל אַריין

נישט לאָזן מער פירן ביי דער נאָז.

דער בראָוקער

וואו זענט איר אַריין, אין אַ שענק?

דער יונג

יאַך שע מאַמי, פּאַניע דאָברי דזשעאו... מיט מזל ווידער געקומען ?...

דער בראָוקער

מיך דאָ גוט איינגעמאָלדן, ווי כ'זע... דער ריכטיקער בעל-דבר...

דער יונג

גאָרנישט לאַנג געזוימט, דאָס מאָל ; אָבער אַוועקפֿאָרן, לאַ, — מיט אַ שטעקן, ביז כ'וועל נישט האָבן די וויזע אויף די האַנט.

דער בראָוקער

און, אַז אויף די באַק ?

דער יונג

מיר נאָך קיינער נישט צוגעלייגט אויף די באַק, — ר'זאָל אַוועקגיין אַ לעבעדיקער. ציט אַראָפּ ס'רעקל, און לייגט זיך אַוועק אויף דר'ערד. זאָל נישט מיין נאָמען זיין יאַנקל צדיק אויב כ'ריר מיך אַוועק פֿונם אָרט, ביז כ'וועל נישט וויסן : וואָס ס'וועט מיין שוואַרצער סוף זיין ?...

דער בראָוקער

און מיט אייער אַוועקלייגן זיך, פֿון מיר דאָס דערגייט ?

דער יונג

אַז כ'לייג מיך אַוועק, קאָן מען מיך נישט רירן פֿונם אָרט. מ'זאָל אין מיר איינשפּאַנען צען פּאָר פֿערד .. כ'בין יאַנקל צדיק, פֿון די גראָכאָווער צדיקים. קאָנט זיך נאָכפֿרעגן אויף מיר ביים היצל, ביי די ציגיינער, און ביי וועמען נאָר ס'איז, — ווי שטאַרק כ'בין...

דער בראָוקער

און, מיך געקומען אָפּשרעקן דערמיט ?

דער יונג

כ'קאָן צענעמען אַ לעבעדיק פֿערד, און מאַכן דערפֿון צוויי טויטע פֿערד ; אויסרייסן ביי אַן אָקס די הערנער פֿונם קאָפּ..

דער בראָוקער

אויב אַזוי: וועט איר דאָ בלייבן, — און איך אייך אָפּטרעטן... אַפּ.

דער יונג

אַז ער לויפט, מיינט ער: כ׳וועל אים נאָכלויפן ?... קיינער איז נישט זיין נאַר ?... ס׳ערשטע מאָל אים אָפּגעגאָלטן... דאָ, ר׳ יידעלע, וועל איך ליגן, און זען: ווער ס׳וועט וועמען מיד מאַכן ?...

ס׳ווייבל

כאַרזאַרגט

ביז כ׳האָב אים עווין דערלעבט אָנצוקריגן אויף אַ פּאָר מינוט, — קומט ער און פאַריאָגט אים; נאָך אַצינד אַוועקפאָרן און ווייטער בלייבן אין מיטן, נישט דאָ און נישט דאָרטן...

דער יונג

ביי מיר נישט מער פאָרן; מ׳היט אים אויף אַלע וועגן.

דער לערנער

מאַכט אויף די טיר, באַלאָדן מיט טעפּלעך, טשייניקלעך, אַ זעקל אויף די פּלייצעס, — פּאַלט אריבער איבערן יונג

אוי, מאַמע...

דער יונג

שפּרינגט־אויף

נישט געקאָנט אַנדערש גיין, נאָר זאָלסט איבער מיר אַריבערפאַלן, שמיגעגע!

דער לערנער

קלויבט זיך אויף

מיר זאָל איינפאַלן: ס׳האָט זיך ווער דאָ אַוועקגעלייגט ווי אַ הונט ביי די טיר?

דער יונג

ווער איז ביי דיר אַ הונט?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אָפּגעשר‍ָקן

נישט געמיינט: דיר אָנצורירן דעם כּבוד.

ד ע ר י ו נ ג

גייט אויף די גלייכע ווענט; זעט נישט: וואָס ס׳טוט זיך ביי אים אונ־
טער די נאָז...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ביי מיר גאָרנישט אַזוי גרויס די נאָז, כ׳זאָל דורך איר נישט קאָנען זען...

ד ע ר י ו נ ג

די אויגן וואו האָסטו?

ד ע ל ע ר נ ע ר

יעדער קאָנען זען: אַז נישט אין די פּיס נישט אין די הענט, און נישט
ערגעץ אַנדערש־וואו נאָר מיט אַלע גלייך: אין קאָפּ.

ד ע ר י ו נ ג

אַ, ביסט נאָך דערצו אַ וויי־חכם אויכעט?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מיך לאָזן פון בילי־וועמען באַלד פאַרשעמען?

ד ע ר י ו נ ג

צוואָס ביסטו דאָ אַהערגעקומען?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וואָס טוסט דו דאָ?

ד ע ר י ו נ ג

כ׳היט אים אָפּ, אינעווייניק, — ס׳זאָל אים קיין בייז נישט געשען.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַזוי?... מיר אפשר געקאָנט די טובה טון, און אים אַריינגיין זאָגן: היר־
שעלע יאַנטשעס איז געקומען, — און עפּעס נייטיק מיטן צו רעדן...

דער יונג

שאַף דיר אַ משרת, און גיי אַליין.

דער לערנער

הייבט די אַקסלען

צוואָס ליגט ער ווידער דאָ, און היט אים אָפּ?

דער יונג

גיט זיך אַ וואָרף

פאַרמאַך בעסער דעם בעכער, שמיגעגע... וואָרן...

דער לערנער

טרעט-אָפּ, צעטומלט

שטייט דאָ איין דער אַמעריקאַנער ייד, אָדער כ׳בין ערגעץ אַנדערש אַריין?... פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פרעמדע אכסניה?...

ס׳ווייבל

נישט אין ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט: ער שטייט דאָ טאַקע איין, נאָר דער גזלן לאָזט אים נישט אויף די אויגן...

דער לערנער

אי נישטאָ קיין שום עצה צו אים?

ס׳ווייבל

וואָס קאָנסטו טון?

דער לערנער

סוף וועלט?

דער בראָוקער

אין טיר

צו וועמען דאַרפסטו?

דער לערנער

כ׳וויס?.. אויב איר זענט דער שליח פון אַמעריקע...

דער יונג

גיט זיך אַ וואָרף

נישט לאָזן אויפמאַכן ס'מויל, — ביז כ'וועל האָבן די וויזע...

דער לערנער

דערציטערט

הע ?

דער בראָוקער

ווע֞סט מוזן קומען דערנאָך, אַז כ'וועל אים נישט האָבן איבער זיך...

פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דער לערנער

כ'האָב, אסור, כוח, נאָך אַמאָל צו גיין, דריי מייל פוילישער וועג, — האָבן מיר די הינט דאָס, וואָס כ'האָב אויפן לייב, — צום איבעריקן אַראָפּ־געריסן...

ס'ווייבל

זעץ דיך צו, אָפּרוען ; אים אויכעט איבערקומען.

דער לערנער

ביז כ'בין אַרויס אויפן דאָרף גאַנץ פון די הינטס מיילער, און די שקצימס הענט. — וויי ער אים געטראָפן שטעקי, אַ קלין אין די ווונט.

דער יונג

שעלט

ס'זאָל אים אָנכאַפּן אַ בראַנד...

דער לערנער

ווער ביסטו, און וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטון, — כ'זאָל האָבן אויף דיר צו וויינען ?.. עסט נישט, נאָך אַלעם, אויס — צו זיין אַזאַ רוצח, אַזאַ גזלן, ווי דו מאַכסט דיך... כ'וואָלט געגאַנגען שווערן: אַז דו האָסט אין דיר אַ יידישן אָדער... און נישט איין ייד שוין אַוודאי אַ טובה געטון, אויכעט...

דער יונג

אויפגעהייטערט

גאָרנישט אַזאַ שמיגעגע, ווי ער זעט אויס...

דער לערער

אַז דו האָסט עפּעס צו אים, — ברויך איך אויסגיסן ס'באָד ?

ס'וויבל

ער ברויך זיין אַ צדיק דער ייד פון אַמעריקע, — אַז ר'קאָן דאָס אַרי־בערטראָגן.

דער יונג

מאַך אים נישט פאַר אַזאַ צדיק, שמויגער ; מיינסט טאַקע, ער איז אויסן דיין טובה ?... קיינעם נישט דערציילן קיין בבא־מעשה.. נעמט גוט געלט דערפאַר... און זוכט נישט קיין מצוות צו טון...

דער לערנער

ווער גייט דאָס היינט בלויז פאַר אַ מצווה־וועגן ?... אַפילו דער רב הייסט זיך אויכעט גאַנץ שיין באַצאָלן, אַז מ'קומט־אָן צו אים ; וואָס ווייסט מע דאָ נישט ?...

דער יונג

אָ, דו ביסט נאָך גאָר פון הינטערן אויוון אַפיר ; ווייסט נישט, מיט וואָס ער שמעקט...

דער לערנער

ס'מעג פונם שמעקן מיט ציבעלע, מיט קנאָבל, כריין... ווי לאַנג ער טוט ע־עס פ ; ־עלט, פאַרדינט ער עס זיך כשר־ויישר, — וואָס האָב איך אים עפּעס צו באַרעכענען ?...

דער יונג

צומאָלט נישט אויסגערעדט מיטן קיין האַלב וואָרט, און האַלט שוין פאַרן שטאָל און ג־ייזן...

דער לערנער

פאַרנעמט זיך

ס'גאַנצע רעדן האָט נישט ביי מיר די ווערט קיין אָפּגעריבענעם דרייער...

ס׳ ו י י ב ל

וואו גייסטו ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַהערברענגען דעם רב.

ד ע ר י ו נ ג

שפרינגט אויף

מיך אַ סך אָפּשרעק פֿאַרן רב, מיינסטו ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט בייקומען ביטן רב, וועל איך ברענגען דעם דאָזאָר, די גבאים, די שמשים, און אפילו די חברה־קדישה אויכעט.

ד ע ר י ו נ ג

אַזוי קלוג ביסטו ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַ נאַר וועל איך זיין ?

ד ע ר י ו נ ג

ווי אַלט ביסטו געווען, שמיגעגע, ווען די מאַמע האָט דיך געהאַט ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ניין חדשים.

ד ע ר י ו נ ג

און ווי אַלט די מאַמע איז געווען, ווייסטו אויכעט ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

איר נישט געציילט די יאָרן

ד ע ר י ו נ ג

און דער טאַטע דיינער איז שוין פֿון לאַנג געהאַט אַוועק קיין אַמעריקע ?

ס ו י י ב ל

דאָס פֿרעגט ער ביי אים...

ד ע ר   י ו נ ג

און וואַלע-גורע פֿלעגט נישט אַריינקומען צו איר אין שטוב ?

ד ע ר   ל ע ר נ ע ר

עזותקייטן, האָב איך נישט ליב צו רעדן.

ד ע ר   י ו נ ג

אַז, כ׳זע : ער האָט גאָרנישט קיין יידישן קאָפּ אויף זיך, נאָר פֿון אַ ממזר. . כע-כע-כע...

ד ע ר   ל ע ר נ ע ר

אַ חכמה !

ס ׳ ו ו י י ב ל

לאָזט זיך נאָך פֿונם נעמען אויף די האָטשקע.

ד ע ר   י ו נ ג

וואָס טוסטו ?

ד ע ר   ל ע ר נ ע ר

אַ סך זאַכן.

ד ע ר   י ו נ ג

זיי נישט קיין נאַר, נישט פֿון דיר לאַכן.

ס ׳ ו ו י י ב ל

ער טענהט נאָך איין, מיטן.

ד ע ר   י ו נ ג

כ׳מיין טאַקע : וואָס אי דיין טון ? האָסט עפּעס אַ מלאכה אין די האַנט ?

ד ע ר   ל ע ר נ ע ר

כ׳האָב אַ מלאכה, נאָר נישט אין די האַנט.

ד ע ר   י ו נ ג

וואו דען האָסטו זי ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אין מויל.

ד ע ר י ו נ ג

אַז דו עסט, שאָקלט זיך דיר די געמבע.

ס ׳ ו ו י י ב ל

גלייכער: אים נישט צו ענטפערן.

ד ע ר י ו נ ג

גייסט אַרום בייסן?... וואָס פאַר אַן אַרבעט טוס׳ו מיטן מויל?..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳לערן.

ד ע ר י ו נ ג

וואָס לערנסטו?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַ פּרק משניות פאַר אַ טויטן און פאַר אַ קראַנקן — ס׳זאָל אים זיין צו אַ רפואה; זאָג אַ קאַפּיטל תהלים אין בית־המדרש צו מנחה־ומעריב; און סתם ביים רב, וואו כ׳בין אַ בן־בית...

ד ע ר י ו נ ג

אָ, דו קוואַקעסט אויף אַ רבל?... אויב אַזוי, רוק דיך אַוועק. . וואָרן איך בין אַ טמא נפש. איינגעטונקען פון קאָפּ ביז די פיס אין עבירות, שוואַרצע עבירות ווי סמאָלע... מ׳טאָר אַפילו ביי מיר די נעגל נישט אָנרירן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מ׳פאַסט אַ טענות, מ׳גייט אין אַ הייסע מקווה, און ווער שמיצסט: אַז גאָט העלפט, מ׳קאָן מגדר זיין אַ רעכטע מטבע, — איז דאָך אוודאי גאָרנישטאָ פון וואָס צו רעדן..

ד ע ר י ו נ ג

כ׳האַנדל מיט עופות טמאות שמיגעגע.

דער לערנער

קאַנסט נישט ס'אייגענע מאַכן ביי כשרע עופות?

דער יונג

ס'זענען הינער, וואָס דרייען זיך אַרום אין גאַס, און זוכן אָפּצופּליקן אַזוינע יונגע לייטלעך...

דער לערנער

וואָס טויג עס דיר דערמיט צו האַנדלען?... קאַרג, אַנדערע מסחרים?...

ס'ווייבל

טויגן אים מסתמא, אויס צום הויקער.

דער יונג

כ'האָב אַנדערע מסחרים אויכעט; גיי אויף אַ פּאַרדינסטל ביינאַכט צו יענעמען דורכן פענסטער; אַ טאַליע קאָרטן, געשטאָכענע, — אַלעמאָל ביי מיר געפינען...

דער לערנער

שאַרט זיך אוועק

אַזוי גאָר?

דער יונג

ברויכסט גאָרנישט קיין מורא האָבן... אויף אַזאַ שמיגעגע וועל איך קיין פינגער נישט לייגן... כ'וויס: צוליב מיינע מעשים טובים שטאַרבן קליינע קינדער, גייען אים קרענקען... און אין דיין זכות לעבט מען...

דער לערנער

פאַרט דושט

און דידאָזיקע לייט פאָרן נאָך אַלץ קיין אַמעריקע?

ס'ווייבל

פּאַרצייטנס: ס'איז געווען אַ וועלט איז קיין אַמעריקע עפּעס בעסערס געפאָרן?...

דער לערנער

איז דאָך היינט נישט פּאַרצייטנס; שוין אַרויסגעגעבן אַ הכשר אויף אַמעריקע, אַ סך גוטע יידן, רביים..

ד ע ר י ו נ ג

אַז מ׳קאָן היינט אַרייַנכאַפּן אַמעריקע, איז אויכעט ווי געפֿלויגן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

צו וועמען, כ׳בעט דיך, פֿאָרסטו אַזוי?

ד ע ר י ו נ ג

כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון אַ קאָזע מיט האָר...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

איך פֿאָר צו אַ טאַטן.

ס׳ ו ו י י ב ל

איך האָב דאָרטן מיין מאַן.

ד ע ר י ו נ ג

אויכעט עפּעס אַ שטיקל משפּחה, צופּיסנס פֿון אַמעריקע, וואָס האָט מיר געשיקט געלט, אַ שיפֿסקאַרטע... נאָר פֿאָרן פֿאָר איך גאָר צוליב אַ כּלה... כ׳האָב אַ כּלה אַ דאָרטיקע, און אַזוי ווי זי קלויבט זיך אַהיים, — נישט שטאַרק קיין חשק דאָ איבערצובלייבן...

ס׳קומען אַריין: דער פֿעטער, די מומע, דער שייגעץ, ס׳ערשטע מיידל, ס׳צווייטע מיידל

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

געריסן אַהערצוגיין, און זיך גאָר אַוועקגעלייגט דאָ שלאָפֿן?

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

ס׳פֿעלט אים אַוודאי אין די היים אויס אָרט.

ד י מ ו מ ע

דיר נישט געזאָגט: זאָלסט אים לאָזן לויגן?

ד ע ר פ ע ט ע ר

ווי שיין ר׳האָט זיך דאָ צעלייגט? *קאָפּעט אים* שטיי אויף, אַלטער ביין.

ד י מ ו מ ע

ער איז דאָ דאָרטן, יאַנקל?

דער יונג

אויב איר קאָנט נישט אַריינגיין אויף אייערע פּיס, זען, — באָרגט זיך אויס אַ פּאָר אַנדערע ביי וועמען.

די מומע

זע נאָר, ווי אָנגעדראָלן ער איז?

דער שייגעץ

צאָל אים ווידער אַרויס!

די מומע

וועלוול, קום אַהיים! גיט אַ צעפּיר די הענט האָ-לאָ!

דער פּעטער

דערבייזערט

דאָרט גאָרנישט אָנוווערן. אַז מ׳וועט דאָ זיין; נאָך אַמאָל ערשט ברענגען דעם פּאַק אויף די פּלייצעס, צו שלעפּן?...

ס׳צווייטע מיידל

טאַקע אַ פּאַק; מ׳קאָן באַשטיין: ר זאָלט זיך גרינגער מאַכן, און נישט ברויכן אים צו שלעפּן מער...

די מומע

שוין אויפגעמאַכט ס׳מויל דאָס נעזל.

דער פּעטער

דערבייזערט

אפשר איינעמען אַ לויט שטומעניש?... קליינע, ווייז נישט אַרויס די נעגל...

די מומע

מ׳ווייסט אַזוי אויכעט, ווי שאַרף זיי זענען...

דער פּעטער

צירל, לאָ׳ דיך נישט הערן; ס׳טאָר קיין הונט נישט בילן, אַ האָן נישט קרייען...

די מומע

ס׳וועלן דיר אַ סך העלפֿן די חכמות דיינע וועלוול; שוין צו גרויס אָנגעוואַקסן, — מ׳זאָל זיי קאָנען פֿאַרשטופּן אין אַ טאַבאַק-פּושקעלע

דער פעטער

קוק צו ס׳גרייטע, און וועסט זען: ווי כ׳וועל אים איינרעדן אַ קינד אין בויך...

די מומע

ס׳לוינט זיך טאַקע. ס׳איז זיך דאָ פֿאַר וועמען אָוועקצוברענגען. דיר דערבאַר אָפּצאָלן מיט שטיינער..

ס׳צווייטע מיידל

איר ברויכט זיך נישט אַזוי ברעקן מיט אונז, מומע.

די מומע

נאָר זי שפּרינגט אין פּנים אַריין, און וויל מיר די אויגן אויסרייסן...

דער פעטער

דערבייזערט

זיי נישט קאָנען די מיילער היינט צומאַכן?... נאָך דאָ אויכעט אויסרעדן איינס ס׳אַנדערע?... ווייניק: מע עסט זיך אין די היים די הויט פונם לייב אַראָפּ, אַז בלוט טוט רינען?...

ס׳ערשטע מיידל

ווער פאָרט דען אַלע רגע מער אַרויס ווי די מומע?

דער פעטער

כ׳מיין איר טאַקע אויכעט.

ס׳צווייטע מיידל

ס׳ברענט איר: מ׳ברויך אונז מיטנעמען קיין אַמעריקע, און ווייסט נישט צו וועמען אויסצולאָזן. .

דער פעטער

ווישט אייך אָפּ ס׳מעל פון די פּנימער; קנייפּט די באַקן, די פאַרב זאָל אין זיי שטיין, ווי ביי ארנטלעכע מיידלעך...

ס׳ערשטע, צווייטע מיידל

טוען עס, און לאַכן

אין עלנבויגן זיין אָרנטלעך...

דער יונג

פאַר רביצינס וויל ער זיי מאַכן.

דער שייגעץ

זיך מעגן גיין פאַרדינגען פאַר אַ גאָספּאָדיני צום גלח מיינע.

די מומע

איינגעהאַלטן

גלייב מיר, וועלוול, אַז כ׳ווייס נישט: צוואָס דו פאַרדרייסט דיר אַ קאָפּ מיט זיי?...

ס׳צווייטע מיידל

זעכט: וואו ס׳גריבלט?

דער פעטער.

ווילסט מיך נאָך אַלץ אָפּעדן, — ס׳עסק לוינט דיר נישט?

די מומע

וואָרן, ס׳לוינט דיר יאָ?

דעע פעטער

מיט וואָס, ווילסטו, זאָל איך פאָרן קיין אַמעריקע?... מיט די ליידיקע הענט?... וואָרן כ׳בין זיכער: דאָס ער וועט נישט גלייך, ווי ר׳וועט נאָר אין מיין טריפהנע צורה אַריינקוקן, — מיט מיר די טיר אויסברעכן?...

די מומע

און דיך באַוואָרענען מיט זיי?... מיטנעמען די פרנסה?... וואָרן, ס׳וועט דיר דאָרט אויספעלן די סחורה?...

דער פעטער

אַפילו נישט וועלן באַוואָרענע, פאַרגעסטו: כ׳מוז האָבן אַ טאָכטער... אַ מענטש איז משוגע, און שפּאַרט זיך איין: כ׳האָב נישט קיין מויד, — זאָל ער מיך דאָ לאָזן שויצן... פון וואַנעט, ווילסטו, זאָל איך אים נעמען

אַ מויד ?... פון פּושיטולעק אָדער פון הימל אַראָפּ ?... אים גיין באַשאַפן אַ מויד אויף די עלטערע יאָרן, אַז כ'האָב דאָס אין די יונגע יאָרן נישט געקענט ?...

די מומע

אַז דו וואָלסט אָבער נישט אַזוי לאַנג געוואַרט, נאָר געשטעלט אַ חופּה מיט צוואָנציק יאָר צוריק, — נישט געבריוכט אַצינד אָנקומען צו פרעמדע, און מ'זאָל זיך די ציין אויסשטעכן מיט דיר...

דער פּעטער

גייסטו דיך אַצינד אָפּרעכענען מיט מיר ?

דער יונג

ס'וואָלט איר אַ סך געהאָלפן, יאָ...

דער שייגעץ

אַז זי איז שוין מיט צוואָנציק יאָר צוריק, געווען ווערימדיק...

די מומע

אויפגעבראַכט

אַז די פּיסקעס זאָלן זיי נאָר געשוואָלן ווערן ; נישט קאָנען רירן מיט זיי מער...

דער פּעטער

דערבייזערט

ס'גיהנום זיך שוין צעפלאַקערט ?...

די מומע

באַרויקט

כ'וואָלט געגאַנגען שווערן : ער מוז האָבן אַ זון, וועלוול ; זיך נאָך אוודאי וועלן משדך זיין, — און אים דיר אַוועקגעבן...

דער פּעטער

אפשר נאָך אַליין אַ בחור, צי אַן אלמן, — וואָס קאָנסטו וויסן ?

די מומע

קאָן מע דאָך מיטנעמען בלויז די מויד, — וואָס טויג דיר דער שייגעץ ?

דער שייגעץ

אָנגערירט

טשעקיי, טאַטקאָ-לאַטקאָ...

ס'צווייטע מיידל

מיך באַלד ל זן אַליין איבערן ים.

דער פעטער

און אַז מיט אים, וועט ער צוהאַלטן די שיף — זי זאָל נישט אומפאַלן?

די מומע

ס'נעול, — קע ז ך טאַקע אַ סך.

דער שייגעץ

אָפטרעטן אַ כּלה, — וואָס מ'קאָן מיט איר זשויבן?

די מומע

קריגן אויפגעציילט געלט או פו טיש

ס'צווייטע מיידל

איר ווילט פאָרן, מומע אויפן גאַנצן יכער?

די מומע

איז ער דאָ אַ מאַן, ב־ענען זאַלסט — וואָס גייסטו אים צוגלייכן?

ס'צווייטע מיידל

איז ער אַ חת, נו?

די מומע

ביי אייערס גלייכן אַ חתן? ווייניק חתנים שוין געהאַט? ווער ס'וועט דיר גיב אַ בעסערן פאַטש, פאַ יעדעם מער חלשן, און וועלן האָבן פאַר אַ חתן..

דער שייגעץ

ניע ראָנגיי, צ רל; ביל נישט אויף קיינ מען.

די מומע

אַ חתן, כון די העל הויט.

דער פעטער

דערבייזערט

זיך שוין ווידער אָנגעצונדן ס'פייער? צירל, שטום זאָלסטו ווערן; שטום ווי די וואַנט, — דיך נישט הערן מער רערן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

קומט אַריין

עפּעס, ווי מ׳וואָלט זיך דאָ געהאַלטן אין איין אַרומקריגן...

ס ׳ ו וײ ב ל

קומט אים אונטער

מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, — איר זענט דאָך אַזאַ טייערער מענטש, אַ בריליאַנט, אַ דימענט...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נישט בלויז צו אייך אַליין אַ־ערגעקומען...

ס ׳ ו וײ ב ל

טרעט נישט אָפּ

מיין מאַן האָט דורך אייך געשיקט אַ האַלבע שיפסקאַרטע פאַרן קינד, ס׳זאָל זיין אָפּגעטון; און וויל פרעגן: אַזוי ווי ס׳קינד, אונז צו לענגערע יאָר, לעבט נישט מער... אויב כ׳וואָלט נישט געקאָנט קריגן אַרויסגעצאָלט ס׳געלט, וואָס ער האָט פאַר איר דאָרט איינגעצאָלט... אַפילו באַשטייך עפּעס היזק צו האָבן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פריער מיט אייך גערעדט, און נישט געקאָנט גלייך קומען צום פּוינט?

ס ׳ ו וײ ב ל

און פאַר די פּאָר טאָלער, זען מיטצופירן אַ ביסל פעדערן, שוואָמען... האָבן שטייערונג צו די הוצאות... כ׳זאָל אים נישט ברויכן אַזוי פיל אָפּצוקאָסטן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מ׳זעט באַלד נישט אויף יענער זייט אַזעלכע געטרייע ווייבער, וואָס זאָלן אַזוי וועלן באַרעכענען אַ מאַן... זיך מעגן איבערנעמען מיט אייך... נאָך דאָ, און וויל אים שוין דאָרט פאַרזאָרגן..

ס ׳ ו וײ ב ל

אויפּסנייר

מיר קיין פאַריבל נישט האָבן: איר זענט דאָך אַ שטיק גאָלד, אַ בריליאַנט, אַן אוצר וואָס ס׳איז נישטאָ אויף די האַלבע וועלט...

דער בראָוקער

וואָס נאָך ?

ס׳ווייבל

אַקעגן איבער מיר, אין די אַנדערע טיר איז דאָ אַ ווייבל, וואָס פאָרט קיין אַמעריקע — האָט דאָס ווייבל אויכעט אַ קינד, און מער מזל גע־האַט דערצו, און ס׳לעבט ביי איר; אַז מיינס זאָל זיך געווען דערהאַלטן געקאָנט זיין אין די גלייכע יאָרן מיט יענעם... און אפשר געקאָנט צו־פּאַסן די האַלבע שיפסקאַרטע פאַרן ווייבלס קינד, אָדער ס׳קינד פאַר די האַלבע שיפסקאַרטע אַבי זי זאָל נישט ברויכן צוריקגיין ליידיק...

דער בראָוקער

מיך באַלד פאַרמוטשעט מיט די האַלבע שיפסקאַרטע.

ס׳ווייבל

ציט זיך צוריק

שוין... שוין .. נישט וועלן מער באַגליקט ווערן.. אָפּ.

דער לערנער

וואָס האָט איינגעדרימלט זיצנדיק אויפן בענקל, פאַלט אַרונטער מיט אַ הילך

אוי, מאַמע...

דער פּעטער

וואָס איז דאָס ?

דער בראָוקער

אַנטשלאָפנט געוואָרן גאָר ?

דער יונג

און אַרויסגעפאַלן פון בעט.

דער לערנער

צערודערט

בלויז אַריינגעקוקט אינם ספרל, מיר זיך די אויגן צוגעקלעפּט... געניצט דער שלאָף ליגט מיר אין די ביינער..

דער בראָוקער

עפעס געקריגן, האָלסט מיך קומען זען ?

דער לערנער

נאָר ווי דען, — ס׳אי צו מיר געקומען בנביאה ? גיט אים אַ בריות.

דער בראָוקער

פֿאַרוואָס האָסטו דיך נישט געוויזן ס׳פֿאַריערדיקע מאָל. כ׳בין דאָ געוועזן ?

דער לערנער

נישט געקאָנט קומען, ווייל כ׳בין געזעסן שבעה.

דער בראָוקער

ווי הייסטו ?

דער לערנער

הירשל יאַנטשעס

דער בראָוקער

אויפן צווייטן נאָמען ?

דער לערנער

האָזנפלאָקס.

דער בראָוקער

פֿאָרסט צו אַ טאַטן ?

דער לערנער

כ׳וויל פֿאָרן.

דער בראָוקער

באַדאַרפסט קומען מיט אַ מאַמע.

דער לערנער

אייך געזאָגט: כ׳בין געזעסן שבעה; שוין מער קיינער נישט צו קומען.

דער בראָוקער

מיטגעברענגט עפעס צו וויזן, ביסט דער אייגענער ?

דער לערנער

ביס אים איבער

אַ כתב פון רב.

דער בראָוקער

וואָס טוסטו ביים רב ?

דער לערנער

כ׳לערן.

דער בראָוקער

וואָס לערנסטו ?

דער לערנער

אַ פרק משניות פאַר אַ יאָרצייט-ליכט ; אַ בלאַט גמרא צו אַ סיום.

דער יונג

און, אויכעט חשק צו אַמעריקע. .

ס׳ערשטע מיידל

די אויטאָמאָבילן זאָלן אים דאָרט צעטרעטן.

דער בראָוקער

מער טוסטו דאָ גאָרנישט ?

דער לערנער

מיין מאַמע, איר אַ ליכטיקן גן-עדן, — מיך אָפּגעהיטן ווי דאָס שוואַרצע אַפּל פונם אויג ; אויף מיר קיין שטויבעלע נישט געלאָזט פאַלן ; זי האָט שוין אַלץ פאַר מיר געטון : געטראָגן קאַנען וואַסער, געוואַשן וועש אין די הייזער, — אַבי כ׳זאָל האָבן דעם לעפל געקעכטס אין מויל אַריינצונעמען, ס׳ביסל וואַרעמע מילך צו די ליפּן צוצוטראָגן.

דער פעטער

כ׳בין נישט דער גאַנצער נאַר; נאָר כ׳זאָל וויסן : וואָס אַזאַ שמיגעגע קאָן אין אַמעריקע אויפטון ?...

דער יונג

פסקענען שאלות אוודאי...

דער לערנער

דאָך עפּעס אַ וועלט דאָרטן, זאָגט מע... אַזוי פיל שטעט... און, אַזוי פיל ייִדן, קיין עין הרע אין די שטעט...

ס'ערשטע מיידל

אויסגעזאָרגט פאַר אַמעריקע; אים שײַן דאָרט פאַרזאָרגן, — ר'זאָל פאַר קיין הונגער נישט שטאַרבן...

דער בראָוקער

אַמעריקע גלייבט טאַקע גראָבע הענט מיט ברייטע פּלייצעס. נאָר פיט, ריט און אַטוירני סטריט, וועלן זיך געוויס דאָרט די קעפּן איבערן אַראָפּדרייען. .

דער לערנער

דאָ איז מיר נישט איבעריק גוט; מ'טיילט מיר צו אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט וואַסער. צמאָל: ביים רב עפּעס געפּלעגט קריגן, — אַליין דאָס הײַנט אויבעט נישט; און קוקט אויס, מ'זאָל אים אַרײַנטראָגן...

דער בראָוקער

און דו האָסט שטאַרק חשק צו פאָרן קיין אַמעריקע, צום טאַטן?

דער לערנער

פאַרוואָס נישט? מ'זיצט אַזוי אין בית-המדרש, און ס'קומט פאַר־נאַכט צווישן מנחה-ומעריב, די זון גייט אונטער, — באַפאַלט אַמאָל אַ חשקות צו זען די וועלט. נאָך דערצו: מ'האָט אַ טאַטן מעבר-לים, און דאָ איז מע אַליין, אַ יתום... נישט קיין מאַמע.. און מער ווי אין דעם איינעם שטיקל בית-המדרש, איז זיך נישטאָ אין גאָר אָנצוהאַלטן.. כ'שטיי אַליין צווישן ווענט און פאַליצעס ספרים און די לייבן איבערן ארון-הקודש קוקן צו מיר, און פרעגן: מעין באת ולאן אתה הולך.

דער שײַגעץ

צלמט זיך איבער

אימיא אויצאַ, סינאַ אי דוכאַ שוויענטעגאָ, אמין...

דער לערנער

אין לעצטן בריוו שרײַבט מיר דער טאַטע: ער שיקט מיר אַרויס מיט אַ שליח פֿון אַמעריקע, — געלט, אַ שיפֿסקאַרטע: דריטע קלאַס, בירגער־פּאַפּירן, און זאָגט מיר אָן זהיר וזהיר, אַז כ׳זאָל נישט אַנדערש זען צו טון, ווי גלײַך אַרויסצופֿאָרן מיט די מאַמע; און ווײַסט נעבעך גאָרנישט, — אַז די מאַמע וועט שוין מער צו אים קיין אַמעריקע נישט פֿאָרן... *נעמט די פּאָלע צום פּנים און ווייִנט אין איר שטיל אַרײַן.*

דער פּעטער

נישט קריגן אוודאי דאָרטן אַזאַ מציאה.

דער בראָוקער

אוודאי געוואָלט: זאָלסט פֿאָרן... כ׳וואָלטס מיר געהאַלטן פֿאַר די גרעסטע זכיה: כ׳זאָל דיך איבערברענגען צום טאַטן... נאָר, כ׳האָב שטאַרק מורא, — אַז כ׳וועל נישט קאָנען...

דער לערנער

זאָגט איר דאָס מיר?... פֿאַרוואָס האָט איר דאָס נישט געזאָגט מײַן טאַטן אין אַמעריקע?... וואָלט ער געוועז אָפּגעזוכט עמעצן אַנדערש, וואָס זאָל יאָ קאָנען..

דער בראָוקער

ס׳אי נישט קיין חילוק; ווען אַן אַנדערער זאָל קאָנען, — וואָלט איך אויכעט געקאָנט...

דער לערנער

האָט עס דער טאַטע דאָרט נישט געוואוסט?

דער בראָוקער

נישט דער טאַטע, נאָר איך אַליין אויך נישט...

דער לערנער

כ׳בין אויכעט אַזוי קלוג... איר קאָנט אוודאי בײַ עמעצן אַנדערש קריגן מער געלט, — ווילט איר זיך אַוועקדרייען פֿון מיר, מיך לאָזן שטיין, אין נעמען אַ צווייטן אויף מײַן אָרט...

דער יונג

לאָזט זיך נישט אַרײַנשפּייען אין די קאַשע, דער שמיגעגע.

דער בראָוקער

ס'אי נישט ס'געלט; ס'אַ מאָל די זאַך אַליין, פאַר וועלכע מ'באַדינגט זיך, מ'קריגט באַצאָלט, נאָר די אַמביציע טרייבט דערנאָך אַזוי אַריין, אַז מ'וויל זיך אַליין לאָזן קאָסטן...

דער לערנער

כ'ווייס נישט, וואָס ס'בריך אַזוי שווער אָנצוקומען ?... וואָס, כ'וויל פאָרן פאַר שוואַרצע ?... כ'זוך רייך צו ווערן אין אַמעריקע ?... בלויז נישט זיין אָפגעריסן... אַליין... נאָר, אינאיינעם מיטן טאַטן...

דער בראָוקער

און טאַקע דערפאַר וויל איך גיין פאַר דיר אין פייער אַריין און אפילו אַוועקקוקן... נאָר, כ'זאָל וויסן: דיר האָב געהאָלפן דערמיט...

דער לערנער

רבונו של עולם! כ'ווייס שוין באַלד נישט וואָס איבערצוקלערן...

דער בראָוקער

וואָס האָסטו איבערצוקלערן ?... גיי נאָך דערווייל אַהיים און קאָנסט זיכער זיין: כ'האָב דיך גוט אויפן קאָפּ. כ'פאַר ביינאַכט קיין ווארשע, און נישט שלאָפן דאָרטן...

דער לערנער

אַז די מאַמע האָט געלעבט, האָב איך געהאַט וואו אַהיימצוגיין; און אַז זי לעבט נישט — וואו קאָן איך ערגעץ אַנדערש גיין, אויב נישט צום טאַטן ?

דער בראָוקער

האָסט שוין היינט געגעסן ?

דער לערנער

געקאָנט איבערהאַלטן מ'איז מיר געקומען זאָגן: די מאַמע איז טויט... דאָס אינדאי קאָנען איבערהאַלטן, וואָס איר ווילט מיר זאָגן, — כאָטש כ'האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט גאָר...

דער בראָוקער

פאַרוואָס האָסטו נאָך היינט אין דיין מויל נישט געהאַט גאָר ?

דער לערנער

נישט ס'ערשטע מאָל, כ'בייס איבער נאָך וואָרעמס; און אַזוי ווי מ'האָט היינט מאָנטיק איבער די וועלט, מיר דאָס שוין פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מצוה, — אַז כ'וועל איבערבייסן נאָך מנחה...

דער בראָוקער

דיר געבן געלט, זאָלסט נישט ברויכן פאַסטן.

דער פעטער

שוין נושא חן געווען ביי אים.

די מומע

מזל ברויך מע האָבן....

דער לערנער

כ'האָב נאָך, ווי לאַנג כ'לעב, נישט גענומען ביי קיינעם, און פון עמעצן בהנה געווען, — כי הוה זה, וואָס דאָס איז...

דער בראָוקער

מיר דאָס אָפּנעמען ביים טאַטן.

דער לערנער

טאָמער, אייך נישט האָבן אָפּצוגעבן?

דער בראָוקער

וועסטו זאָגן דערפאַר אַ קאַפּיטל תהלים; דיר געבן מער, און זאָג צוויי קאַפּיטלען...

דער לערנער

ס'אי צופיל; נישט געוואוינט מ'זאָל מיר אַזוי פיל באַצאָלן..

דער בראָוקער

נו, וועסט אויסזאָגן דעם גאַנצן תהלים.

דער לערנער

מיט מעמדות; אייך נישט באַגזלן. אַפּ.

אַ באַוועגונג אויף די בענקלעך.

דער פעטער

אומגעדולדיק

יענער קאַכלט אים גאָר...

די מומע

אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט געלט.

ס'צווייטע מיידל

שטופּט דעם שייגעץ

גיי אים נאָך..

דער בראָוקער

צו וואָס וועט איר זאָגן גוטס ?

די מומע

שוין באַלד צוגעזעסן געוואָרן צום בענקל.

דער בראָוקער

ס'איילעניש איז ביי זיי אַזוי גרויס, ווי ס'וואָלט ביי זיי דאָ געווען אַמע-
ריקע ; זיך נאָך באַציַיטנס האָבן צו יאָגן...

די מומע

בלויז מיט איינעמען זיך אָפּגעבן, און אַלע איבעריקע לאָזן זיצן, —
נישט אומקוקן גאָר ?...

דער פעטער

שוין אויכעט גערן דערלעבן צו וויסן : וואו מ'איז ערגעץ ?...

די מומע

אויף די וועלט, צי אויף יענע ?

דער בראָוקער

ווער זענען די מענטשן מיט אייך ?

דער פעטער

ס'בני-בית, מיינס ; נישט מיטגעברענגט קיינעם פון די גאַס אַראָפּ, —
וואָס אי זיך דאָ צו פרעגן ?

דער בראָוקער

נישט געקאָנט קומען אַליין, די גוטע נייעס צו הערן, — נאָר זיי נאָך באַדאַרפט מיטברענגען?...

דער פעטער

עקסטרע; ווייל זיי ווילן נישט גלייבן, כ'האָב אַ רייכן ברודער אין אַמעריקע, — כ'זאָל מיר אַפילו די ביינער אָנשווערן..

דער בראָוקער

אָ, זייער גוט אַרויסגעאַרבעט... ווערט אַ סך געלט... אַ לענדלאָרד פון הייזער...

דער פעטער

ציר'ל, די הערסט?

די מומע

אַזוי ווי כ'ווייס נישט, מיר נישט שאַטן...

דער בראָוקער

און ער הלשט אייך אַרונטערצונעמען.

דער פעטער

כ'פאַרשטיי: אים שוין געמוזט גוט אָנשפאַרן אונטערן לעפעלע; אַזוי פיל יאָרן ווי ער איז אַוועק, — אים שוין נאָך אַמאָל אַזוי פיל אוודאי נישט געבליבן צו לעבן...

די מומע

וואָס פאַר אַ טובה טוט ער אים דאָ?... פרעמדע זוכן היינט אויס קרובים פון אונטער דרערד, און נעמען זיי אַראָפ; נישט, — אייגן בלוט!... אַ ברודער פון איין טאַטע-מאַמע געבוירן געמישט, — וואָס קאָן נאָך זיין נענטער?...

דער בראָוקער

ער האָט שוין גאָרנישט געדענקט, איר זאָלט נאָך לעבן.

דער פעטער

און איך אים, — לאַנג שוין געהאַט מיאש געווען..

ד י מ ו מ ע

אַז אַ מענטש נעמט און ווערט, לאַ־עלינו, פאַרפאַלן; דריי און דרייסיק יאָר, — און לאָזט פון זיך נישט הערן?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פאַראַן אַ סך אַזעלכע אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן אויסגעלעבט זייערע יאָרן און דערמאָנט אין זייערע קרובים, נישט די מלחמה..

ד י מ ו מ ע

נישט איינמאָל טאַקע געזאָגט: אַז מ'האָט איר נייטיק באַדאַרפט האָבן מיטן לעבן, די מלחמה..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַז אַ וועלט יידן אויף יענע זייט ים האָט דערפילט ס'אומגליק דאָ, פון וואַנעט זיי זענען אַליין אַוועק, — און גענומען וואַרפן מיט געלט. מיט, מיט וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט, איז אַ חידוש: אייגן בלוט האָט זיך אָנגערופן?...

ד י מ ו מ ע

זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר האָט דאָ אייער ווייב מיט קינדער?

ד ע ר פ ע ט ע ר

כמעט.

ד י מ ו מ ע

בלויז אייגענע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

איינער אַ פרעמדער. איז ער נאָכמער ווי אַן אייגענער.

ד י מ ו מ ע

קיין שום חילוק נישט.

ד ע ר פ ע ט ע ר

קום נאָר, הער. צירל; זאָל ער זען: כ'וועל מיך האָבן מיט עפּעס אויפצובאַווייזן אין אַמעריקע...

די מומע

זיס

מ'אי נישט גלאַט גע לאָזן. באַוויזט אויף די קלינע בלוט און מילך...

דער בראָוקער

אַ טאָכטער?

דער פעטער

אירע, פון ערשטן מאַן.

דער בראָוקער

איז זי ס'צווייטע ווייב ביי אייך?

דער פעטער

די ערשטע מיר, נעבעך, אָפּגעשטאָרבן מיט אַ יונגן טויט; און אַז כ'האָב איר דאָ נישט לאַנג גענומען, איז זי געווען אַן אלמנה; אַ ריכטיקע אַלמנה; איר פריערדיקער מאַן, פאַר מיר אַליין גע-שוואוירן: איז אומגעקומעןביים מיליטער, און כ'גלייב עס איר... אויף וואָס אי דען געווען די מלחמה, נישט: ס'מיליטער זאָל אומ-קומען?...

דער בראָוקער

נישט שטאַרק דאַרין געלעגן צו וויסן.

דער פעטער

כ'זאָג עס אייך: ווייל מ'האָט דאָס מיידל ביי די חתונה-אַקטן נישט גע-קענט אַרויפּ'עמעי צו מיר אויפן פּאַס; און געבליבן אַזוי ווי זי הייסט, און נישט ווי איך הייס.

דער בראָוקער

מיט אייער נאָמען...

די מומע

ס'אַנדערע מיידל די עלטערע, איז אויכעט פונקט ווי אַן אייגן קינד, — מ'ווייסט גאָרנישט אַנדערש...

דער בראָוקער

מיט איר אויך עפּעס נישט גלאַטק?..

די מומע

דעם ערשטן מאַן מיינעם, ס׳זאָל אים דאָרט די ערד אַרויסוואַרפן, וואו ער ליגט, — אונטערגעוואָרפן אונטער זיין טיר: „ס׳זאָל זיין פון אים!“ ווען זי איז קוים פיר טאָג אַלט געווען...

דער יונג

אָפּגעברענגט פאַרטיקערהייט.

די מומע

און אַליין איר אויסגעכאָוועט; אויף מיינע הענט געפּיאַסטעוועט.

דער יונג

בעסער געטון: ר׳וואָלט איר אָנגעבינדן אַ שטיין ביים האַלז, און אַרונטערגעלאָזט אין וואַסער אַריין...

די מומע

געמעגט פאַרברענט ווערן, אַז זי האָט געהאַט אַ האַרץ דאָס צו טון; וואָרן, ס׳האָט דען נישט קיין ברירה געהאַט צו זיין פון אַן אַנדער? ער האָט פאַר מיר דעמאָלט אַליין געשוואוירן: אַז ר׳וועסט נישט פון זיינע הענט און פיס צו זאָגן..

דער פּעטער

און מיט איר אויכעט ס אייגענע: אַן אַנדערן נאָמען....

דער בראָוקער

און, יענער. נישט אַמאָל: אַמאָל אַן אונטערגעוואָרפענער זון פון אייער דריט, מאַן?...

דער פּעטער

אַז איך בין ערשט דער צווייטער. ווי האָט זי געקאָנט האָבן אַ דריטן?...

די מומע

הלוואי ברענגט מע מיר עפּעס אַ שטיקל זון וואָלט ער געמעגט זיין פון וועלכן מאַן ס׳איז, — אים צוגענומען מיט ביידע הענט; נישט געקוקט פון וועמען, נאָר כ׳זאָל וויסן: כ׳האָב עפּעס... ווייל פון מיר, ווי כ׳זע, — וועט שוין מיט אים אפילו קיין קאַץ אויכעט נישט אַרויסקומען...

דער בראָוקער

גלייך געזען: נישט קיין יידיש פּנים.

דער פעטער

אָבער פאַרדאָס אַ יידיש האַרץ... וואָס האָט מע פון אַ פּנים, אַז ס'האַרץ איז ווערימדיק?... אויסגעבאַוועט צווישן ליטווישע יידן... קליינערהייט ביי זיי געהייצט די אויוונס... שבת אָראָפּגענומען די לייכטערס פונעם טיש.. קען זאָגן מודה אני.. ווייס אַ ברכה צו מאַכן איבער יעדן עסן, און אפילו אַ בורא נפשות ווען מ'ברויך...

די מומע

קוועלט

זאָג... זאָג... שעם דיך נישט...

דער שייגעץ

נעמט בראָקן

מודה אני ל-פ-נ-ך, מ-ל-ך ח-י — — —

די מומע

אַ ברכה און הצלחה זאָל קומען אויף זיין קעפּעלע, אמן סלה.

דער פעטער

דאָס האָב איך איך אים אַריינגעגאָרעט.

דער יונג

אַ פּאַפּוגיי ווייסט אויבעט נאָכצוזאָגן עטלעכע ווערטער.

דער בראָוקער

און איר ווילט: ער זאָל מיטפאָרן קיין אַמעריקע?

דער פעטער

מ'זאָל קאָנען: פאַרוואָס נישט? וואָס, אַמעריקע מוז נאָר בלויז זיין פאַר יידן...

די מומע

פאַרצייטנס, נאָך עפּעס ערגערס פאַר אים געפאָרן; גויים, היצלעס, — שפּיצנמעסערס זיי פון די כאָלעוועס אַרויסגעשטעקט...

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַז מ׳האָט אַ הונט אַ געטרייען, איז אים אויך אַ שאָד איבערצולאָזן; געטריי ווי אַ הונט, און מיט אַ צורה פון אַ מענטש; גלייבט מיר: נישט דאָס איינע וואָס ער איז אַן ערל, — מיר גאָרנישט געוואונטשן קיין בעסערן מאַן פאַר די טאָכטער אירע צו קריגן...

ד י מ ו מ ע

אים צוגעבאַפט מיט ביידע הענט, וואָס קלערסטו?

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַז, ער זאָל ווערן אַ ייד?

ד י מ ו מ ע

ס׳אַזוי מיגלעך, ווי אין הימל זאָל זיין אַ יריד.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר דאַרפט זיך דעריבער נישט קריגן, ווייל איר אַליין האַלט נאָך אויך דערווייל זייער ווייט פון פאָרן...

ד ע ר פ ע ט ע ר

צעטומעלט

הע?... עפעס זאָגט ער דאָך יעדן איינעמען אָפּ ס׳לעבן, דער ייד פון אַמעריקע?...

ד י מ ו מ ע

אַבי כ׳האָב געמיינט, ער פרעגט זיך אַזוי אויס, — ר איז שוין פיקס און פאַרטיק מיט אונז...

ד ע ר פ ע ט ע ר

געקומען הייסן מאַכן די פעקלעך, און נעמען אויף די שיף.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

כ׳האָב אויך אַזוי געמיינט; נאָר, ס׳האָט זיך איבערגעדרייט, און פון טאָג געוואָרן נאַכט...

ד י מ ו מ ע

דאָס אַמעריקע איז עפעס ווי אַ קדוחת.

ד ע ר פ ע ט ע ר

זיכער

איר ווילט מיך הערכן, און אָנעמען מײַן עצה ?.. שרײַבט גלײַך אָן אַ טעלעגראַם צו מײַן ברודער קײן אַמעריקע ; אַז ער וועט דאָס דער־הערן, — שוין עפּעס זען דאָרט צו טון, מ׳זאָל נישט בלײַבן דאָ קוועטשן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פֿאַר אײַך גאָרנישט קאָנען טון.

ד ע ר פ ע ט ע ר

שוין אָפּגעפּסקנט ?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פּלוצלינג

איר וואָלט באַשטאַנען אַלײן צו פֿאָרן, און דאָ לאָזן אײַער װײַב ?...

ד ע ר פ ע ט ע ר

צעטומעלט

ווי ?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַז איר וועט דאָרט זײַן, גרינגער אָנקומען זיי דערנאָך אַראָפּצונעמען...

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַ מיאוסע מעשה.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

די מעשה איז אַ שײנע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

צירל, דו הערסט ?

ד י מ ו מ ע

אַנגעצויגן

כ׳בין נישט טויב.

ד ע ר   פ ע ט ע ר

דו וואָלסט געוואָלט דאָ בלייבן, כ׳זאָל מיך דערווייל אַליין צַריבער־כאַפּ, אָדער גאָר מיט די קליינע ?...

ד י   מ ו מ ע

פּלאַצט אַרויס

נאָך מיין טויט !... אַז דו וועסט מיך האָבן אין דרערד...

ד ע ר   פ ע ט ע ר

כ׳האָב איר נישט וואָס צו פאַרדענקען ; אַ ווייב, סך־הכּול : איין יאָר נאָך די חתונה ; אין די יונגע יאָרן גאָרנישט געלעבט... געהאַט אַ מאַן אַ שיכּור, נישט געשטאַנען אויף די אייגענע פיס, און געלעגן ביי זיך אין אייגענעם בעט... מיך יאָ אָנגעקריגן, פאַרוואָס ווידער וועלן אַ וועקלאָזן ?...

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

עפּעס ייִנגערס פאַרלאָזט הייַנט ס׳ווייב, אין אויב מ׳דאַרף : אַפילו פיצ־לעך קינדער, אויב זיי האַלטן צוריק פון פאָרן קיין אַמעריקע...

ד י   מ ו מ ע

אַלע שמחות זאָל ער דערלעבן, נאָר די איינע שמחה אים פאַרשטערט ווערן.

ד ע ר   פ ע ט ע ר

האָב איך נישט ביי דיר געטראָפן, שוין ?

ד י   מ ו מ ע

קיין אַמעריקע ווילסטו ביי מיר פאָרן, אַלטער כּלב, — אויפן בויך וועסטו ביי מיר פאָרן...

ד ע ר   פ ע ט ע ר

שוין נישט אַראָפּקריכן ?... האַלטן שבת אויף מיר ?...

ד י   מ ו מ ע

קיין איין טאָג נישט זיין אָן אים ; איינגאַנצן האָבן אָפּגעפרייט אַ יאָר, און שוין אַזוי פרי באַשטאַט ?... אויפן קברות דיך פריער האָבן, איידער ס׳זאָל מיר אויסקומען צו זאָגן : אין אַמעריקע...

ד ע ר פ ע ט ע ר

איר זעט ?.. פאַר די בלויזע העזה, וואָס כ׳האָב איר געהאַט צו פרעגן, — ווי זי שפּרינגט, און וויל מיך אויפעסן ?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר מיינט: מ׳כאַפּט אים שוין דאָרט אויס ?... נאָך געזען אַזעלכע שיינע מענטשן אין אַמעריקע...

ד י מ ו מ ע

אַ מאַן, אַז ער שטעקט אַריין אַ פוס אין אַמעריקע, איז די ערשטע כפּרה, — ס׳ווייב: וואָס מיינט איר, ווייסט מע דאָ נישט ?..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ס׳חלומט זיך אייך.

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

מומע, איך קאָן אַמעריקע; ס׳אַ מדינה פון בלויז אַלטע מיידן; איר לאָזט אים אַרויס, — איז ער אָפּגעפּאָרן; נישט זען מער פאַר די אויגן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אויפגעבראַכט

אַזוי גוט קענט איר אַמעריקע ?

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

ענגליש

איי שאָד סיי.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איבעראַשט

דו יו טאָק ענגליש ?

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

יו בעטשע לאַיף.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַזוי גאָר ?

ס׳ערשטע מיידל

אמעריקן נוירל.. מיך געבּרענגט קיין אַמעריקע, אַ פּיצל בייבּי...

דער בּראָוקער

נאָר וואָס געהערט: האָסט דיך דאָ אויפגעצויגן...

ס׳ערשטע מיידל

יאָ, אָבער אַ מויד מיט פּלים ערשט דאָרט געוואָרן...

דער בּראָוקער

אין דאַטסאָל?

ס׳ערשטע מיידל

אויסגעוועזן אין אַלע סטייטס; וואו מ׳זאָל מיך נישט אַראָפּלאָזן: אין דזשוירזי, אין אָהייאָ, מאַסאַטשוזעטס, מערילענד, — אין ערגעץ נישט פאַרלוירן גיין...

דער בּראָוקער

ווי קומסטו דאָ אַהער?

ס׳ערשטע מיידל

אַז כ׳האָב געקאָנט פאָרן קיין קאַליפאָרניע פאַר נאַטינג, — דאָך געמעגט קיין יוראָפּ אודאי פאָרן; דאָ האָב איך כאָטש ליגן אַ טויטן טאַטן, וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר געלאָזט אין דרערד..

דער בּראָוקער

געקומען אויף קבר-אבות.

דער יונג

אויף קבר אבות, יאָ...

ס׳ערשטע מיידל

און געבּליבן שטעקן; צוליב די מלחמה, — מער נישט געקאָנט צוריק אַהיימפאָרן; אָפּגעפינסטערט אַזוי פיל יאָרן...

דער בּראָוקער

ס׳האָבן אַ סך אַמעריקאַנער פאַרזוכט דאָס בּרויט... פּלוצלינג וואו איז

דער לערנער ?... נעמט לויפן ער איז שוין אין דרויסן... ברענגט אַריין דעם לערנער, וועלכער האַלט עפּעס אין מיטן עסן גוואַלט וואו ביסטו ?...

דער יונג

אין די הויט !

דער לערנער

מיט א פולן מויל

קוים געקאָנט קריגן אַן אייער-קיכל, כ'זאָל דאָס קאָנען נעמען צום מויל, אומגעוואַשן...

דער בראָוקער

דו ווייסט גאָרנישט : ווי שמאָל דו האָסט געהאַלטן ; דיר אויף אַזוי פיל נישט געוואָלט פאַרשווערן ס'האַרץ... דיך אָנגעקוקט, ווי עלנד דו ביסט... הונגעריק און באָרוויס... אָפּגעריסן...

דער לערנער

וואָס האָב איך דאָ צו רעדן ?.. אַז ס'פּנים מיינס רעדט, די אויגן רעדן, די נאָז רעדט, און וואָס רעדט דען נישט ביי מיר ?...

דער בראָוקער

און מיר אַזוי געטראַכט : אַז נאָכדעם ווי זי מאַמע איז דיר אָפּגעשטאָרבן, איז אַמעריקע געוואָרן אַלץ מיטאַנאַנד ; און ביים שלאָפן גיין און אויפשטיין, — איר אויף קיין רגע פון די געדאַנקען נישט אַראָפּגעלאָזט...

דער לערנער

אַז ס'אי מיר נישט געבליבן מער קיינער אויף די גאַנצע וועלט, ווי דער טאַטע, — און ער איז אין אַמעריקע ?...

דער בראָוקער

און גאָרנישט געוואוסט, אַז אַמעריקע איז פאַר דיר פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער...

דער לערנער

איר ווילט מיך אָפּשרעקן ?... יאָרן, דער טאַטע איז שוין דאָרטן... און נישט געוועזן גלאַט אַזוי אין די וועלט אַריין... געזען טאַקע צו ווערן אַ

דאָרטיקער מיט אַלע כּלים... און מיך קיין כּוח נישט האָבן אַריבערצו-נעמען ?... אַן אייגן קינד ?...

דער בראָוקער

יאָ... דו ביסט אָבער עלטער פון איינאונצוואַנציק יאָר.. און ער איז מער קיין מאַטע נישט, דו, — נישט קיין קינד... צוויי באַזונדערע וועלטן... און ס'אייך באַשערט צו זיין אָפּגעזונדערט ס'גאַנצע לעבן איינע פונם אַנדערן... יעדע פאַר זיך..

דער לערנער

נעמט פאַלן אונטער זיך

אוי, ס'ווערט מיר פינסטער אין די אויגן...

דער בראָוקער

האַלט אים אונטער

חלש נישט דו וועסט פאָרן..

דער לערנער

ס'קלעמט מיך ; כ'ווער צוגעקלעמט צום טויט...

דער בראָוקער

זעסט דאָס מיידל ?... זי איז אַן אַמעריקאַנערין .. אויף איר שטייט איצט די גאַנצע וועלט דיינע... זי וועט דיך מיטנעמען קיין אַמעריקע .. וועסט זיין איר חתן...

דער יונג

שפרינגט-אויף

וואו ברענט ?

דער בראָוקער

כע-כע.. ס'אפילו נישט שיין, נאָר אָנקל סעם וועט מיר מוחל זיין ; אַז ער וועט אים אָנקוקן, באין ברירה מוזן אַראָפּרוקן ס'היטל איבער די אויגן, ר'זאָל נישט זען : ווי כ'וועל אים אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, צום טאַטן..

די מומע

מיטאַמאָל

ליבע, קום אַהיים !

ד ע ר י ו נ ג

אין לאָך אַריין!

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַראָפּגעפאַלן

וואָס נעמט איר זיך ווידער איבער, און שטייט אין גרויסן? כ'גיי זי דאָך נישט ביי אייך צוכאַפּן...

ד ע ר י ו נ ג

אין דער מדרגה

אַז איר וועט כאַפּן, וועט מע קלאַפּן...

ד י מ ו מ ע

מיט אַ פּרעטענזיע

אַז איר ווילט דעם שמיגעגע אַ טובה טון, — זאָל איך פאַרדאָס בלוטן מיט אַ לעבעדיקע מויד?...

ד ע ר י ו נ ג

אַ מויד איז זי?

ד י מ ו מ ע

אַ ברויט מיט אַ מעסער.

ד ע ר ש יי ג ע ץ

כאַ-כאַ-כאַ...

ס׳ צ וויי ט ע מ יי ד ל

כי-כי-כי...

ד ע ר פ ע ט ע ר

דערבייזערט

וואָס טוט זיך דאָ?... איר וועט אַלע שטום ווערן?... צומאַכן די מיילער אויף אַ רגע?...

ד י מ ו מ ע

אויב דו האָסט נאָך ווייניק אָפּגערעדט, — נאָך צייט אַרויסצופּאַקן דעם נאַר דיינעם... רעד...

דער פעטער
אײנגעשטילט

װי װעט זײן: ס׳מײדל װעט אים אונטערשטעלן אַ פּלײצע, גאָרנישט האָבן אױסצװזעצן, — כ׳װעל מיר אַלײן אױכעט װעלן העלפן ?...

דער בראָוקער

אױב איר קאָנט ?... כ׳בין מחויב צו פאַרהיטן די װעלט, צי אַפילו מײן אַמעריקע, — ס׳זאָל איר קײנער נישט אָפּנאַרן ?... איר מעגט זיך אַפילו שלאָגן קאָפּ אין קישן, נאָר איך װעל מיך נישט מישן...

דער פעטער

אױב אַזױ, קוקט צו ס׳גרײיטע, און זען : מ׳װעט אַלע פאָרן...

די מומע

דרײ מײל אונטערן אויוון, לײװנט קויפן...

דער פעטער

װי איר קוקט אים אָן, דעם גזלן, איז ער אַ זײדענער יונגערמאַן ; ביז מיט אַ יאָר צוריק געזעסן און געלערנט ; אַלע זײנע יאָרן אָפּגעלעגן אין דער ישיבה, געהאַט אַ טאַטן אַ רב...

דער יונג

דעם גראָכאָװער צדיק...

דער פעטער

דאָ, איבער די פינסטערע מלחמה געװאָרן אַזױ צעלאָזט, און געקריגן אַ גרויס מויל ; נאָר איר װײסט דאָך : אַז דער הונט װאָס בילט, בײסט נישט...

דער בראָוקער

װאָס האָט דאָס צו טון מיט אַמעריקע ?

דער פעטער

װאָרן, ער מוז דען אַהינקומען מיט די אָפּגעגאָלטע מאָרדע ?... אַז ר׳װעט זיך פאַרלאָזן אַ בערדל, אָנטון אַ לײטישע קאַפּאָטע, אײנטװישן ס׳לאָבוסע-װאַטע היטל, און פאָרן װי אַ ייד, אַ גוטער ייד...

דער בראָוקער

אַ רב ?...

דער פעטער

און אפילו דער שייגעץ ?... איר וועט נאָך דעם יהוס זיינעם מיט קיין זאַך רענדלעך נישט אָפּקויפן ; דער טאַטע זיינער געווען אַ גלח, און נאָך אַ פּוילישער גלח דערצו... איר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט ?... און נישט בלויז דער טאַטע, נאָר אפילו דער זיידע, די עלטער-עלטער זיי-דעס זיינע — גלחים געווען ; אַליין, געוואַלגערט צווישן טמאות ; און ס׳זאָל דאָס גאָרנישט זיין, וואָס ס׳וואָלט פון אים געוואָרן, ס׳אַר שונא ישראל... נאָר, די אייגענע מעשה : די מלחמה אים איבערגעפירט... קאַליע געמאַכט...

דער בראָוקער

אויף וויפיל כ׳ווייס, וויל מע נאָך דערווייל מיט קיין כלי-קודש אין אַמע-ריקע נישט איינרייסן ; און מ׳לאָזט זיי אַריין...

דער פעטער

בעמט אפילו ס׳ווייב מיינס, מיינט איר : זי איז עפעס בילי-ווער ? נישט אויף קיין געלעכטער, זיך אַמאָל נאַריש געמאַכט... מ׳איז געלעגן אויף די בייכער, און געהאַלטן ביי די זייטן, אַז זי פלעגט זיך פאַרשטעלן... און אַזוי ווי ר׳קוקט איר אָן, קאָן זי אייך נאָך היינט צערעכט מאַכן די הענט, — מ׳זאָל זיך קומען איינצוּלויפן...

די מומע

נעמט גאָרגלען

סאָל-דאָ, דאָ-סי — — —

דער בראָוקער

אַ פאַרשטעלטע וועלט, דאָ...

דער פעטער

איר, פעטער, קוקט צו ס׳גרייטע ; און איר אַלע, אַז איר וועט זיך אָרנטלעך אויפפירן, עסן אין די סוכּה, כ׳מיין : פאָרן קיין אַמעריקע... איך וועל מיט אייך פאָרן...

די מומע

אַז מ׳וועט לעבן, וועט מע זען...

דער בראָוקער

וואו איז דער לערנער? און דאָס אַמעריקאַנער מיידל?... מיט זיי פּאָר איך נאָך היינט קיין וואַרשע, נעמען וויזעס...

דער פּעטער

אַ גוטן טאָג... אם ירצה השם, אויף די שיף, — זיך זען אין פריידן... אַפּ מיט אַלע.

דער בראָוקער

נעמט זיך מאַכן דאָס רייזע־טעשל

כמעט נישט געבליבן מער וואָס צו טון דאָ...

ס׳ערשטע מיידל

שאַרט זיך צו צום לערנער

לאָמיך מיך נאָר זען, מיט וועמען מ׳האָט מיך פאַרשלייערט?...

דער לערנער

רוקט זיך אַוועק

נאָר פון די ווייטנס... און נישט מיט די הענט, חלילה.

ס׳ערשטע מיידל

זוי אַלט ביסטו, שמיגעגע?

דער לערנער

פאַר אַמעריקע האָב איך שוין גענוג, די יאָרן.

ס׳ערשטע מיידל

און חתונה צו האָבן, שוין אויכעט וויסן?

דער לערנער

נישט האַלטן דערביי.

ס׳ווייבל

קומט אריין, פירט אַ קליין יינגעלע

כ׳גיי אַזוי אַהיים, טרעף איך האַלב-וועגס דאָס ווייבל, וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט; זי גייט מיר אַקעגן מיטן קינד, — האָב איך עס אייך אומישנע געברענגט צו ווייזן: אויב ס׳וועט זיך אויסטויגן פאַר די האַלבע שיפסקאַרטע?

דער בראָוקער

צערייצט

נאָך אַלץ פון קאָפּ נישט אַרויס?.. פריער אַליין קייכן פאַר געלעכטער, — ביז ר׳וועט דערלעבן צו זען אַמעריקע פאַר די אויגן.

פאָרהאַנג

צווייטער אקט

ניט לאַנג דערנאָך
אויף דער שיף

די מומע

ערגעץ נעמט טענער

סאָל־דאָ, דאָ־סי! סאָל־דאָ, דאָ־סי! סאָל־פּאַ־מי־רע־דאָ! ווער זאָל זיך ריכטן: ס'וועט מיר נאָך אויסקומע אַמאָל דאָס צו טון?... ס'אַמעריקע.. ווי פרייע סאָל־דאָ, דאָ־סי, סאָל־דאָ — — —

מ'הערט דעם קימען בלאָזן.

ס'ווייבל

קומט ארויף

כ'בין נישט ווערט צו מעלדן. ס'האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. זעצט זיך זאָגן און גאָט פון אברהם. פון יצחק, פון יעקב... היט אָפּ דיין ליבהאַרצעדיק פאָלק ישראל, און האָב דערבײַ אויכעט אין זינען דיין דינסט ביילע גי־טעלע, וואָס וויל נעבעך נישט בלייבן פּאַרוויסט, נאָר וויסן פון אַ מאַן צו זאָגן, און זיך האָבן מיט עפּעס צו שפּילן...

מ'הערט קלינגען דעם גלאָק.

דער ברוקער

קומט אַרויף מיטן לערנער, וואָס האַלט זיך פֿון אויף די פּיס

וואָס ווערסטו דאָרט אויסליגן צווישן די געזעריים פון שיף?... ס'אי דאָך אונטן דערשטיקט צו ווערן...

דער לערנער

ציט אָפּ ב'אָטעם

דאָ כאָטש אַ ביסעלע לופט.

ס'ווייבל

אַפּנים ער האָט אויף זיך געבומען, — אַ שענערס לייגט מע אין דרערד אַריין.

דער לערנער

וויל ברעכן

ס'האָט נישט וואָר אַ שטיקל לימענע?... ס'האַרץ, כ'האָב שוין קיין האַרץ נישט; אַלץ רייסט זיך מיר אינעווייניק אָפּ פון ברעכן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ס'אַ מענטש קיין אַמעריקע; ניין טאָג אויפן ים, און נאָך אַלץ חרוב; קאָן נישט קומען צו זיך.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וואַרגט זיך

ס'לאָזט מיך גאָרנישט אָפּ.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ציטער נישט אַזוי... ס'אי נאָך קיינער דערפון נישט געשטאָרבן... אַזויווי דו וועסט נאָר דעריש־פירן די ערד אונטער די פיס, דיך ס'חלשות אָפּטרעטן, — און צוריק זיין מיט אַלעם, געזונט.

ס ' וו יי ב ל

כ'בין דאָך אויכעט נישט אַזאַ גבור, נאָר וואָס ס'האָט געקאָנט פון אים ווערן דורך די עטלעכע טעג, — ס'אַ שרעק אויפן צו קוקן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט קיין מיגלעכע זאַך אין די וועלט, כ'זאָל קאָנען איבערהאַלטן... גיט זיך אַ כאַפּ אוי... אוי, דער בויך...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

צום ערשטן מאָל ווער ס'פאָרט אויפן ים, מוז קראַנק זיין; ס'מיידט קיינעם נישט, אַפילו דעם שטאַרקסטן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מיר אויסקומען נאָכאַמאָל צו פאָרן, כ'ריער באַשטיין: צו לאָזן נ'קאָפּ אַראָפּהאַקן...

ס ' וו יי ב ל

מ'טאָר דאָס גאָרנישט זאָגן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

באַלד איבערגעקומען; נאָך אַמאָל אַזוי לאַנג נישט געמען... וואָס שלעפּט ער נאָך דעם זאַק מיט זיך?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ניטע, נאָך צעברעכן ס גלאָז איינגעווייניק.

ס ׳ וו יי ב ל

ס׳אַר גלאָז טראָגט ער דאָס מיט זיך אַרום ? לאָזט עס נישט אַרויס ביי־
טאָג פון די הענט, און לייגט דאָס אונטערן קאָפּ ביים שלאָפ גיין ?..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַ פלעשעלע בוימל, וואָס דער רבי האָט מיר אָנגעשפּראָכן, און אָנגעזאָגט
ס׳לעבן, — כ׳זאָל׳ס כסדר האַלטן מיט זיך...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פאַר א סגולה ?

ד ע ר ל ע ר נ ע

די שיף זאָל נישט אומפאַלן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע

ברויכסטו אויפן פלעשעלע בוימל, אַ זאַק ? קאָנסט עס נישט האַלטן ביי
זיך ערגעץ אין אַ וועסטל־קעשעניקל ?...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ס׳ליגט אין אַ ביינערן שיידל פון אַ מזוזה, צוזאַמען מיט אַ פאָר נייע
בתים פון תפילין, איינגעוויקלט אין אַן ארבע־כנפות, און אַרומגעבונדן
מיט אַ בינטל כשרע ציצית איבערגעוועבנע.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מער באַוואָרנט פאַר יעדן איינעם, און ערגער־אָפּ פאַר אַלעמען. אָפּ

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ברעכט

כ׳האָב שוין מער קיין גאַל נישט... כ׳ווייס נישט : פון וואַנעט ס דער־
נעמט זיך צו מיר אַזוי פיל צו ברעכן ?... נישט געהאַט אין מויל, זינט
כ׳בין אויף די שיף אַרויף... און וואָס זי גיט זיך אַ שאָקל, שפּיר איך, —
ווי ס׳קערט זיך מיר אַלץ איבער אינעווייניק, אין בויך...

ס ׳ וו יי ב ל

אָפּגעבן אַ שבח צום אייבערשטן, וואָס מ׳איז שוין באַלד דעם ביטערן
ים אַריבערגעקומען, ברויך מע ווידער אַצינד הייס בעטן, — מ׳זאָל בשלום
אַראָפּגיין פון די שיף.

דער לערנער

אויף וואָס מ׳ברויך אַלץ צו בעטן ?... אין וואַרשע געבעטן אויף אַ וויזע; איר געקריגן, — מ׳זאָל נישט בלייבן שטעקן אין דאַנציקער „טרויל״; אַרויס פון דאַנציק, — מ׳זאָל נישט פאַרהאַלטן אין ליווערפול. אַרויס פון ליווערפול, - מ׳זאָל אַריבער דעם ים; שוין מיט מזל דעם ים אויכעט באַלד אַריבערגעקומען, ברויך מע ערשט הייס צו בעטן: ס׳זאָל נישט אַלץ האָבן געווען בחנם, און צוריקשיקן...

ס׳ווייבל

וויניק געקערט וועלטן מיט מיר אין דאַנציק ?... אויסגעטון, זאָלסט מיר מוחל זיין, — ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, און געשטעלט קוקן מיט שפּאָקטיוון, אַדורך און אַדורכקוקן... דערנאָך: אָנגעהויבן ס׳רייסן די נעגל, ציפּן האָר... ס׳אי דאָך געגנוג, האָב איך מיך געבעטן: מ׳זאָל זיי אָפּשערן, ניין ?... נאָר אויסרייסן, ס׳זאָל אויף דעם אָרט מער קיין האָר נישט וואַקסן, נו ?.. נאָך געהאַט איין שטיקל גליק וואָס כ׳האָב נישט קיין סך פליישׂ אויף מיין לייב, און דאָס האָט מיר אָפּגעראַטעוועט ס׳לעבן; זיי האָבן מיך ערשט געוואָלט נעמען אין די אַרבעטס גריין, קנעטן און וועלגערן, נאָר... ס׳אי נישט געווען וואָס.

דער לערנער

מיר, אַזוי ווי מ׳האָט זיך צו מיר גענומען, האָב איך מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ קרבן: נאַדיר די פיס, און וואַש; נאַדיר ג׳קאָפּ, אין גאָל; נאַ דיר ס׳לייב און שטעך; ציפּ די האָר, שינד די הויט, רייס די אָדערן, צאַפּ ס׳בלוט, נאָר די נשמה מ׳זאָל מיר איבערלאָזן, — באַשטיי איך אויף אַלעם; מ׳זאָל אַפילו ס איבעריקע וואַרפן פאַר די הינט; וואָס ברויך איך ס׳פליישׂ אויפן לייב צו טראָגן ?

ס׳ווייבל

ערגער: וואו מ׳קאָן זיך נישט אויסקויפן מיטן לייב; אַז מ׳האָט זיך גענומען צו מיר אין וואַרשע ביים קאָנסול, האָב איך געמיינט: ס וועט זיין מיין סוף...

דער לערנער

זיך אין מיר אויכעט געוואָלט איינהילן, נאָר כ׳האָב מיך נישט געלאָזט.

ס׳ווייבל

געקאָנט זיין אַ גרויסער בריה לאָז זיך דיר דוכטן: כ׳האָב מיך אויכעט נישט געלאָזט..

דער לערנער

פאַר מיר אין די אויגן צוועקגעשטעלט אַן אַלטע יידענע, — איר געפּאַסט צו זיין מיין עלטער-באָבע; און אַלץ דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַ שטומע צונג, און נישט געוואוסט צו ענטפערן ריכטיק.

ס׳ווייבל

ווער האָט דע יאָ געקאָנט וויסן ריכטיק... פאַר מיינע אויגן אַוועקגעשטעלט אַ ווייבל, האָט בלוט גערונען פון אירע אויגן נישט קיין טרערן...

דער לערנער

מיר אָנגעשטופּט אַ פולע קעשענע מיט שאלות די אַלטיטשקע, פאַרשריבן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, — כ׳זאָל זיי אָפּגעבן די קינדער אירע אין אַמעריקע; זי האָט דאָרט, מיר געזאָגט, — הונדערט און זיבן-און-ניינציק אייניקלעך און אור-אייניקלעך, און זיי בלויז געוואָלט כאָטש אָנקוקן, איידער זי מאַכט-צו די אויגן אויף אייביק...

ס׳ווייבל

מ׳האָט זיי מיר אויכעט נישט ווייניק אַריינגעשטופּט די פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר; וואָר, אין אַמעריקע זאָלן זיי זיין אַזוינע גרויסע חכמים, און דאָס יאָ וויסן?..

דער גלאָק אויף די שיף נעמט קלאַפּן, אַ ווינט בלאָזן.

ס׳ווייבל

לייענט שטיל אַרויס

וויפיל פעדערן האָט אַ גאַנז?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס.

וויפיל האָר זענען פאַראַן אין אַ ווידל פון אַ פערד?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳וויבל

לייענט שטיל אַרויס

ווי אַזוי מאַכט מע אַ קלייד פון זאַמד ?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

ווי אַזוי ווערן געמאַכט אַ פּאָר הויזן פון לופט ?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳וויבל

לייענט שטיל אַרויס

וואָס פליט שטאַרקער : אַ פויגל צי אַ פליג ?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

וואָס וואַקסט אויף דריי ביימער ?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳וויבל

לייענט שטיל אַרויס

אויב ס׳אַ פייער אויף אַ שיף, און די מענטשן פאַלן אַריין אין וואַסער, — פון וואָס לעבן זיי ?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

אויב מ׳פאַרלירט אַ בייטל מיט געלט אין אַ קיילעכדיקן גאָרטן, — פון וועלכן עק ברויך מע אים אָנהייבן צו זוכן ?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳וויבל

לייענט שטיל אַרויס

וויפיל ציין האָט אַ וואָרענע ?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

ווי אַזוי ציילט מע געלט אויף צוריקוועגס ?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳ווייבל

לייענט שטיל אַרויס

ווי אַזוי מאַכט מע אַ פּעסל פֿון שמאַלץ?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

וויפֿיל וואַסער איז אין אַ ברונעם?

קוקן זיך ביידע אַרום.

ס׳ווייבל

לייענט שטיל אַרויס

וואָס איז מער פֿון צוויי?

דער לערנער

לייענט אויך שטיל אַרויס

וווּ איז דער מיטן פֿון אַן איי?

קוקן זיך ביידע אַרום.

דער גלאָק אויף די שיף נעמט קלאַפּן שטאַרקער. דער קוימען אומגעהײַליש צו פּייפֿן, און דער ווינט, וואָס האָט שטיל געבלאָזן, — פֿאַרטויבט.

דער לערנער

אָפּגעשראָקן

ס׳ווערט שוין ווידער לעבעדיק אויפֿן ים.

ס׳ווייבל

זעסט: די שטיקער וואַסער?... בלויז איין שטיק זאָל אַ כמאַליע טון די שיף איבערן קאָפּ, — מעג מע זיך אָפּגעזעגענען מיטן לעבן...

מ׳זעט מאַטראָזן קלעטערן אויף די שטריק.

דער לערנער

ווי לאַנג וועט זי אים נאָך אַזוי שניידן, און נישט צורו לאָזן? וואָס ער לייגט זיך אויס, דער ים, וויל איינדרימלען, נעמט די שיף און שניידט זיך צו מער איין אינם; זאָל ער זיך נישט דערפּעסן, און איר וועלן אָנפּאַטשן אַביסל?...

ס׳וויבל

איי, גיט ער איר פּעטש! פייערדיקע פּעטש! די שיף שוויגט אָבער אויכעט נישט... הערסט: ווי זי שרייט?... שרייט, און גייט... שרייט, און גייט...

דער לערנער

זיבן, אַכט טאָג פאָרן, און נישט אָפּשטעלן זיך אויף קיין איין האַלבע שעה? זיין אַזוי איינגעעקשנט, און כסדר וועלן גיין, גיין...

ס׳וויבל

ס׳אי גאָרנישט וואָס צו רעדן: זי זאָל זיך פּ״יער אָפּשטעלן, איידער מ׳וועט צרייכנקומען קיין אַמעריקע.

דער לערנער

נישט זיין וואו אויפן ים קיין עק זיך אָנצושפּאַרן: אָדע״, בלייבן הענגען אַ ווײַלע אויף גאָרנישט..

ס׳וויבל

אַ שיף, אַז זי שטעלט זיך אָפּ אויפן מיטן ים, איינס-צוויי, — ליגט זי; דער גאַנצער כוח וואָס זי האַלט זיך, איז דערפאַר, ווייל זי גייט; אָפּגעשטעלט, מוז מע איר צו עפּעס צובינדן מיט אַ שטריק, אַנישט קערט זי זיך איבער...

דער לערנער

פאַר איר אַליין אויכעט געזונטער געווען, — זיך אַביסל אָפּצורוען נאָך אַזאַ לאַנגע נסיעה...

ס׳וויבל

ס׳אי נישט בערילע שייגעץ מיט די פור, — מ׳איז מער ביי אים געשטאַנען ווי געפאָרן; דאָ גיט מע עפּעס פאָרן געלט...

דער לערנער

און ביי בערילן שייגעץ נישט איבערגעהאַלטן, ס׳זאָל מיר אויסקומען צו זיין צוגעקאָוועט בלויז איין טאָג מיט אַ נאַכט צום געזעס.

ס׳וויבל

זיצן איז שוין געווען גאָלד; אויב ס׳האָט נישט אונטערגעהויבן ביי יעדן

שטיין, און די בעביכעס א־ויסגעוואָרפן... צי גאָר באַדאַרפט נאָכגיין, העלפן שטופן נ׳וואָגן אונטער יעדן באַרגל... זעסט די בערג, אויף וועלכע די שיף גייט אַליין אַרויף?... און מ׳ברויך איר גאָרנישט אונטערשטופן?...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַזוי ווי זי נעמט מאַכן די קונצן, פאַרדרייען זיך מיר גלייך די אויגן אינם קאָפּ, און כ׳בין חרוב...

ס ׳ ו ו י י ב ל

כ׳פעלט דיר נישט מער, ווי ס׳זאָל דיר אָנחשקן צו שטאַרבן אויף איר; מיינסט: מ׳וועט דיך צוריק אַהיימפירן?... אָדער, ברענגען כאָטש צום טאַטן קיין אַמעריקע, — ער זאָל דיך באַגראָבן?... צובינדן צו אַ ברעט, און גלייך אַרונטערלאָזן אין ים צו די פיש אין מויל אַריין...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט קומען צו קבר ישראל... לייד׳ קיין חבוט הקבר... פאַרשפאָרן צו ווערן אויפגעוועקט פון מלאך דומה... און ס׳וועט זיין ביום ההוא, יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בא ץ אשור, והנדחים בארץ מצרים...

דער גלאָק אויף די שיף קלינגט.

ס ׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

קומט אַרויף

וואו איז ער ערגעץ, דער שמיגעגע? נאָך אַלץ אין דרערד מיט די ביי־נער?... כ׳בעט אים עפּעס אַראָפּצונעמען און ער האָט מורא: ר׳זאָל זיך נישט טריפה מאַכן... מיט אַ געבראָטענעם ערפל לעבט ער שוין באַלד ניין טאָג...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

זי באַרעכנט מיך אויכעט.

ס ע ר ש ט ע מ י י ד ל

ווייסט דיך נישט אויסדרייען, שמיגעגע; אין קעסל־גאַרדן שטעלט מע אַ חופה, און מ׳האָט חתונה.

ס ׳ ו ו י י ב ל

ס׳זאָל אים דאָס גאָרנישט צו האַנדען קומען.

די מומע

באוויייזט זיך

ס'מעג דיך אָנחשקן, קליפּה; יאַנקל וועט דיר פריער געבן נ'טויט אין די האַנט אַריין.

ס'ערשטע מיידל

יאַנקל איז אַ רב, און חתונה האָבן מיטן שמויגער, וואָס רעדט מיט גאָט.

ס'ווייבל

בעסער האָבן צו טון מיטן העמד אויפן לייב, איירער נעמען מיין נאָמען אין מויל אַריין.

די מומע

און דו מיינסט: איך וועל דאָס אַזוי צולאָזן? בח:ם דיך האָבן געבערענגט אויף מיינע פּלייצעס קיין אַמעריקע צו שלעפּן?

ס'ערשטע מיידל

באַ, דער רייכער פעטער אין אַמעריקע שוין אַלץ אויסשטיין...

די מומע

דיר שוין גענומען דעם רייכן פעטער פון אַמעריקע אין קאָפּ אַריין?... גאָך אפשר וועלן שדכנען צו אים?...

ס'ערשטע מיידל

נעמט אַרום דעם לערנער

עפּעס, אַ שלעכטן חתן?

דער לערנער

קאָן זיך נישט העלפן

ס'ווערט מיר הייס.

די מומע

רופט

יאַנקל?

ס׳ערשטע מיידל

יאַנקל וועט פלאַצן, און נאָך אַליין מוזן געבן חופה־וקדושין; אים פאַר־גלוסט צו ווערן אַ רב?

די מומע

פאַר תענוג איז ער געוואָרן רב? אים אַזוי גיחא צו זיין רב, ווי מיר פרימאַדאָנע; נאָר אַמעריקע צוליב, וואָס טוט מע נישט?... ווערט מע רב, גלח, פרימאַדאָנע, ווי לאַנג דאָס גילט נאָך?... פאַרגייט זיך סאָל־דאָ, דאָ־סי!... סאָל־דאָ, דאָ סי! סאָל־פאַ־מי־רע־דאָ — — —

ס׳ערשטע מיידל

פאַרבט זיך ס׳פּנים

קום נאָר אַהער, שמיגעגע; שוין צמאָל געזען אַזאַ שיין פּיסל?...

ס׳ווייב

כ׳חלש פאַר צרות.

ס׳ערשטע מיידל

פאַרשאַרצט זיך ס׳קליידל

גיב נאָר אַ קוק: ס׳נעמט דיך נישט?

דער לערנער

נעמט ברעכן

ס׳קערט זיך פון מיר די גרינע גאַל; אוי, זי זאָל נאָר נישט פּלאַצן אין מיר...

ס׳ווייבל

לימענע! לימענע! שטופט אים לימענע אין מויל אריין דאָס איינע וואָס וועט מיך האָבן געבראַנגט אַ לעבעדיקע קיין אַמעריקע, וועט נישט זיין די שיף, נאָר אַ לימענע.

דער לערנער

קומט צו זיך

רבונו של עולם! אין סאַראַ נויטן כ׳בין שוין אַלץ געווען, און דו ביסט מיר בייגעשטאַנען, — פאַרלאָז מיך אַצינד אויכעט נישט. ווייל אַוועקגיין.

ס׳ערשטע מיידל

גייסט אָוועק, און מיר פריער נישט פאַרבונדן ס׳בענדל פונם זאָק?

ס׳ווייבל

אַמעריקע.

ס׳ערשטע מיידל

ווילסט נישט?

דער לערנער

וואָרן, מ׳טאָר דען?

ס׳ערשטע מיידל

אויב ד׳האָסט נאָך קיינמאָל נישט געטון וואָס מ׳טאָר נישט, עס ביי מיר אַצינד טון..

דער לערנער

מיך דערהרגענען צופריצר.

ס׳ערשטע מיידל

ווי לאַנג וועל איך אַזוי ברויכן שטיין פאַר דיר, אַראָפּגעבויגן?

דער לערנער

בעט זיך

דאָ קריגן געננוג בעלנים דאַרויף; וואָס עפּעס זיך גראָד מיט דעם אָפּגעלייגט אויף מיר?

ס׳ערשטע מיידל

קערט זיך אַוועק

און ער וויל נאָך זיין ביי מיר, אין אַמעריקע

ס׳ווייבל

איר אַמעריקע.

דער לערנער

באַלד זאָגט זי מיר אָפּ ס׳לעבן.

ס׳ערשטע מיידל

כ׳גיב דיר נאָך אַ האַלבע רגע זיך איבערצוקלייגן : איינס, צוויי, דריי...
שוין אַ האַלבע רגע ? .

דער לערנער

לייגט זיך אַראָפּ, דערציי

וואָס זאָל איך טון אַז כ׳מוז, צוליב דעם זינדיקן שטיקל אַמעריקע, —
זיין אין גלות ביי איר...

ס׳ווייבל

וואָס אַמעריקע האָט אויסגעטראַכט !

דער לערנער

מיט אַ ברעכן

הלוואי, כ׳זאָל בלויז האָבן אָפּגעקומען מיט דעם.

ס׳ערשטע מיידל

קוועלט

ביסט אַ חתן, לערן דיך : זאָלסט קענען, ווען דו וועסט זיין מיין מאַן...

דער לערנער

וואָס, איר מיינט עס נישט פאַר קיין געלעכטער ?

ס׳ערשטע מיידל

ווער ס׳מיינט, זאָל אים אָנוואַקסן אַ האָרב אויף די פּלייצע.

ס׳ווייבל

הלוואי, ס׳זאָל אויסגיין צום גוטן...

ס׳ערשטע מיידל

אַרויסצוקריגן אין אַ־עריקע לייסענס, נעמט נאָר ווייניקער פון אַ מינוט,
און אויף אַ גט מוטשעט מע זיך אָפּ ס׳גאַנצע לעבן.

ס׳ווייבל

ויך נעבעך ברויכן מוטשען ביי איר ס׳גאַנצע לעבן.

דער לערנער

כ׳וויל גאָר־נישט זיין דערביי, און הערן : וואָס דער טאַטע וועט זאָגן ; אַז
ר׳וועט זען דאָס שטיקל סחורה, וואָס כ׳וועל מיר האָבן מיטגעברענגט...

ס׳וויבל

וויסן: ס׳אי נישט געווען פאַר נחת.

דער לערנער

און, נאָך וואָס פאַרא שטיקל כחורה...

ס׳ערשטע מיידל

וואָס פאַר אַ עסק האָסטו מיטן טאַטן?... צו איין און צוואָנציק יאָר, זאָגט זמעריקע, — טאָרסטו מער קיין טאַטן נישט האָבן; איך וועל איבער דיר האָבן צו זאָגן; מיר ברויכן גיין ברענגען די פּיידי; און נאָך די אַרבעט וואַשן די דישעס, די דייפּערס...

דער לערנער

הייבט זיך אויף

איין גאָט ווייסט: ס׳אי געווען באונס; כ׳האָב עס נישט געטון במזיד, כ׳זאָל אַ הנאה האָבן דערפון... וויל צוועק.

ס׳ערשטע מיידל

דיך שוין איבערגעאַרבעט?

דער לערנער

ס׳אי ווייניק? נאָך עפּעס פאַר מיר אָנגעגרייט?

ס׳ערשטע מיידל

ס׳אי מיר דאָ ביינאַכט פּ רפאָלן געוואָרן דאָס שטיינדל פונם רינגל, אַ טייער שטיינדל שטעק אַריין די האַנט צו מיר אין בוזים, — דאָס אפשר דאָרט אַרויסקראַצן...

דער לערנער

ס׳ווערט מיר נישט גוט.

ס׳וויבל

שטופּט אים אין מויל אַריין

כ׳האָב נאָך אַ שטיקל לימענע!

דער לערנער

זי וועט מיך טאַקע האָבן געברענגט קיין אַמעריקע, נאָר וואָס קומט אַרויס?

אַז שוי נישט קיין לעבעדיקן נאָר אַ טויטן, — גלייך אַריינצולייגן אין דרערד אַריין...

ס׳ערשטע מיידל

באַשטייסט נישט? צו אַן אַנדערן, כ׳וואָלט בלויז אַ דריי געטון מיט אַן אייגל, — זיך גלייך צוגעכאַפּט ווי צו הייסע אַרבעס; און ביי דעם שמי־געגע ברויך איך מיך בעטן...

ס׳ווייבל

וועמען אַמעריקע האָט אַ יפּגעשפּילט?

דער לערנער

רחמנותדיקער גאָט! וואו, און צו וועמען בין איך דאָ עפּעס אַריינגע־פאַלן? חלומט זיך מיר דאָס בלויז? געוואַלט, כ׳האָב נאָך, ווי לאַנג כ׳לעב, — אויף אַזאַ טריפה אָ־ט די האַנט נישט געהאַלטן..

ס׳ערשטע מיידל

מיינסט: ס׳זיצט דאָרט אַ וואָרים וואָס וועט זי דיר בייסן?

דער לערנער

בעט זיך

ניין טאָג ווי כ׳האָב אין מיין מויל נישט געהאַט. קוים וואָס כ׳לעב... שטיי אויף די פיס... לאָזט מיך אַראָפּגיין, נעמען אַ קאַפּ הייס וואַסער... מ׳זאָל זיך צובייגן, קאָן מע הערן: ווי די קישקעס פייפן ביי מיר...

ס׳ערשטע מיידל

אויפזוכו ס׳שטיינדל, מער צוגעמען רוח ווי פון דריי־פיר טשייניקלעך הייס וואַסער, דו זאָלסט אויסטרינקען...

ס׳ווייבל

נעבעך, אָנגעקריגן אַ קרבן אין אים; קוים וואָס ער זשיפּיעט, די נשמה דערהאַלט זיך...

ס׳ערשטע מיידל

אים אָפּגעבן אַ נייע נשמה.. כ׳האָב שוין נישט פון איינעם, וואָס איז אָוועקגעגאַנגען פון מיר, געהערט זאָגן: כ׳האָב אים אַ נייע נשמה אַריינ־געזעצט...

דער לערנער

צישערט

וויניק: כ'האָב מיך אָנגעליטן ביי די קאַלטע דייטשן, טרוקענע ענגלענדער; מיר געשטאָכן ס'לייב מיט שפיזן, ביז ס'אי געשוואָלן געוואָרן ווי אַ קישן, — האָב איך מיך נאָך אַצינד מיט דיר צו קאָפּען...

ס'ערשטע מיידל

צערעדט ווי ביי די מאַמע אויפן קבר.

דער לערנער

נעמט אָפּקנעפּלען

שמע ישׂ־רא־ל!

ס'ערשטע מיידל

מ'וועט זיך דאָך קומען איינצוליפן...

דער לערנער

כ'נעם מיך אויס מיט דיר, טאַטע־לעבן, ס'זאָל מיר דאָרט אויבן נישט גערעכנט ווערן, און דאָס האַלטן פאַר אַ חטא... מסתמא, אַז ס'אי דיר ליב, מוז דאָך מיר זיין גיחא...

ס'ווייבל

צאָרנדיק

נישט דו, נאָר אַמעריקע האָט דאָ שטעקן אַ האַנט!

ס'ערשטע מיידל

דריקט איר צו זיך

אַ... כ ווייס שוין לאַנג נישט דעם טעם פון אַזאַ ווייך הענטל; פונקט ווי מיין מאַמעס האַנט וואָלט מיך געטאַפּט...

ס'ווייבל

אַמעריקע האָט פריער געבראַכט איינגעזונקען ווערן, איידער ס'האָט צו דעם צוגעפירט...

די מומע

קומט אַריס

אָן אומגליק זאָל איר טרעפן, דאָס אַלטע שטיק פעל; איר שוין נישט געשטיין דערפאַר... רופט יאַנקל! יאַנ-קל!

דער יונג

גיט אַ קום אַרויס, און אַ גרעץ אַוועק דעם לערנער

מיט דעם שמיגעגע מיך אויכעט האָבן אָפּצוויאָגן?..

ס׳ווייבל

נעבעך: אים שיער דערהרגעט; נאָך אַזאַ וואָרף, אי נישטאָ מער וואָס אויפצוהייבן...

די מומע

גולם-נאַר, פון איר שינד די הויט! ער האָט זיך גענוג געבעטן און נישט געקאָנט ביי איר דערבעטן.

דער יונג

איר וועל איך באַזונדער צולייגן, אַז ס׳וועט איר שווער זיין אַוועק-צוטראָגן...

ס׳ערשטע מיידל

גאָרנישט געוואוסט, וואָס דו קאָנסט, אָפּ.

דער לערנער

קרעכצט

כ׳בין אַוועק צו די מאַמע אויפן קבר, וואָס האָט זי מיך נאָך געהאַט אַוועקצולאָזן פון זיך, אַ לעבעדיקן...

ס׳ווייבל

ס׳אי נאָך אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן, זינט די וועלט שטייט.

דער לערנער

אַמעריקע.

ס׳ווייבל

כ׳האָב מורא: זאָלסט נישט האָבן צו וויינען אויף אַמעריקע.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

גאָרנישט וואָס קיין מורא צו האָבן.

ס׳ וו י י ב ל

ווייז נאָר אהער ס׳פּנים; דער שטערן אים אויפגעלאָפן ווי אַן איבער־בעט.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מעגן גומל בענטשן, האָבן אָפּגעקומען דערמיט.

ס׳ וו י י ב ל

גיב, כ׳וועל אים איינפּרעסן מיטן שפּיגעלע; מיט אַ מעסער איז אַ ילר בעסער, נאָר וואו וועל איך דאָ קריגן אַ מעסער? און נאָך אַ כשר מע־סער דערצו? ר׳זאָל אַזוי פאַלן איבער אַ שטיק אייזן, זיך חלילה געקאָנט אַן אויג אַרויסנעמען...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

קרעכצט

וואָס קלערט איר? כ׳בין גוט אין דערינען.

ס׳ וו י י ב ל

מיט ביידע פיס.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וויל איך נישט, — בין איך איינגעשטעלט ביי איר; טו איך יאָ, — ווער איך געשלאָגן און געהרגעט פון אים; כ׳ווייס נישט: ווי אַזוי צו טון, כ׳זאָל יוצא זיין פאַר ביידע...

ד ע ר י ו נ ג

קומט ארויס

הער, שמיגעגע: כ׳זאָל דיך נאָכאַמאָל טרעפן מיט איר, איז דיין לעבן נישט ווערט וואָס דאָס איז...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

שטייף

מיר זאָגט ער אָפּ ס׳לעבן, — פאַרוואָס זאָגט ער דאָס איר נישט אָפּ?

די מומע

יאַנקל, ביסט דיך איינגאַנצן טועה: ער וואָלט דאָך, כ׳ווייס נישט וואָס אַוועקגעגעבן, — זי זאָל נישט האָבן מיטן צו טון..

דער יונג

און זי גייט נאָך ביי מיר קיין לעבעדיקע פון די שיף נישט אַראָפּ; פריער אַריינוואַרפן אין ים, — די פיש זאָלן איר אויפעסן...

דער לערנער

אָפּגעשראָקן

נישט פריער, איידער כ׳וועל זיין אין אַמעריקע

דער יונג

מיינט, כ׳ווייס נישט: זי וויל אים אָנקריגן פאַר אַ מאַן..

די מומע

זי ברויך אַזוי אַ מאַן ווי איך אַ לאָך אין קאָפּ.. מיט וועמען זי האָט אַלץ געהאַט צו טון?.. אַז זי וואָלט געוואָלט, דאָך געקאָנט האָבן אַ מאַן, — אַ גענעראַל... נישט, דעם שמיגעגע?...

דער פעטער

גיט אַ קוק בייז

וואו האָסטו די באָרד?

דער יונג

אין דרערד.

דער פעטער

צירל, דער יונג גייט אויף מיין ברויט.

דער יונג

נעמט אָנטון אַ באָרד

כ׳האָב איר אַזוי ליב, ווי דעם שמיגעגע.

דער פעטער

דיך נאָך אַמאָל טרעפן מיט די אָפּגעגאָלטע מאָרדע, און אָן די באָרד, — דיר צעבעמען יעדעס אבר באַזונדער, און געבן אין די האַנט אַריין; די

גאַנצע וועלט שטייט אויף די באָרד זיינע, און ער האָט זי אַלע רגע אין די קעשענע...

דער יונג

טוט אָן אַ רבישע קאַפּאָטע, און נעמט זאָגן

ברוך אתה...

דער פעטער

אַ רב ביסטו, אין דרערד זאָלסטו ליגן; פאַר אַמעריקע אין די אויגן מוזטו זיין אַ רב, האָבן אַ באָרד, און טראָגן אַ קאַפּעלוש.

ס׳ווייבל

אַ פאַרשטעלטער רב, כ׳זאָל אַזוי לעבן; אין די היים פאַרשטעלן זיך אַזוי די בעלי־עגלות פורים, און גייען איבער די הייזער...

דער יונג

גיט אַ וואָרף דעם קאַפּעלוש אין דרערד

כ׳וויל נישט זיין קיין רב; כ׳האָב אין דרערד גאַנץ אַמעריקע...

דער פעטער

הייבט אים גיך אויף

צייל, כ׳האָב געקאָנט האָבן פיר היטלען, וואָס דער איינער קאַפּעלוש קאָסט מיך.. זעסט דאָס שטיקעלע פלוש?... ווי ווייך עס טאַפּט זיך?... און ער האָט גאָר קיין רחמנות נישט אויף מיין געלט... וואַרפט זיך מיטן, ווי כ׳וואָלט אים ערגעץ בחנם אָנגעקריגן..

דער בראוקער

קומט־אָן

וואָס טוט זיך דאָ מיטן רב? די גאַנצע שיף איז דאָך מיטן אויף...

ס׳ווייבל

ער איז אַזאַ רב, ווי איך אַ רביצין.

די מומע

נישט קיין חרפה פאַר די אייגענע אויגן...

ד ע ר י ו נ ג

פאַרשטיינערט, פונם סדור

ברוך אַתּה...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר זאָגט דאָך: ער האָט אַמאָל געלערנט...

ד י מ ו מ ע

פאַרביטערט

אויפן פּיעקעליק.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

געווען אין אַ ישיבה.

ד י מ ו מ ע

ס'קרימינאַל איז אַ גאַנץ גוטע ישיבה ..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איז ער נישט בקי אין גאַנץ ש"ס פּוסקים אָבער אַ מענטש איז ער דאָך אַמאָל געווען, אַ שטיקל מענטש...

ד ע ר פ ע ט ע ר

הלוואי וואָלט ער אַזוי נישט געווען, ווי יאָ...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

און אַזוי קאַליע ?

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַלץ די מלחמה שולדיק ; איר ווייסט גאָרנישט, - וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט ; פאַרברענט האָט יענער געמעגט ווערן, וואָס האָט איר אויסגעטראַכט... ער איז נאָך גאָלד...

ד י מ ו מ ע

ברעכט אויס

אַ שיינע ריינע כּפּרה אויף זיין קאָפּ !... אים געוואָרנט ; ווערלוול, הייב נישט אָן מיטן ; מיט די הינט זאָלסטו פריער האָבן צו טון ; דיר נישט איינמאָל נאָך אַזוי אויסשפּילן, אַז דו וועסט דיך האָבן צו באַלעקן..

ד ע ר פ ע ט ע ר

כ׳האָב געהאַט אַן אַנדערע עצה?

ד ע ר י ו נ ג

פאַרשטיקט

צירל, רעדט נישט... אין סדור ברוך אתה... אתה..

ד י מ ו מ ע

קאָן זיך נישט שטילן

דו ווערסט מיר וועלן פאַרמאַכן ס׳מויל?... מיינסט: כ׳בין דער שמיגעגע?... און צו מיר זיך אויכעט כאַפּן?.. פאַרשאַרצט זיך די אַרבל די הענט דיר פריער אויסדרייען... קיין איין גאַנץ עבר אין דיר נישט איבערלאָזן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אייגענע מענטשן, געבּרויכט לעבן צווישן זיך ווי די טויבן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

נעמט איר קוים אַוועק

געמיינט: די גאַנצע וועלט איז מיין, ער איז שטיל געוואָרן, — זי ווי־דער צעלייגט אַ פייער.

ד י מ ו מ ע

קאָכט

אים אַרט אַ סך: אז דו ביסט משוגע געוואָרן, און זיך אָנגעהאָנגען אַ שטיין אויפן האַלז?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

צעטומלט

וואו האָט דאָס ערגעץ געלעבט, צווישן חיות אין וואַלד?

ד ע ר פ ע ט ע ר

נעמט אים איין

איר דאַרפט זיך נישט איבערנעמען; ס׳בעסטע מ׳זאָל זיי לאָזן לויפן... וואָס ווייניקער נאָכקוקן.. אָט רייסן זיי זיך ביי די קעפּ, און באַלד ליגן אויף די העלזער, זיך קושן פון די פּיסקלעך...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וי זיי וועלן זיך בעטן, אַזוי שלאָפן אָפּ.

ד ע ר פ ע ט ע ר

איר נאָכגייענדיק

ביי זיי אַ פּאַטש, און ביי אַנדערע אַ קוש, — איז נאָך נישט גלייך... קערט זיך אום, גלייבט שטיין אָנגעכמורעט צירל, וואָס האָט זיך דער גזלן אינם אַזוי צעשפּילט?...

ד י מ ו מ ע

ווייסט נישט? די מויד פירט זיך מיט אַ חתן קיין אַמעריקע?

ד ע ר פ ע ט ע ר

וועמען גייט ס'אָן?

ד י מ ו מ ע

קאָן דאָס דער רב דיינער נישט פאַרטראָגן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַזאַ שטיק אָקס! אַזאַ אייזל!

ד ע ר י ו נ ג

כ'וויל נישט: זי זאָל חתונה האָבן מיטן...

ד ע ר פ ע ט ע ר

און אַז זי וועט יאָ חתונה האָבן, — בלייבט זי שוין זיין ווייב? דו האָסט נאָך אַליין באַדאַרפט זען, ווען דו ביסט קלוג, — ס'זאָל זיין אַ חתונה; און דיר דערנאָך הייסן אויפצייילן אַ פולן טיש מיט געלט, — זי זאָל אים אַרויסלאָזן...

ד ע ר י ו נ ג

כ'וויל נישט קיין געלט.

ד י מ ו מ ע

נאָר וואָס דען ווילסטו, — אונז אַלע באַגראָבן? ס'אי דאָך אַפילו נישטאָ קיין ערד, וואו...

דער פעטער

הייבט די אַקסלען

אויף וואָס כ׳האָב מיך אַלץ געריכט, נאַר, — אַז ס׳זאָל פונם ווערן אַזאַ געפּגרטע־ ים־קאַטער...

די מומע

שעלט

וואו ס׳אי נאָר מיגלעך, זאָל זיך אים שטעלן אַ בלאַטער.

דער פעטער

זעטס נאָר דעם בער: בו... בו... אַז די מויד פּגרט אים אַוועק, שרייט ער און קוקט מיט די צוויי שליפיעס, אַזוי ביסטרע — איינצווישלינגען וועט וויס: איב ר׳וועט נאָך קריגן אין אַמעריקע אַזאַ שטיק פלייש מיט צוויי אויגן...

די מומע

שעלט

מ׳זאָל מיר נאָר קומען זאָגן: ער ליגט ערגעץ מיט די פיס אויסגעצויגן.

דער יונג

בישט רוען, ביז כ׳וועל איר האָבן צוריק־אָפּ.

דער פעטער

ווער האָט זי דען דיר אַוועקגענומען, זאָלסט איר וועלן צוריק־אָפּ?

דער יונג

וואָס וועל איך האָבן פון אַמעריקע, אָן איר? מער ווי אַ שאָס אין די ציין אַריין?...

די מומע

מיינער נעמט זי פאַר זיין געלט קיין אַמעריקע. און ער וויל פון איר האָבן?..

דער פעטער

אַריינגעלייגט אין זיי אַ הויז, ס גאַנצע געלד וואָס כ׳האָב געהאַט ליגן פאַרקאָפּעט אין דרערד...

ד י מ ו מ ע

די אויערינג צראפגענומעך, די רינגלעך אויסגעטון...

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

לאזט זיך ערגעץ הערן

יעדזשעם, יעדזשעם נא וועסעלע...

ד י מ ו מ ע

ווייניק אים, — שפילט מיר נאך יענער אונטער.

ד ע ר פ ע ט ע ר

רירט

וואס כ׳שטיל איינעם איין, שפרינגט דער אנדערער ארויס; כ׳קען זיך גארנישט דערהאלטן, די צוויי לייט. אפ.

ד י מ ו מ ע

איבערגעקערט

אז ער איז נישטא, מעג איך דאך דיר זאגן: וואלסט דיך געמעגט שעמען אין דיין ווייטן האלז אריין...

ד ע ר י ו נ ג

אנגעברוגזט

ס׳שטייט מיר שוין אינגאנצן נישט דערפאר.

ד י מ ו מ ע

אין גוטן

אוודאי; מעגסט דיך ווארפן, — ווארפן זאלס דיך ביז אונטערן הימל; שוין מיט איין פוס אין צמעריקע, — נאך אלץ נישט גוט?

ד ע ר י ו נ ג

מיך שוין דא געבוג אנגעהערט פון די גליקן, וואס כ׳קאן דארטן האבן; א נאש-בראט איז אומעטום אין גלות; מ׳פאלט אין אמעריקע אריין, — זעט מע אויכעט די האר פונם קאפ נישט ארויס; מ׳ברויך נאר בעטן אויף געזונט. און מיט יארן איז מע שוין דארטן באווארנט; סינג-סינג האט א שם אויף א האלבע וועלט...

די מומע

וואָס ביסטו אין די היים נישט אַזוי קלוג געווען ?... נישט געוואוסט : אַז מ'לאָזט אין אַמעריקע נישט אַפּן די קראָמען ביינאַכט, נאָר מען מוז ביי זיי, אַלץ איינס, — ריזיקירן ס'לעבן דאָס קומט אין ערגעץ נישט גרינג־אָן... די פּרנסה איז אומעטום אַ פאַרשאָלטענע...

דער יונג

געבליבן אין די היים, מיר פאַרשפּאָרט ס'האַרץ ביי איר אָפּצוגעסן.

די מומע

דער וואָרים ליגט אין כריין, מיינט ער : ס'אי קיין בעסערס נישטאָ ; פאַר די גליקן וואָס דו האָסט דאָרטן געהאַט, — אין אַמעריקע אַלעמאָל בטוח.

דער שייגעץ

גיט אַ קום אַרויס, אַ קוק אַרום, און כאַפּט־אָן דעם לערנער

נעם און באַהאַלט די בריליאַנטן...

דער לערנער

טרייסלט זיך אָפּ

וואָס האָב איך עפּעס צו באַהאַלטן עמעצנס בריליאַנטן ?

דער שייגעץ

מיט אַ מעסער פאַר די אויגן

ווילסט נישט ? דו ליגסט שוין ביי אַ פּיש אין בויך...

ס'ווייבל

שוין דער דריטער היינט, וואָס זאָגט אים אָפּ ס'לעבן.

דער לערנער

ציטערט

וואו זאָל איך זיי באַהאַלטן ?

דער שייגעץ

אין די נאָז. . אין די אויערן... אפילו אין מויל... נעמט אויף די גיך אָנטון אַ גלחישן מאַנטל, אַ צלם אויפן האַלז, אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳האָב זיי מורא צו האַלטן אין מויל ; כ׳קאָן פאַרגעסן, און נאָך אַראָפּ־שלינגען...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

איבערגעכען ג׳יטן קוק

פאַרגעסן, וועלן דיך די ווערים עסן. פון טריף־פּסול אומנום... דיקטום . בענעדיקט ם...

אַ פ ר וי

לויפט־אָן ברעכט זיך די הענט

זיבן קאַראַט, אַ שטיין ; געלויכטן ווי די זון אין הימל ; מ׳האָט נישט געקאָנט אַריינקוקן אין אים ..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נעמט ב׳עכן

וואָס האָט ער נאָך געוואָלט פון מיין לעבן האָבן ?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

ברענט מיט די אויגן

מילטש, פשיאַ־קרעוו... פון טריף־פּסול אומנום... דיקט ם... בענעדיקט ם .

ס ׳ ו יי ב ל

צמעריקע.

ד י פ ר וי

מ׳קאָן אַזאַ שטיין מער פאַר קיין געלט נישט קריגן ; ער קאָסט מיך בלוט און געזונט...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ברעכט

אוי, ווי האַלט מע דאָס אויס...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

אים דערשטיקן, ר׳וועט נישט אויפהערן פאַנצעווען... אין טריף־פּסול א׳מנום. . דיקטום... בענעדיקטום...

ס ווייבל

אים דאָ האָבן גוט אַריינגעלייגט.

דער פעטער

קומט

שוין ווידער געמאַכט היימלעך אויף די שיף? צו די פרוי וואָס רודערט איר?...

די מומע

כ׳ווייס נישט: וואָס ס׳טוט איר וויי?

די פרוי

ווי פריער

יעט רוען, די שיף איבערקערן, ביז כ׳וועל אים נישט צוריק האָבן.

דער פעטער

ס׳אייך עפּעס אַוועקגעקומען?

די פרוי

אַ שטיין.

דער פעטער

וואָ האָט זי דאָ גענומען שטיינער אויפן ים?

די פרוי

ער האָט געשטעקט ביי די רוסישע קייסערינע אין די קרוין.

די מומע

וואָס אַ יידענע קאָן אייפּאַלן? מ׳ברויך זיין פריש און געזונט און משוגע.

דער פעטער

ווי קומט צו אייך אַ שטיין, וואָס האָט געשטעקט ביי די רוסישע קייסערינע אין די קרוין?

די פרוי

אים אָפּגעקויפט אין פּאַריז ביי אַ פאַראָרימטע פּרינצעסין, אַ גרויס־פירשטין.

ד ע ר פ ע ט ע ר
פֿאַרבייסט די ליפּן

וואָס מ׳ברויך, ליגן זיי ווי די מתים, מיט זפּגעווּמעגע העגט, און אויף די שיף געוואָרן לעבעדיק; געגומען אַרבעטן, — אַרבעטן זאָלן זיי שוין מיט די זייטן.

ד י פ ר ו י

געשפּיגלט אינם אויפֿן טיש, און אַזוי ווי כ׳האָב מיך פֿאַרדרייט צו די וואַנט, — איז ער אויסגעכאַפּט געוואָרן, מײַן קוק..

ד ע ר פ ע ט ע ר

אויף וועמען האָט איר אַן אויג?

ד י פ ר ו י

זיך געדרייט עמעץ פֿאַרן קעבין, נאָר.. כ׳זע נישט מער ס׳אייגענע פּנים.

ד י מ ו מ ע

עס נישט זען מער אויכעט.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ
העכער

אומנום.. דיקטום... בענעדיקטום...

ד ע ר פ ע ט ע ר

ס׳אפֿילו נישט מײַן פֿערד און וואָגן, נאָר כ׳זע: ס׳גייט אייך אַזוי אין לעבן, — איר חלשט, שטאַרבט, גייט אויס, איז מע דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... קערט איבער די קעשענעס קריכט אַריין... שעמט זיך נישט.. אַז זי נעמט זוכן טיפֿער קריכט אַריין...

ד ע ר י ו נ ג

אַז ער קריכט נישט צו איר, מעג זי קריכן צו אים... פֿון סידור ברוך אתה...

ד י מ ו מ ע

ס׳וועט איר אַ סך העלפֿן; אַזוי ווי זי זעט נישט אירע אויערן, — מער דעם שטיין נישט זען...

די פרוי
בײַזונכט

קײנעם נישט אַדורכלאָזן; קײנעמס כּבוד נישט שאַנעװען.

דער שײגעץ

מיך אַפילו לאָזן אױסטון פאַר אַלע אין די אױגן.

די מומע

אַזױ װי די מאַמע האָט מיך געהאַט.

דער יונג

אַז מ׳עסט נישט קײן קנאָבל, שטינקט נישט.

ס׳װײבל

ער האַט די בראָך אױף די האַנט.

דער לערנער

כ׳בין שײן באַקלײדט.

דער שײגעץ
ברענט מיט די אױגן

אים נאָך הײנט קאַלט מאַכן... אין טריף־פּסול אומנים.. דיקטום... בענע־דיקטום..

ס׳װײבל

נסים.. נאָר אַ נס זאָל אים געשען...

דער לערנער

כ׳גיב מיך אָפּ פאַר אַ קרבן... כ׳זע דאָך: כ׳װעל שױן קײן לעבעדיקער נישט אַרױס, איז ממנה־נפשך: אײדער זי זאָל אים אָפּנעמען, און נישט בלױז בלײבן אַ גנב ביז אין טױט אַרײן, נאָר כאַפּן אױכעט אַ מיאוסן פּסק, — בעסער אַלײן אָפּגעבן... שטרעקט אױס די האַנט דאָ האָט איר אים!

די פרוי
גיט אים אַ כאַפּ

כ׳װאָלט די נאַכט נישט איבערגעהאַלטן... דעם מאָרגנדיקן טאָג דער־לעבט...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

איר מעגט אָפּגעבן אַ שבח צו השם־יתברך, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט...

ד י פ ר ו י

נעמט אינם אַריינהאַקן

נאַדיר, אַ שבח... כע־כע... אַ רבילע... מ׳קוקט אים אָן, אַ נעבעכל... געקאָנט מיינען: ער טויג נישט אַ קאָץ דעם עק צו פאַרבינדן... און, בריליאַנטן זיך אים פאַרגלוסט?... שטיינער אָנגעחשקט?... שלאָגט דיר געבן שטיינער איבערן קאָפּ...

ס ׳ ו ו י י ב ל

וויל אים אָפּראַטעווען

ביטע! וואָס לאָזט זי אויס דעם גאַנצן כעס צו אים? נאָך אַוועקפאַלן ביי איר אונטער די קלעפּ..

ס ׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

קומט־צו ווי אַ ווינט, נעמט איר אָפּרייסן

אַ מזל ער האָט דאָס, דער שמיגעגע...

ס ׳ ו ו י י ב ל

ווער ס׳האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, האַקט אינם אַריין.

ס ׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

איידער ער איז נאָך אַרויס פון אים, — שוין נאָכגיכער אַריינגעפאַלן צו עפּעס אַ משוגענע אין די הענט...

ד י פ ר ו י

פריער, כ׳האָב נישט געהאַט דעם שטיין, — בין איך געווען משוגע; אַצינד, כע־כע.. בין איך מיושב...

ס ׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

ס׳אַר שטיין?

ד י פ ר ו י

ווי פריער

און ער וויל נאָך קומען קיין אַמעריקע?... דאַרט נישט זיכער זיין מיט

לעבן. — מ׳וועט אים אַריינלאָזן.. אַ רבילע?... ער קאָן דאָך ס׳ווייסל פונם אויג אַרויסנעמען... נעמט אים אַוועק מיט זיך.

א דערשטיקטע פויזע

ס׳ווייבל

נאָך א היילע

אים ביים לעבן צַצינד זיין רעכטס טון. זיך פארקריכנדיק ערגעץ אַ זינדיקע נשמה נעבעך.

דער פעטער

קוקט שטאַר, גרייט אַלעמען אויפצועסן

נישט געהאַט וואו צו גיין גנבענען, נאָר אויף די שיף?

ס׳ערשטע מיידל

און קיין אַנדערן איינצווייקן, ווי דעם שמיגעגע?... ווער האָט דאָס באַוויזן די חכמה?...

די מומע

זיך געוואָלט מאַכן אויף די הוצאות, דער טריפהנער גלח.

דער שייגעץ

מיר זאָל איינפאַלן: זי וועט ביי אים גיין זוכן? און נאָך אַליין איבאָפגעבן מיט די אייגענע הענט?...

די מומע

אַזאַ טייערער ברילאַנט!

דער שייגעץ

געקאָנט זיין גליקלעך מיטן.

ס׳ערשטע מיידל

איצט קיין לעבעדיקן פון דאָרט נישט אַרויסלאָזן מער.

דער יונג

הלוואי מאַכט מע אים ב׳טויט.

דער פעטער

און דער אַמעריקאַנער ייד וועט אַזוי שווייגן? ווייסט נישט, אַז צוליב אים פאַר איך, פאַרסטו, פאַרט ער, פאַרט יענער, פאָרן זיי, פאָרן אַלע, ..

ווייל ס'רחמנות אויפן שמיגעגע האָט אים אַדורכגענומען ?... אַצינד, זיך דאָך גאַנץ אַמעריקע ביי אים אויפקאָכ...

ס׳ערשטע מיידל

און אַלע זיין די כפרה ביי אים..

דער פעטער

וואָרן, דער שמיגעגע וועט דען נישט אויסזאָגן: אַז דער טריפהנער גלח האָט אים אויפס כוח אַריינגעלייגט, — דער יונג זאָל פונם אַזויערנאָך פטור ווערן ?

ס׳ערשטע מיידל

ס'ליגט דאָך אַלץ אָפן, ווי אויף די האַנט.

די מומע

אויסער זיך, נעמט אַריינהאַקן אינם שייגעץ

אים שוין זיין אַ מינוט צום טויט, דעם גנבישן גלח דייַעם; אַ שייגעץ ווייסט: ער איז אַ גלח, און גייט זיך אַזוי פאַרשמירן ס'פנים ?

דער פעטער

זיך ?.. אַלעמען עס פאַרשמירט...

ס׳ערשטע מיידל

און וואָס דער שמיגעגע וועט דאָרט אַריינכאַפּן, — כ'וויל עס נישט ווינטשן דעם ערשטן בעסטן ציגיינער.

דער שייגעץ

וואָס צאַפּלסטו אַזוי, און הרגעסט דיך אַוועק ? דיר צוגענומען דעם חתן ? דערווייל נאָך אַלץ מער זיין כלה...

ס׳ערשטע מיידל

אים אויסגעפּעלט צרות,— וועל איך זיי אים זען צו פאַרשאַפן...

דער שייגעץ

מפרעגט אַ סך נאָך דיר.

דער פעטער

געוואַלט, דער קאָפּ ווערט מיר צעלייגט אויף שטיקער... ווי אַזוי נעמט

מע אים דאָ אַרויס. — נאָך איידער אַמעריקע וועט עפּעס דערשמעקן ?...
אָנגעהויבן מיט דעם ייד, איז דאָך אַלץ איינס, ווי מיט גאַנץ אַמע-
ריקע... פּונקט ווי מיט די סטאַדע אָקסן, מ'וואַרפט אַ שטיין, — נעמען
אַלע שרייען...

ס׳ערשטע מיידל
דערצוגנדן

אויסגעזאָרגט פאַר מיר: כ'בין נישט קיין גרינע אויף אַ שיף, און פאַר
נישט ס'ערשטע מאָל אויפן ים; כ'וויס גוט, — וואו מיך צו ווענדן אין
אַזעלכע זאַכן...

דער פּעטער
צו וועמען מיינסטו ?

ס׳ערשטע מיידל
צום גרעסטן, וואָס האָט דאָ צו באַפעלן.

דער פּעטער
צום קאַפּיטאַן ?

ס׳ערשטע מיידל
אַ שאָד: ס'אי נישטאָ קיין גרעסערער, — כ'וואָלט צו אים אויכעט גע-
גאַנגען.

דער פּעטער
וויסן: ווי אַזוי צו רעדן מיט אים ?

ס׳ערשטע מיידל
מ'ברויך מיר די צונג נישט האַקן.

דער פּעטער
אַ קאַפּיטאַן איז, נישט צו גלייכן, ביי זיך אויף די שיף, — ווי אַ קיי-
סער; און אַ ברירה צו הייסן שיסן, אַז מ'הייבט אַ האַנט קעגן אים.

ס׳ערשטע מיידל
כ'וועל אַפילו קעגן אים קיין פוס נישט הייבן; וואָס האָב איך עפּעס צו
הייבן אַ האַנט ?.. אַפּ.

די מומע

אוי, הלואי פועלט זי: מ׳זאָל אים שיסן, דעם גלח... ס׳וואָלט געווען איין טייערע זאַך... פאַרש אָרט מצר מיטן צו שלעפן... אַ כפרה ס׳געלט, וואָס ר׳וועט האָבן אָפּגעקאָסט...

דער פעטער

די צרה איז אָבער: וואָס מ׳וועט אים נישט שיסן, נישט הענגען, נישט דערטרינקען, נאָר שליסן אין קייטן, — ווי לאַנג די שיף האָט נאָך צו גיין אויפן ים; דאָס שיין זיי, אַז מ׳וועט אים אַריינברענגען קיין אַמע־ריקע, אַ גלח, — געשלאָסן אין קייטן?

דער שייגעץ

אויסדרייען דעם דישעל און צוריקשיקן אַהיים, — מיך אויכעט נישט דערהרגענען; אומעטום די אייגענע וועלט..

דער פעטער

ער סטראַשעט מיך אויכעט.

די מומע

איי, כ׳קוועל... ווי מ וואָלט מ׳ך געשמירט מיט פ׳טער. נו? . אויסגע־טון ביזן ה׳מד. אַזוי גוט אים ווי יענעם — ביידע גרינג אויף די נשמה... אַ?... אין קיינעם נישט האָבן אַזאַ נקמה דערלעבט, ווי אין דעם פאַר־נאַרטן מאַן, מיינעם..

דער פעטער

אויסער זיך

שטום זאָלט איר אַלע ווערן, זיך אויפהערן אַרומבייסן ווי די שטשעקלע הינט... רויק כ׳גיי אַליין אַ טאַפּ־טון דעם דוכק... מ קאָן זיך אויף די גאַנצע וועלט אויסקויפן מיט געלט, און אויף די שיף נישט זיין די אייגענע וועלט? אָפּ.

די מומע

ברענט

אַ מערכה: דער בייטל... שיין אויסגעזעצן אָן אים...

דער שייגעץ

פון אַלע צרות שלעפט ער אַרויס...

די מומע

שוין... איר האָט אים שוין צום קאָפּ געזעצן...

דער יונג

בורטשעט

אַ שטיין פאַרגלוסט, — ס'זאָלן אים וואַקסן שטיינער אין בויך.

דער שייגעץ

אָנגעצונד

וואָס קרענקט דאָס דיין לעבער?

דער יונג

פריער געמעגט לייגן אין דרערד אַריין, מיטן שכל דיינעם אינאיינעם, — איידער דו האָסט די גויץ פאַרקאָכט...

דער שייגעץ

וואו איז דאָ ערגעץ ערד? פאַרגעסן: מ'ווייסט שוין באַלד ניין טאָג נישט ווי די ערד זעט אויס...

דער יונג

אין די היים נישט געטויגט צוצובינדן צו אַ ווײנדל פון אַ פערד, און דאָ אַ גאַנצער קאַקער געוואָרן...

דער שייגעץ

מיך נאָך געריכט פון דער עפּעס צו קריגן כ'האָב אים פטור געמאַכט; נישט, — דו זאָלסט מיר צופּרוואַרפן, זיך די ציין שאַרפן...

דער יונג

גיט אים אַ וואָרף

גיי, ס'זאָל דיך קיין שום ייד נישט קענען.

דער שייגעץ

פּאָרט אים אַריין

אויב דער ייד ביי דיר לאָזט זיך וואוילגיין, אים דער גלח באַלד איינעמען..

די מומע

שפּרינגט-אויף

לאָז אָפּ די באָרד דינטשלעגער, וואָרן, — כ'שפּאַלט דיר אויף ב'קאָפּ...
ווי אַזוי וועט ער זיך קאָנען ווייזן פאַר אַמעריקע אָן אַ באָרד?..

דער פּעטער

שטעקט אַרויס ד'קאָפּ דורך אַ פענסטערל

וואָס פאַר אַ באַשריגעניש אויף זייערע קעפּ ווידער?... נישט אויפהערן זיך דושען?.. אַלע ווערן גלייך שטיל אין די לעבער אַריין, ממזרים!...
זיי נעמען אַרונטער... אייער געביין זאָל זיך מער דאָ נישט געפינען..
נעמט צוריק אַריין דעם קאָפּ.

אויף די שיף איז אַצינד שטיל מ'הערט בלויז ס'קלאַפּן פון גלאָק, ווי אַ זייגער.

דער פּעטער

קומט דערנאָך אַרויס, האַלט אונטער דעם לערנער, וואָס שלעפּט קוים די פיס

יעצט: אויף דיין מערכה גייט רעגן.. זעץ דיך אַביסל־צו, ס'קאָן זיין אויף די שטריק.. זאָלסט נישט איינגענעצט ווערן... האַלט אָפּן ס'מויל, און ציִ־אַריין די לופט.. ס'רעגענען וועט דיך אַביסל אויפמונטערן...

דער לערנער

ס'האָט נ'טאַטן אָנגעחשקט צו פאָרן קיין אַמעריקע, ברויך איך פאַרדאָס אויסגעריסן צו ווערן...

דער פּעטער

גיכער: ווייל ס'האָט זיך אים ביי דיר פאַרגלוסט פון די מאַמע הנאה צו האָבן..

דער לערנער

כ'ווייס נישט, וואָס פריער? צי, ווייל ר'האָט מיך אויף די וועלט געבּרענגט, צ'דער ר'גיט קיין אַמעריקע אַוועק?..

דער פּעטער

ביידע זאַכן נישט געטון פאַר קיין פאַרגעניגן.

דער לערנער

כ'וועל אָבער, האָב איך מורא, מיט די שיף פריער אָנקומען צו די מאַמע אויף יענע וועלט, ווי צום טאַטן קיין אַמעריקע...

דער פעטער

דו זאָלסט פריער אָנק מען אויף יענער וועלט מיט איר, וועלן מיר דאָ אויכעט נישט איבערבלייבן.. אָפּ

מ'הערט בלאָזן דעם קוימען, דאָס קלאַפּן פון גלאָק ווי פון א ווייגער.

דער לערנער

פון קאָפּ אַרויט

און דער ים וויל זיך אַלץ נישט אויסנעמען... די שיף ערגעץ צוקומען... וואָס מער מ'פאָרט אויף אים, מער לענגערט ער זיך, ציט זיך אויס, און ווערט גרעסער... ווען וועל איך שוין אַמאָל פינם אַראָפּ ?... שטעלט זיך קוים אויף די פיס, שפּאַרט זיך אָן אין א מאַסטבוים, נעמט זאָגן

מה לך הים כי תנוס
הירדן תסב לאחו — ר!
ההרים תרקדו כאילים,
גבעות כבני צאן.

ס'ערשטע מיידל

באַווייזט זיך, די אויגן גליען ביי איר

כ'וואָלט פאַר אַזאַ איינעם אין אַמעריקע, געגאַנגען די פּראָרס וואַשן.

דער לערנער

אוי, כ'שטאַרב...

ס'ערשטע מיידל

ווען די זאָלסט וויסן: ווי כ'האָב מיך פאַר דיר אַרויסגעשטעלט, — גאָר אַנדערש זיך צו מיר באַנומען...

דער לערנער

נאָך נישט אָפּגעגאַנגען די צייכנס פון די קלעפּ, וואָס ער האָט אין מיר אַריינגעוואָרפן, — און שוין ווידער דאָ ?... לאָזט מיך כאָטש אַביסל אָפּרוען, כ'זאָל כוח האָבן פאַר פרישע...

ס'ערשטע מיידל

דו ווייסט: אַז כ'שטעל מיר איין ס'לעבן, — כ'ברענג דיך אַריבער קיין אַמעריקע ? מ'זאָל מיך כאַפּן ביי די האַנט, קאָן מע מיר אַריינוואַרפן אַכציק יאָר דערפאַר...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

דיר טאַקע געבן אַ גרויסן יישר־כוח..

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

שמיר דיר מיטן אויס די שיך.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מער פאַרמאָג איך נישט, כ׳זאָל דיר קאָנען געבן... כ׳בין אָרעם... נאַקעט...
ווי דו זעסט מיך... וואָס קאָנסט איר עפּעס אַנדערש פון מיר ווילן ?...

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

אַ קוש.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אוי, כ שטאַרב...

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

ס׳אי נישט קיין סך... ברויכסט זיין צופרידן, וואָס כ׳לאָז מיך דערמיט
באַנוגן, און וויל נישט מער..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

שוין, אויף די מינוט ?

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

ס׳זאָל דאָס אויכעט נישט געדויערן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

זיך אפשר איינהאַלטן, ביז מ׳וועט קומען קיין אַמעריקע ?

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

ס׳פּנים פלאַמט מיר אַזוי, ווי ס׳וואָלט עס עמעץ איינגעטונקט אין פייער.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

האַלט עס אונטערן רעגן, זיך אָפּלעשן.

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

הייסע באַקן קאָן מע אָפּקילן נאָר מיט הייסע ליפּן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

די ליפּן מיינע זענען פאַרפרוירן, אייז.

ס׳ע ר ש ט ע מ יי ד ל

האַלזט אים אַרום

פאַר וועמען כ׳בין נישט מער ווי אַ האַרט שטיק לעדער, פאַר דיר וועל איך זיין אַ ווייך, וואַרים לייב.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַז זי נעמט זיך צו מיר. מאַך איך צו די אויגן, און בידך אפקיד רוחי, גיב איבער די נשמה אין דיינע הענט אַריין, — זאָל זי קושן אַ שטיק ליים...

ס׳ע ר ש ט ע מ יי ד ל

באַלעקט זיך

אַ... נישט מיד געוואָרן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט...

ס׳וו יי ב ל

קומט אַרויף, בלייבט שטיין

געמיינט: ער ליגט ערגעץ געשלאָסן אין קייטן, דערווייל גאַר ביי איר אין בוזים...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

שוין מער פאַרליב גענומען צו ליגן געשלאָסן אין קייטן.

ס׳וו יי ב ל

איר אַ סך העלפן, ס׳לעקן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

זי האָט מיך שוין באַשפּיגן, ווי גרויס און אַלט כ׳בין.

ס׳ע ר ש ט ע מ יי ד ל

כ׳שפּיר: ס׳קומט מיר צו אַ שטיק געזונט, אַז כ׳קאָן אים כאָטש אויף איין רגע אַריינעמען אין זיך... צאָפּ.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אוי, ווי כ׳וועד געלייטערט...

ס ׳ ו ײ ב ל

קום אַרונטער! ס׳אי דאָך אַ מחיה אויגן צו זיצן; די שיף האָט זיך איינגעאַנצן אויפגעהערט שאָקלען; ס׳אי פונקט אַזוי ווי מ׳וואָלט געזעסן אין אַ שטייגערדיקע שטוב, וואָס שווימט נישט אויפן ים, נאָר איז אויסגעמויערט אויף דרערד...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ס׳ביסל רעגן דאָ, דערהאַלט מיך ביים לעבן.

ס ׳ ו ײ ב ל

קוקט זיך אַרום

אויפן ים רעגנט אויכעט?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישטאָ דאָ דער אייגענער הימל, וואָס איבער די ערד?

ס ׳ ו ײ ב ל

טאַקע אָפגעצוואָגן די שיף, ווי אַ נאַסע קאַץ; געמיינט: ס׳אי נאַס, ווייל דער ים באַגיסט איר, שמייסט איר אָפ מיטן געזאַלצענעם וואַסער... חידושט זיך אויפן ים זאָל רעגענען?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

פרווט האַלטן ס פנים איבערגעקערט, און זען...

ס ׳ ו ײ ב ל

טוט עס

ס׳טראָפט טאַקע.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מאַכט אויף ס׳מויל.. ט׳וואַסער פון הימל איז זיס.. כ׳האַלט עס אין איין שלינגען, און קאָן מיך גאָרנישט אָנזעטיקן דערמיט...

ס ׳ וו יי ב ל

מאַכט איך ס׳מו ל

נקט ווי ס׳וואָלט מיר געטריפט האָניק אין מויל אַריין... ס׳דערקוויקט מיך מער ווי די בעסטע לימענע... אַ שאָד, כ׳האָב עס נישט פריער געטון...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט געזעגנט פריער.

ס ׳ וו יי ב ל

קאָנסט מיר נישט זאָגן, שמיגעגע, — וואו ס׳וואַסער פון הימל קומט אַהין ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ס׳פאַלט אין ים אַריין, שמויגער ; ס׳קומט פון ים, און גייט צוריק אין ים אַריין ..

ס ׳ וו יי ב ל

ווי קאָן עס קומען פונם ים, אַז פון ים איז עס געזאַלצן, און פון הימל, — זיס ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַז דער וואָלקן טרינקט זיך אָן אין ים מיטן געזאַלצענעם וואַסער, שפייט גאָט אין אים אַריין, — ס׳זאָל זיס ווערן ..

ס ׳ וו יי ב ל

איי, ווען ר׳זאָל מיר אזוי וועלן אַריינשפייען אין די חלות, — פאַרשפאָרט אין זיי אַריינצושוטן צוקער...

מ׳הערט דעם גלאָק קלאַפן ווי אַ זייגער.

ס ׳ וו יי ב ל

זיצסט שוין לאַנג דאָ אַזוי, און לעקסט די פינגער פונם רעגן, <u>שמיגעגע ?</u>

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַזוי לאַנג ווי ער גייט, שמוי-גער...

דאָס קלאַפן פון גלאָק חזרט זיך איבער.

ס׳ווײבל

ווידער

בחנם אַוועקגעבראַכט ; געמיינט, דיך שוין נישט צוריקזען מער קיין לעבעדיקן...

דער לערנער

אַליין אויכעט אַזוי געמיינט.

ס׳ווײבל

ווי קומט : האָסט אַזוי גוט אָפּגעשניטן ?

דער לערנער

די בחורטע זאָגט : זי האָט זיך פאַר מיר געלייגט אין די לענג און אין די ברייט ; נאָר איך מיין : אַז ס׳איז געגנוג געווען, מ׳זאָל אויף מיר בלויז אַ קוק טון, און מיך הייסן גיין ; נישט אַנדערש : ווי די מאַמע אין קבר האָט זיך געמיט.

ס׳ווײבל

כ׳האָב אויכעט נישט גערוט.

דער פעטער

לאָזט זיך הערן

אויסגעריסן זאָל זי נאָר ווערן... קומט אַרויף, פירט אונטער די הענט ס׳צווייטע מיידל מיט מאַטראָזן גייסטו נאָר הוליען ?

ס׳צווייטע מיידל

וואַקלט זיך

אַזוינע לעבעדיקע יונגען, — גאָרנישט זייערס גלייכן אין די היים.

דער פעטער

אויפן מקום געבויכט טרייבן מיט שטעקענעס, — אַזוי פויל געווען ; און דאָ זיך צעבריקעט, גייט איינעמען די שיף...

ס׳צווייטע מיידל

מ׳זעט פאַר די אויגן ס׳טאַנצן זייערס, ס׳שאָקלען זיך... אַ... נעמט טאַנצן, זיך שאָקלען מ׳קאָן געכאַפּט ווערן... בלייבן ביי אַ פעלער.. נאָך דערצו, אַז זיי ווילן נישט בחנם, — וואָס האָב איך צו באַהאַלטן ?...

ד ע ר פ ע ט ע ר

רופט

צירל, זי קומט זע נאָר, זי פּאַטשט דאָך איבער די הענט.

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

וויקלט אָפּ דעם זאַק, נעמט אַרויסוואַרפן פּאַפּירלעך

מ׳פרעגט נישט: וויפיל? מ׳גיט אומגעציילט און צעקנייטשטערהייט ס׳געלט.

ד י מ ו מ ע

כאַפּט עס צו, און קריכט גלייך אַריין מיט ביידע הענט צו איר אין בוזים, אין די זאָקן, זוכט אַרום און באַטאַפּט איר פון קאָפּ ביז צו די פיס

וואו האָט זי דאָס געקריגן?

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

די מאַטראָזן מ׳ר אַיינגעשטופּט.

ד ע ר פ ע ט ע ר

איך זע: זי איז מיר פאַרפאַלן געוואָרן...

ד י מ ו מ ע

ס׳מאַכט זיך דיר אַ לעז, — שלינג אַראָפּ, און רייס נישט אויף ביי קיי־נעמען די אויגן, אויף די שיף; מוזט דורכאויס אין דיר אַריינגיס אַ פּאַס אָקעוויט?... קאָנסט דאָך אַלץ טון, און זיין אַן אָנשטענדיק מיידל...

ד ע ר פ ע ט ע ר

וואָרן, ס׳האָט דען איר אייגענעם שכל, — זי זאָל זיך וויסן ווי אויפ־צופירן?

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

געמוזט טרינקען פריער מיט יעדן איינעם אַ גלעזל; און אַז ס׳זענען געווען אַכט איז אויף יעדן אויסגעקומען איינס, און אויף מיר...

ד י מ ו מ ע

זעצט איר קודם אַוועק

ס׳אי מיר נישט אַזוי אירס, ווי יענע צוויי; ס׳אי נאָך אַ גרויסער חילוק:

מ׳וועט איר אויפהייבן אַ שיכּורע, — ס׳אי טאַקע אויכעט נישט שיין! ווי מ׳וועט דעם גלח מיטן צלם אין די דעליע, צי דעם רב מיטי קאַפּע־וש אויפּ קאָפּ, און אין די זיידענע קאַפּאָטע, — געפונענע טויט־שיכּור אונטערן בעט?...

ד ע ר פ ע ט ע ר

דאָס ביסטו אויכעט גערעכט, צירל; איך שטיי דאָ, און ווייס נישט וואָס ס׳קאָן ערגעץ אַנדערש אַרויסשפּרינגען; די צוויי צדיקים קאָן נאָך איינפאַלן צ׳וועקצוגנבענען די שיף...

ד י מ ו מ ע

זיי זאָלן האָבן זייער אייגענעם ים, וואו מיט איר צו פאָרן, — וואָלט שוין די שיף קיין אַמעריקע קיינמאָל נישט אָנגעקומען...

ד ע ר פ ע ט ע ר

נאך גוט: מ׳זעט שויז באַלד אַרויס אמעריקע; מ׳זאָל אַזוי ברויכן פאָרן דריי וואָכן, ווי פאַרצייטנס, — גאָרנישט מיגלעך געווען פון זיי זיך אָפּצוזאָגן... אָפּ.

ס ׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

שיכּורלעך

מומע, די מאַטראָזן האָבן אָפּגערעדט: מיך צו האַלטן פאַר זיך, אויף די שיף; גאָרנישט צראָפּצולאָזן אין אַמעריקע...

ד י מ ו מ ע

דיין גליק: ער הערט דאָס נישט, וועלוול; ר׳זאָל שטיין דערביי ווי דו זאָגסט עס, — פונם אָרנטלעך אַריינגעכאַפּט

ס ׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

ס׳אי מיר נישט קיין חילוק; וואו כ׳קים, צעלייג איך די קראָם; אויפן ים און אויף די ערד, אַלצאיינס.

ד י מ ו מ ע

אינגאַנצן נעמט ער דיך מיט: ר׳זאָל זיך האָבן מיט וועמען אויפצופּאַ־ווייזן פאַרן ברודער; און, ברויכן צהינקומען מיט די לייריקע הענט?

כ׳ צווייטע מיידל

וואָס ברויך מע פאָרן צום רייכן פעטער קיין אַמעריקע, אַז מ׳האָט דאָ אַמעריקע אויף די שיף.

דער פעטער

טרייבט אַרויף דעם יונג מיטן שייגעץ

ווען זיך שוין ביי מיר אַ שוואַרצע קאַפּ אויסריכטן... מיינט אוודאי: מ׳אי נישט געזעסן, דער גלח מיטן צלם, דער רב אין ספּאָדעק, — און געשפּילט אין קאָרטן?..

די מומע

אים נאָך מאַט מאַכן, די באַנדיטן.

דער פעטער

קום נאָר אַהער! דער גלח וועט מיר מוחל זיין דעם כבוד זייגעם, — וואָס כ׳רעד צו דיר אַזוי גראָב... וואָס שנייסטו, אַ תּם?... זעסט: ווי כ׳האָב דיך אויסגעשטאַט?... ס׳איר מלכות אויף דיר אַרויפגעברענגט?... ס׳קאָן זיך אַ גלח אין די היים דאָס באַלד איינרעדן?...

דער שייגעץ

כ׳האָב דאָס אַזוי ליב ווי אַ פאַרפוילטן ריב.

די מומע

זיך אויסגעבייטלט, — נישט געלאָזט באַלד אויף קיין אָנבייסן; און ווי אָנגעלייגט ס׳איז, אַ?...

דער שייגעץ

גענוג לאַנג געאַרבעט דאַרויף, די קליינע.

דער פעטער

פאַרבייגייענדיק

און ס׳אַר פנים ס׳האָט שוין ביי אים?... די דעליע הענט אויפן ווי אַ זאַק; פאַרשמירט, — נישט צו דערקענען; ס׳זאָלן דיר אַוויסשלאָגן אַזוינע פלעקן אויפן לייב, ווי ס׳אויף איר אַרויפגעקומען...

די מומע

ס׳געלט ווייגט פונם אַראָפּ; עס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, — מער דערפון געהאַט...

דער פעטער

נעמט אַרויס אַ סידורל

נעם, געהרגעט זאָלסטו ווערן, דעם טריף־פּסול אין די האַנט אַריין; ס׳איז דאָך אַוודאי נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן אויף די וועלט, ווי אין דעם אַריינצוקוקן...

דער שייגעץ

כ׳פאַרגין עס אייך מיטן גאַנצן האַרץ.

דער פעטער

זעסט: אַ גאָלדענעם שניט! נישט געקאַרגט, — דער צלם זאָל זיין אַ לייטישער... איבערן גאַנצן טעוועלע... און, פון טאָמבאַק... גאַראַנטירט: ער וועט קיינמאָל נישט שוואַרץ ווערן...

די מומע

אים באַוואָרנט ביזן טויט אַריין.

דער פעטער

זאָג כאָטש דערפון פאַר מיין געלט!

דער שייגעץ

זאָגט אַ ברוגזער

אומנום... דיקטום. .

דער פעטער

זע נאָר אַ טראָמבע... געמאַכט אַ לאָמפּ ווי אַ קליין קינד... קאָנסט נישט העכער?...

דער שייגעץ

העכער

אומנום... דיקטום... בענעדיקטום...

דער פעטער

קוקט זיך אַרום

אַז כ׳בין שוין אַרויס מיט אים אויף אַ שטיקל וועג, איז מיר דער רבֿ ווידער אויסגערונען.

די מומע

ליגט דאָ ערגעץ און היט אָפּ די מויד.

דער פעטער

ברענגט אים אַרויס

וואו ביסטו, אין דרערד זאָלסטו זיין; און וואָס טוסטו?

דער יונג

כ׳קראַץ מיך.

דער פעטער

אַ רבֿ ביסטו? אַ רבֿ?

דער יונג

נאָר וואָס דען, אַ טערק?

דער פעטער

ווייל דו טראָגסט אַ באָרד מיט פאות?

דער יונג

וואָס דען זאָל איך טראָגן, הערנער?

דער פעטער

אַ סך גוטע יידן טראָגן בערד מיט קאַפּעלושן, און זענען נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי...

דער יונג

וואָס וויל ער ווידער פון מיר?

דער פעטער

באַלד זען: וואָס כ׳וויל...

דער יונג

כ'זאָל מיך שטעלן אויפן קאָפּ?

דער פּעטער

נעמט אַרויס אַ סידורל

אויב דו ווייסט אַ גוטע קרענק, קוק כאָטש אַריין ווי אַ האָן אין בני-אדם.. קאָנסט נישט? גלאָץ מיט די אויגן, שאָקל מיט די באָרד, — יעדע האָר זאָל זיך נעמען וואָרפן ווי אַ שלאַנג... און מ'זאָל שטאַרבן פאַר דיין קוק..

דער יונג

נאָך מיין טויט וועט זיין אַ גרויסע פּראָסט... פונם סידורל ויקרא, און ער האָט גערופן...

דער פּעטער

זאָגן איז ווייניק...

דער יונג

וואָס נאָך?

דער פּעטער

צעשפּרייט די פּאָלעס, און פלי.. שלינג איין דעם ים, און שפּיי אים אויס אויף אַ פּאָר הונדערט מייל ווייטער... ווייז: דו ביסט אַ רבֿ... אַ יודזל... אַ הייליקער... גאָטס מע:טש אויף דער ערד...

דער יונג

קוקט אַרויס מיט לשון

גאָט האָט גערופן... פון הימל גערופן...

ס'ערשטע מיידל

פון די הייטנס, לאַכט

זיי גוט אויסגערינכט.

דער פּעטער

איצט צירל, נעם אַ בעזעם, און קער אויס דעם האַלז דיינעם; ס'קאָן זיין, — זאָלסט דיך נאָך ברויכן צעלאָזן אויף דיין שיין קולעכל אויכעט.

די מומע

פאַרגייט זיך

סאָל-דאָ, דאָ-סי! סאָל-פאַ-מי-רע-דאָ — — —

דער פעטער

ציט אָפּ נ'אָטעם

זיי איינגעשטעלט, — מעגן גיין זען דעם אַמעריקאַנער; די שיף איז שוין אַרויס פון ים...

די מומע

שוין אַרויס פון ים, און וואו איז זי?

דער פעטער

ס'וואַסער איז גלאַט ווי אַ שפּיגל. מ'זאָגט: אַמעריקע קוקט שוין אַרי-בער צו אונז מיט אַן אייגל... אַפּ.

דער שייגעץ

גלייך נאָך זיין אַוועקגיין

יאַנקל, דו נעמסט אַ קאָרט?

דער יונג

ליגט איבער די אויערן אינעם סידורל

פּגר אַוועק... זאָגט ויאמר, און ער האָט געזאָגט; ווער האָט געזאָגט?

די מומע

ס'וועט אייך שוין מער נישט פעלן. מוטשעט זיך סאָל-דאָ-דאָ-סי —

דער שייגעץ

לעבעדיק

מיידן, איר שלאָפט? קאָרטן!

ס'צווייטע מיידל

גענעצט

בין איך שלע-פע-ריק...

ס'ערשטע מיידל

אין די היים איז זי געשלאָפן; אויף די שיף שלאָפט זי; אין אַמעריקע, מיידל, וועסטו שוין נישט שלאָפן...

ס'צווייטע מיידל

ס'אַזוי גוט צו-צוטן די אויגן, אַז די שיף שאָקלט זיך; מיט עטלעכע

שאָקל, דאַכט זיך מיר, ווי די מאַמע וואָלט מיך אַ וויג-געטון מיטן וויגל:
אַ-אַ, אַ-אַ, אַ-אַ, אַ-אַ — — —

ס׳ערשטע מיידל

אַ שיין וויגל, די שיף.

ס׳צווייטע מיידל

אַ מולטער; כ׳קאַטשל מיך אין אַ מולטער אויפן ים.

זינגט אונטער

מענדל, קינדל, ביי-ר!
מאַך שוין צו די טיי-ר!

דער שייגעץ

אייפגער ימט

מיידן, די קאָרטן ברויכן ווערן לעבעדיק... נעמט זיי אויסווארפן טשאַרני קאַט, ביאַלי אָשיאָל, טשערוואָני ווינגראַני...

די מיידן

כאַפן קאָרטן, איבערר פנדיק

טשאַרני קאַט, ביאַלי אָשיאָל, טשערוואָני ווינגראַני...

די מומע

אַז ס׳זעט וועלכע פון זיי אַ קאָרט, ווערט זי ווילד ווי אַן אָקס, — פאַר אַ רויטע פאַטשיילע.

דער שייגעץ

נעמט אַליין אויכעט נישט ווייניק איין די כפרה פאַר זיי...

שפילן אַלע

ראַני, ראַני ראַני,
באָושע, צאָ זאַ פאַני.

ס׳ווייבל

קומט-אָן, ברעכט זיך די הענט

אַמעריקע וועט דאָך מיר נישט באַקימען; מיין מאַן נישט איינגיין;
ס גאַנצע האָב און גוטס נישט באַשיין.

דער לערנער

קומט נאָך איר

וואָס עפּעס גענומען פון אייך פלוצלינג אַזוי אַרויסשרייען?

ס׳ווייבל

ווי וועל איך קאָנען ג׳קאָפּ אויפהייבן, און אַריינקוקן אַ מענטש אין די אויגן?... אויף שטערן מיר אַך שטיין דערפון אָנגעשריבן... יעדער איינער דאָס קאָנען אַראָפּלייענען..

דער יונג

וואָס איז איר ווידער צוגעקומען?... זאָגט ויאמר, און ער האָט געזאָגט: גאָט האָט געזאָגט..

דער לערנער

פוי די העלע הייט דאָס געוויין איר באַפאַלן... וואו איז ערגעץ דער מעריקאַ ער ייד?.. ער אפשר קאָנען עפּעס פון איר דערגיין?...

ס׳ערשטע מיידל

נישט אַמאָל זיך עמעץ צוגעכאַפּט צו איר?

די מומע

ס׳קאָן נאָך עמעצן אָנעמען אַ חשק צו אַזאַ יידענע, אַ שמויגער?

ס׳ווייבל

קנייפּט זיך איבער די באַקן

וואו וועל איך גיין און ווי אַזוי קאָנען לעבן, — אַז כ׳האָב אָפּגעטון אַזאַ זאַך?...

דער בראָוקער

קוזיאָן

וואָס האָט איר אַזעלכעס געטון?

ס׳ווייבל

אומגעברענגט אַן אַלטן יידענע.. אַן אַלט מענטש פון הונדערט און זיבן־און צוואַנציק אייניקלעך און אור־אייניקלעך... איר געקוילעט אַן אַ מעסער...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אומגערן אַראָפּגעשטויסן אין ים אַריין?

ס׳ ו וי ב ל

נאָך ערגער.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

ס׳ ו וי ב ל

מיר ניטגעגעבן די חכמות פון אַמעריקאַנער קאָנסול, האָב איך דיי אַ גאַנצן וועג געהיטן, און הינטער אַמעריקע פארלוירן...

אַ ל ע

טפו זאָלט איר ווערן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אין כעס

אַליין ווייסט איר שוין: וואָס מוועט אייך פרעגן? צערייסט זיך אַזוי פאַר די אַלטע יידענע?..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אנגעשראָקן

וואָס, אין וואַרשע איז מע נאָך נישט מיט אַלעם איבערגעקומען, נאָר דאָ נאָכאַמאָל ברויכן פאַרלייגן די זעלביקע טענות?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

עליס-איילאַנד האָט זיך געשמדט?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

זיך דאָ גוט אַריינגעבאָדן.

ד י מ ו מ ע

ס׳אַ מעשה אָן אַן עק...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

עליס-איילאַנד איז נישט וואַרשע.

די מומע

און ערשט ברויכן גוט אונטער־ארטלען.

דער בראָוקער

עלים־אײלאַנד איז דאָס טויער, דורך װעלכן מ'פאָרט אַרײן קײן אַמעריקע.

דער יונג

געבראָכט מיטנעמען דעם פריצס פערד, — מ'זאָל מט זײ אַרײן נאָ־שפּיץ...

דער בראָוקער

עלים־אײלאַנד איז אַלע מאָל געװען דער מלאך־המות פאַר די גרינע.

די מומע

אױף געלעבט

די הײנטיקע גרינע װאָס פאָרן קײן אַמעריקע, קאָנען אַרײנגאַרן די געלע אין זאַק אַרײן...

דער בראָוקער

ביז ס'קומט גישט דערצו, זענען זײ אַלע גרױסע בריות..

דער לערנער

װאָס זאָל מע װידער טון?

דער בראָוקער

אַרױספּאַקן די גאַנצע תורה פאַר מיר.

דער לערנער

הינני.

ס'ווײבל

כ'בין גרײט.

די מומע

די מינוט

דער בראָוקער

איך װעל איצט זײן דער אַמעריקאַנער קאָנסול און אױספּרוּוון די חכמה

אייערע: צי מ׳קאָן פירן לענדער מיט איר, אויסמעסטן ימען, בויען שטעט, טונעלן, קאַנאַלן, באַנען...

ד י מ ו מ ע

אַפילו פליען דורך איר אין די לופטן.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פּאַרוואָס, וויל איך וויסן: וואַקסן די האָר פון אַ באָרד אַראָפּ, און נישט אַרויף?

ד ע ר י ו נ ג

ווייל זי וואַקסט נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

ביי מיר לאָז איך איר נישט וואַקסן, נישט אַרויף און נישט אַראָפּ.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ווי אַזוי, וויל איך וויסן: קאָן מע מאַכן אַן אויוון פון פּוטער?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳בין נישט קיין כעלמער; דאָרט האָט מע זיך דעריבער אַמאָל געבראָכן דעם קאָפּ...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַז מ׳עסט אויף אַ בייגל, וויל איך וויסן: וואו ס׳קומט אַהין דאָס לאָך?

ד ע ר י ו נ ג

אין די קעשענע.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

ס׳גייט צוריק צום בעקער, — ער זאָל האָבן אויף וואָס צו מאַכן אַן אַנדערע בייגל...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אויב מ׳גייט אין גאַס, און מ׳פּאַרטשעפּעט זיך אין אַ קאַץ, — וואָס טוט מע?

ס׳וויבל

מ׳שפּייט אויס דריי מאָל

דער בראָוקער

ווי לאַנג איז אַ שטריק?

דער שייגעץ

ווי לאַנג מ׳וויל, קאָן ע׳ זיין.

דער בראָוקער

וויפיל פיס האָבן צען פּאָר פערד, זיבן מענטשן און זעקס הענער?

דער יונג

מ׳ברויך איבערציילן.

דער בראָוקער

מיט וואָס פאַר אַ פּאַראַסאָל גייט מע אונטער אַ רעגן?

ס׳צווייטע מיידל

אַ נאַסן.

דער בראָוקער

ס׳גייט איבער אונז, מיט די פיס אַרויף, און ס׳שאַט קיינעם נישט?

די מומע

אַ פליג.

דער בראָוקער

פאַרוואָס: אַ האָן, אַז ער קרייעט, — מאַכט ער צו די אויגן?

דער לערנער

ווייל, ער קען די תורה אויף אויסווייניק.

דער בראָוקער

ס׳אי נישט האַרט, נישט ווייך, נישט נאַס און נישט טרוקן, וואָס איז עס?

ס׳ערשטע מיידל

גליטשיק.

דער בראָוקער

נישט גרין, נישט געל, נישט רויט, נישט בלאָ, — וואָס פאַר אַ קאָליר איז עס ?...

ס׳ווייבל

נישט גרין, נישט געל, נישט רויט און נישט בלאָ, — מוז עס זיין פאָ־פּילאַטע.

דער בראָוקער

מיט אַ געלעכטערל

דאָס ווייס איך אַליין אויך נישט. וואָס איר מיינט ; כ׳בין אַ רוסישער, — און אין אונזערע מקומות זאָגט מע דאַרויף אַנדערש...

די מומע

שוין ? מיט מזל איבערגעקומען ?

דער בראָוקער

זיך וויסן אַזוי צו האַלטן, — וועט איר אָן צווייפל איינעמען אַמעריקע...

דער קוימען נעמט פייפן, אַ שטריק פון עק ביז עק, — ציגרט זיך אָן מיט פאַרביקע עלעקטרישע לעמפלעך.

דער יונג

וואָס איז דאָס פאַר אַן אילומינאַציע ?

דער בראָוקער

מ׳זעט שוין אַרויס דאָס גאָלדענע לאַנד.

דער לערנער

צעטומלט

ס׳שוואַרצע דאַרטן זאָל שוין זיין ערד ?... די זעלביקע ערד וואָס אין די היים ?... דער ים לאָזט זיך דאָ אויס און די ערד הייבט זיך פון אויפסניי אָן ?...

ס׳ווייבל

זבי כ׳האָב געמיינט: ס׳וועט זיך שוין קיינמאָל נישט מער אויסלאָזן...

דער לערנער

פאַרגאַפּט

און דאָרטן איז דער טאַטע?

ס׳ווייבל

מיין מאַן?

דער לערנער

ווישט זיך די אויגן

נאָר די מאַמע, נעבעך, נישט די זכיה געהאַט, — און איז די היים גע־בליבן; נישט זיין ווער, וואָס זאָל אַמאָל אויפן קבר צו איר אַרויסשמעקן...

ס׳ווייבל

וויינט אין פאַרטעך אַריין

אויכעט די ערד דאָרטן צושטייער געגעבן...

דער פעטער

קומט־אָן, באַהאָנגען פון קאָפּ ביז די פיס, טראָגט אין די הענט, און וואו ס׳אי נאָר מעגלעך, — קליינע און גרויסע וואַליזעס

קוקט אייך גוט אַרום ס׳זאָל גאָר ישט איבערבלייבן; מ׳אי שוין אין אַמע־ריקע, — נאָר אויף די שוועל אַרויפצוגיין...

מ׳הערט דעם קוימען פייפן.

דער לערנער

הייטעריער

אַז דער אַלטער ביסקער רבי איז אַריינגעפאָרן קיין זשריבניק, איז אים דער זשריבניקער אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, ס׳רעדט זיך אַזוי, — געגאַנגען, וואָרן מ׳האָט דען געזען: ער זאָל אָנרירן די שטיינער מיט די פיס?... און אַז די קאַרעטע איז אים גע־קומען פאַר די אויגן, האָט ער אַ געשריי געטון: ריזעט אַ וועלט!... און גענומען פאַר זיין כבוד וועגן מקבל

שבת זיין... לכה דודי, לקראת כלה פני שבת נקבלה. . שטרעקט אויס די־
הענט טאַטע, כ׳זע אַ וועלט!... נעמט פונאַנדער די פאָלעס, און פארוואַרפט די פיס:
קומי צורי, שיר דברי, כבוד אדוני עליך נגלה...

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

ניט לאַנג דערנאָך
אין עליס־איילאַנד

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אוי, דאָס שטיקעלע ערד, ס'זאָל גאָרנישט אונטערגיין; אַז מ'וויגט זיך ניין טאָג אויפן וואַסער, און מ'בלייבט שטיין אויף אַ האַרטע זאַך, — איז עס גאָרנישט אָפּצושאַצן.

ס ' וו יי ב ל

מילא; ר'האָט אונז דען ווייניק ס'לעבן געמינערט, דער ים?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מעגן גומל בענטשן, כ'בין גאַנץ אַראָפּ פונם.

ס ' וו יי ב ל

זיכער געמיינט: דו וועסט שוין, אויף שטענדיק בלייבן ביי אים; נישט דערציען מער קיין אַמעריקע...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ווייניק געפעלט?

ד י מ ו מ ע

נאָך דערשפירט ערד, איז ער גלייך געזונט געוואָרן, דער שמיגעגע; אויפגעשטאַנען אַ נייער מענטש.

ס ' וו יי ב ל

נישט האָבן עפּעס אויסגעטראַכט נאָך: מ'זאָל קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע, און נישט דווקא ברויכן אָנקומען צו אַ שיף אויפן ים?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

פאַר זיך

אַ דאַמפשיף האָט ער אויסגעטראַכט,
און נעמט זיך מיט איר איבער;
דער רבי שפּרייט זיין טיכל אויס, —
און שווימט דעם ים אַריבער.

ס ' ע ר ש ט ע מ יי ד ל

ניין טאָג זיך געהושעלט, און דער שמויגער באַשטייט נאָך נישט; א־ר באַדאַפט אַוועקשיקן מיט אַכצן יאָר צוריק קיין אַמעריקע, ווען מיין

מאַמע האָט מיך ס'ערשטע מאָל מיטגענומען, — זיך געשלעפּט דריי וואָכן מיט עטלעכע טעג אויפן ים.

ד ע ר י ו נ ג

געמוטשט זיין מיט אַן אָקס־שיף.

ס'ו ו י י ב ל

מיינס גאַטונג איז אין יענע יאָרן נאָך קיין אַמעריקע נישט געפאָרן.

ד י מ ו מ ע

שטייט זי אין גרויס.

ס'צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

כ'ווייס נישט מיט וואָס.

ס'ע ר ש ט ע מ י י ד ל

געקומען צום גרייטן, דער שמויגער; אַנדערע האָבן פאַר איר אויסגעטרעטן אַ וועג.

ד ע ר י ו נ ג

אז זי זאָל זיך געווען איינהאַלטן נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר, — שוין באַלד געקאָנט גיין צופוס קיין אַמעריקע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

מ'קלערט צו פאַרשיטן דעם ים?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נאָך אַ קליין יינגל געווען, געהערט זאָגן: מ'גייט מאַכן אַ בריק, מ'זאָל קאָנען פאָרן פון די היים אויס אויף איר מיט די קאַליע, — גלייך קיין אַמעריקע.

ס'ו ו י י ב ל

כ'האָב אויכעט געהערט: די קאַליע זאָל גיין קיין אַמעריקע, נאָר אונטער דרערד; ווייל פון די בריק, האָט מע מורא, — זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן אין ים אַריין.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אין די היים מ'איז, — איז אַמעריקע אונטער דרערד? ברויך מע ערשט

גיין לייגן אַ בריק ?... אַז מ'קאָז גלייך נעמען גראָבן אין דרערד, און גראָבן אַזוי טיף, — ביז מ'וועט זיך דערגראָבן קיין אַמעריקע

דער פעטער

דער שמיגעגע איז גערעכט.

דער יונג

און זיך אַרונטערלאָזן צו איר מיט אַ שטריק.

דער שייגעץ

אָדער גאָר אַרונטערגיין ווי אין אַ קעלער, מיט אַ לייטער.

די מומע

און אַז ס'זאָל נישט שווער אָנקומען, — מאַכן שטיגן.

דער פעטער

אַנטקעגן איבער מיר, האָט טאַקע אַלטער אהרן, דער גאַרבער, אַז ער האָט אויפגעהערט קריגן בריוו פון זון אין אַמעריקע, — זיך איינגעשפּאַרט, און געוואָלט דערגרונטעווען צו אים, גיי זיך אויפן הויף.

ס'ערשטע מיידל

נישט מער און נישט ווייניקער.

די מומע

און ער איז ווייט דערגאַנגען ?

דער פעטער

מ'רעדט מיט אים, זאָגט ער: ר'וואָלט זיכער אין אַ שיינעם טאָג אַריינגעפאַלן אין אַמעריקע — ס'זאָל נישט אָ קומען קיין וואַסער.

די מומע

נישט געקאָנט קיין עצה געבן, און ס'וואַסער אויסשעפּן ?

דער פעטער

וואָס מער ר'האָט געשעפּט, מער איז צוגעקומען, — אַ גאַנצער ים.

די מומע

און געמוזט פאַרשיטן צוריק ס'גרוב ?

דער פעטער

געוואָלט בלייבן ביי אַ ברונעץ, נאָר ס׳וואַסער האָט געריסן מיט אַזאַ כּוח, דאָס ווען ר׳דעקט עס נישט באַצייטנס צו, — וואָלט דאָס אים פאַרטריבן קען מיטן הויז, מיטן הויף, און אפשר מיט די גאַנצע שטאָט; אַלע ביי אים געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן...

דער לערנער

פונקט באַדאַרפט אָנטרעפן ביי זיך אונטערן הויז אויפן ים.

דער פעטער

מענטשן האָבן טאַקע געזאָגט, ס׳אי דער ים; ס וואַסער נישט געקאָנט נעמען צום מויל, — אַזוי געזאַלצן איז עס געווען; ריין ים־וואַסער.

ס׳וויבל

ס׳זאָל אַזוי זיין, וואָלט יעדער שטענדיק געקאָנט אַריינקומען קיין אַמעריקע.

דער לערנער

און נישט געברויכט אָנקומען צום קאָנסול.

ס׳וויבל

צו קיין שיף.

דער לערנער

עליס־איילאַנד.

דער פעטער

אַלע געקאָנט האָבן טיף טייער אין דרערד.

די מומע

יעדער געהאַט אַמעריקע ביי זיך אין די היים.

ס׳וויבל

נישט געקומען קיין בריוו, — אַראָפּגעלאָזט אויפן שטריק קיין אַמעריקע: „יאַנקל, וואָס שרייבסטו נישט?" נישט געקומען קיין געלט אַ לאָז אַראָפּ אויפן שטריק קיין אמעריקע: „זלמן, וואָס שיקסטו נישט?" און סתּם: אַ שלעכט בריוועלע, עפּעס נישט געזונט, — אַ לאָז אַראָפּ אויפן שטריק, ווען צו־האַלטן נ׳קאָפּ...

דער לערנער

ער זאָל זיך געווען נעמען גראָבן אויף אַן אַנדער אָרט, וואו דער ים לאָזט זיך אויס, — איז ער בלתי ספק אין אַמעריקע; ס׳וועט דאָך פאָרט קיינער נישט אַנדערש זאָגן, ווי אַז אין די היים איז אַמעריקע אונטער דרערד?...

די מומע

אַז אין די היים איז אַמעריקע אונטער דרערד? וואו איז, אַז מ׳איז אין אַמעריקע, — די היים?

דער פעטער

פון אויבן, איבער די ערד.

ס׳ווייבל

פאַר יענע, וואָס שרייבן נישט אַהיים קיין בריוו, איז אַמעריקע נאָך ווייטער ווי אונטער דרערד...

דער לערנער

וואָס האָב איך צו קלערן? זייַן אין אַמעריקע, וועל איך וויסן: וואו די היים איז? דערווייל בין איך נאָך נישט אין אַמעריקע.

דער יונג

דאָ איז נאָך אַלץ נישט אַמעריקע?

דער פעטער

פורים איז נישט קיין יום־טוב, קדחת נישט קיין קרענק, און עליס־איי־לאַנד, — נישט אַמעריקע.

ס׳ווייבל

ס׳אי וואָר: ווען ס׳איז אין אַמעריקע טאָג, איז אין די היים נאַכט?

דער פעטער

נישט געריקט דעם זייגער יעדן טאָג מיט אַ האַלבע שעה, פאַר די גאַנצע צייט וואָס מ׳איז געפאָרן אויפן ים?

דער לערנער

קענן וואָס איז דען דער חילוק?

ס׳ווייבל

אַז כ׳וועל גיין שרייבן אַ בריוו זאָל איך וויסן צו שרייבן: צי אַזוי ווי ס׳אי דאָ געווען, בייטאָג; אָדער ווי אין די היים, — ביינאַכט...

דער לערנער

איר וועט שרייבן: ס׳אי געווען נישט בייטאָג, און נישט ביינאַכט; ס׳זאָל אויסקומען אַזוי, אין צווישן; צווישן טאָג און נאַכט.

די מומע

דערווידער

גרינגע קעפּ, האָבןביידע נישט אין וואָס אַרייַנצוקלערן; דעם שמויגער וועט קימען אָפּעמען אַהיים, דער מאַן; דעם שמיגעגע, — צוכאַפּן דער פּאָטער ווי אַ הייס געבראָטנס..

דער פעטער

און מיך, אַז מיין ברודער וועט קימען אָפּנעמען, — בין איך שוין ויכּגר מיטן?...

די מומע

נישט געקאָנט מער, ווי מיטנעמען די פּרנסה..

דער לערנער

פּאַרקלערט

אַז מ׳איז פּאַרפאָרן קיין אַמעריקע, באַלד ווי מ׳האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, — צוואָס האָט מע אונז נאָך נאָכדעם אָפּגעהאַלטן די גאַנצע נאַכט אויף דער שיף, און געוואַרט ביז ס׳וועט טאָג ווערן?

דער פעטער

מיר דאָס אַראָפּגענומען פון די שפּיץ־צונג, דער שמיגעגע

די מומע

מ׳זאָל זען וואו אַהיימצוגיין.

ס׳ערשטע מיידל

פּאַרוואָס טאַקע, זיך פריער נישט גוט אויסשלאָפן, — און אַרייַנקומען אויסגערוט קיין אַמעריקע?

ס׳וויבל

ס׳־ווי קיין אויג נישט צוגעטון.

דער לערנער

די שיף איז טאַקע געשטאַנען ווי איינגעמויערט נאָר גיי, — שלאָף, אַז אַמעריקע שטייט דיר צוקאָפּנס...

ס׳וויבל

פאַרזאָרגט

כ׳האָב אַזוי געטראַכט: וואו כ׳וועל האָבן כיין קאָפּ־געלעגער...

דער לערנער

דריי מאָל אַראָפּ פונם בעטל אַ קוק טון אויף אַמעריקע; מ׳וואָלט מיך געלאָזט, — אַזוי געשטאַנען די גאַנצע נאַכט, און פון אַמעריקע די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

ס׳וויבל

ס׳זאָל מיר עמעץ קאָנען זאָגן: צי ס׳וועלן מיר אַ שאָד זיין די יאָרן, וואָס כ׳האָב אין די היים אָפּגעוויסט, אָדער, — פאַרשעלטן די צייט, וואָס כ׳וועל אין איר האָבן אַריינגעקומען קיין אַמעריקע?

די מומע

כ׳קאָן דיר לייגן קאָרטן.

דער יונג

מיט אַמאָל

ווייסט, ליבע, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן?

ס׳ערשטע מיידל

כ׳ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן?

דער יונג

כ׳בין הונגעריק.

ס׳ערשטע מיידל

ווייסטו דאָך וואָס מ׳טוט.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

מ׳נעמט און מ׳לייגט אין מויל אַריין.

ס׳ צ װ ײ ט ע מ ײ ד ל

מ׳עסט עפּעס

ד ע ר פ ע ט ע ר

קאָנסט דיך נישט איינהאַלטן, — זאָלסט עסן אין אַמעריקע ?

ד ע ר י ו נ ג

ברויך מע דאָך נאָך עמעצן פרעגן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

וועמען ?

ד ע ר י ו נ ג

דעם מאָגן ; ער האָט מער דעה איבער מיר, ווי איך איבער אים צו זאָגן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

אוודאי, אָנהייבן מיט אַזאַ רוצח ?

ד י מ ו מ ע

זאָל ער זיך פאַרשטופּן ס׳מויל, און וויניקער צאַפּלען מיטן טויט.

ד ע ר י ו נ ג

קייעט

כ׳וויס גאָרנישט, ווען כ׳האָב מיך אַזוי אויסגעהונגערט ? געקאָנט איינשלינגען אַן אָקס מיט די פּאָדקאָוועס.

ס׳ ע ר ש ט ע מ ײ ד ל

נעמט עסן ביי אים

מיך פּיקט אויכעט נישט וויניק.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

נעמט אויפבינדן ס׳פּעקל

און ביי מיר איז ליידיק דער בויך, הויל ווי אַ פאַס...

ס׳ צווייטע מיידל

נעמט עסן ביי אים

ס׳דאַכט זיך מיר, ווי כ׳וואָלט שוין פון אַ האַלב יאָר נישט געהאַט גאָר אין מיין מויל.

די מומע

נישט געקאָנט איינהאַלטן מיט די אכילה, נאָר דאָ אונטערטליקען...

דער פעטער

ווייסט, צירל? כ׳שפּיר מיר אויכעט ס׳האַרץ נישט. *נעמט עסן*

די מומע

מיט זיי ערשט געהאַט צו טון, און אַליין אויכעט נישט בעסער; אַזאַ זולל וסובה...

דער פעטער

עסט

כאַטש נישט אַזוי געהאַקט יענעמען אין די אויגן.

די מומע

גיב מיר ווידער אויכעט אַ קרישקע! עפּעס, מער זיין אויסגענומען פאַר אַלע? מיינסט: כ׳בין אַ מלאך, און ס׳האַרץ אַנטגייט מיר נישט? *נעמט עסן ביי אים.*

דער פעטער

אַז מ׳גייט אַראָפּ פון אַ שיף, איז עפּעס פּונקט ווי מ׳וואָלט אויפגעשטאַנען נאָך אַ קרענק; און מ׳ברויך, נישט אויף קיין געלעכטער, — לייגן אין מויל אַריין...

דער יונג

זי לייגט טאַקע נישט אונטערן אויער.

די מומע

זיין מער צדיק פאַר יעדן איינעמען?

דער פעטער

דערנאָך נעמען שמייסן, — כאַטש נישט זיין אויפן ניכטערן.

דער לערנער

נעמט זיך גראבלען

איך אויכעט ברויכן נעמען צו די שריים ; מ׳קאָן פון קיין תענתים נישט לעבן.

ס׳ערשטע מיידל

פון צוקוקן ווי יענער עסט, — אַליין נישט זאַט זיין.

דער יונג

אַ-האַ ! אים שוין געהערט אויסרעדן אַ וואָרט ..

דער פעטער

ברייט עס דיך.

דער לערנער

בינדט אויף ס׳זעקל

דאָס שטיקל ברויט מיר נאָך איינגעהאַנדלט אויף יענע זייט ים, — נישט קיין ריס אין האַרץ ?

ס׳ווייבל

מוזט נאָך האָבן גוטע ציין, אַז דו קאָנסט צעקייען אַזאַ שטיין.

דער לערנער

אָפּגעלעבט ניין טאָג אויף אַ בלויז ביסל וואַרעם וואַסער, מיט אַ שטיקל צוקער.

ס׳ווייבל

זיי האָבן דיר אָנגעמאַכט אַ חשק צו עסן.

דער לערנער

אַז מ׳איז אויף ביינאַכט, ברויך מע אַזוי גוט צו עסן ווי בייטאָג ; און אַז כ׳האָב די גאַנצע נאַכט נישט טועם געווען, — רעכנט זיך דאָך אַצינד שוין דער צווייטער טאָג...

ס׳ווייבל

פאַרשלאָגט אים

אויף וואָס אַרויף קוקנדיק, זאָל איך ווידער פאַסטן ?

דער פעטער

מיטאַמאָל, פאַרזאָרגט

מ'זעט נישט דעם אַמעריקאַנער ייד... אָנגעבעטן: ר'זאָל דאָ זיין, — מ'וועט גיין אויסטייל, די גוטע קוויטלעך... כ'ווייס? .. אַ גוט וואָרט... פאָרט ביי זיך דאָ אין די היים...

ס'ווייבל

זעסט: ווי מורא מ'האָט?

דער לערנער

אוודאי; אַז מ'דערשפּירט דעם רבינס קאַנטשיק..

די מומע

פאַרדראָסיק

אויף די שיף איז מע געליגן איינגעלייגט, גאָרנישט אַרויסגעזען... און דאָ געקריגן אַ מויל...

ס'ווייבל

נעמט זיך שיין מאַכן

דאָ איז עפּעס אויף די שיף?

דער פעטער

שאַ, מאַך נישט קיין גערודער, — ס'איז איר אַמעריקע.

ס'ערשטע מיידל

זעעס נאָר: ווי זי פּוצט זיך! די בעקלעך האָבן זיך צעפלאַמט!... האָט אַ כוח!...

דער יונג

אַז דער מאַן וועט קומען אַראָפּ, עמען דאָס שטיק פאַרגעניגן, — זאָל ער כאָטש האָבן אויף וואָס צו קוקן פאַר זיין געלט...

ס'ווייבל

טוט זיך אָן אַ גאָלדענע קייט

אַ ביסל וויניקער דאַרן דער קאָפּ פאַר מיין מאַן...

ס׳צווייטע מיידל

גוועוע איין יושר: בײַ איר, — אים א נטערצוהאַקן.

ס׳ווײַבל

דיר, די זייטן.

דער שייגעץ

ווי לאַנג שוין, ער איז פֿון אייך אַוועק?

ס׳ווײַבל

גיב אַ שמעק, וועסטו געוואויר ווערן.

ס׳צווייטע מיידל

אַ גוט פּיסקל.

ס׳ערשטע מיידל

גאַרנישט געוואוסט: מיט וועמען מ׳פּאָרט?

דער שייגעץ

וועט ער בײַ איר לעקן די פינגער!

ס׳צווייטע מיידל

כאַ־כאַ־כאַ...

דער יונג

זך פריער כאַטש גיין אָפּשווענקען?

ס׳ערשטע מיידל

כאַ־כאַ־כאַ...

דער שייגעץ

נאַר געוואָלט שטיין הינטער די טיר, אָדער ליג כאַטש אונטערן בעט...

ס׳צווייטע מיידל

אַנישט האָט ער אַזוי פיל יאָרן געוואַרט אויף איר, און נישט געזען זיך צו העלפן? נאָכדערצו, איז אַמעריקע?

דער יונג

אַ נאַר איז ער?

ערשטע, צווייטע מיידל

לאכן

באַ-כאַ-כאַ... כאַ-כאַ-כאַ...

דער לערנער

זאָלן זיי זיך קרענקען.

ס׳וויבל

כ׳הער באַלד נישט, וואָס זיי נאַבלען...

דער בראָוקער

קומט אַריין

זיצן אויסגעזועצט אויפן ביסל אַרימקייט, אַזוי ווי אין די היים צו קינות; דאָ שטענדיק תשעה באב, אַפילו אין מיטן ראש-חודש אדר.

ס׳וויבל

אַז מ׳ברויך אַדורכגיין ס׳לעצטע טויער.

דער לערנער

דעם לעצטן מדור פון די שבעה מדורי גיהנום.

ס׳וויבל

כ׳שפיר אויף זיך אַ משא, ווי כ׳וואָלט געטראָגן הייזער..

דער לערנער

אַצינד ערשט ברויכן יעדן איינעם אויסזאָגן: איזו לחרב, ואיזו...

דער בראָוקער

דו ועסט דיך יאָ מעגן באַרימען: אַמעריקע איז דיר נישט גרינג אָנגעקומען...

ס׳וויבל

אַז מ׳שיקט פון דאַנעט צוריק, איז פונקט ווי מ׳וואָלט געגאַנגען אונטער די שווערד...

דער פעטער

שאַרט זיך צו

איר ווייסט נישט: אויב מ׳וועט דאָ ברויכן לאַנג זיצן?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נישט אויסהונגערן; געבן גענוג צו עסן.

ד ע ר י ו נ ג

מ׳ברויך נישט זייערס: פאַרבליבן גענוג אייגן עסן.

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

פון דעם וואָס מ׳גיט דאָ, קאָן געשוואָלן ווערן דער קאָפּ.

ד ע ר ש יי ג ע ץ

מ׳האָט אויף די שיף נישט בלויז געלייגט אין מויל אַריין, — נאָר אין קעסטל אַריין אויכעט.

ד ע ר פּ ע ט ע ר

ווי פריער

מ קאָן אפשר אַ וועק־טון דעם עולם, מ׳זאָל נישט אַזוי שלאָפן?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מ׳ברויך נישט וועקן; דער טאָג האָט זיך נאָך דערווייל נישט אָנגעהויבן

ד י מ ו מ ע

דערפאַר, ווייל מיר זענען אויף אין עליס־איילאַנד, מיינט ער: שלאָפט מע שוין נישט אין אַמעריקע?

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

מ׳ליגט נאָך איצט אין אַמעריקע אויכעט גאַנץ שיין אין די בעטן.

ס׳ ו יי ב ל

שאַרט זיך צו

איר וועט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן.. איר זענט דאָך אַזאַ טייערער מענטש.. אַ דימענט.. אַ ברילאַנט... און אַריינבאַפּילן צו מיין מאַן, אַז יין ווייב, ביילע־גיטעלע, איז שוין מיט מזל אָנגעקומען קיין אַמעריקע. און איז נאָך דערווייל הינטער די שטאַט, אויף די ראָגאַטקע...

ד ע ר י ו נ ג

וועט ער איר אַרויספאָרן אַנטקעגן אין אַ קאָטש, געשפּאַנט מיט פיר פּאָר פערד אין די ברייט.

די מומע

זעסט, וואָלוול, זי האָט ג'קאָפּ אויף די רעכטע זייט ?

דער פעטער

אַזאַ שמויגער !

דער בראָוקער

אים נישט טעלעגראַפירט פון די שיף אַראָפּ, אַז איר זענט אַריינגעקומען !

ס'ווייבל

מיר געוואָלט איינשפּאָרן ס'געלט, וואָס די טעלעגראַמע ברויך קאָסטן; געוואוסט: איר זענט אַזאַ גוטער מענטש, און אים דאָס אַליין אַריבער־גיין זאָגן..

דער בראָוקער

מיך אין דרויסן אומקוקן, אויב ער איז נישטאָ; וואו האָט איר זיין אַדרעס ?

ס'ווייבל

דאָ, אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר; איר קאָנט אים אַראָפּשרייבן; צונעמען, בין איך אויסגעשטעלט.

ס'ערשטע מיידל

האָט זי מער קיין מאַן נישט; וואו וועט זי אים גיין זוכן אין אַמעריקע, אָן אַדרעס ?

ס'ווייבל

איטשל קאַנעגיסער, הייסט ער; און אויב מ'ווייסט נישט פּנים, — רופט מע אים פון די היים: איטשל אברהם קלמן לייבס פון שלעפּע גורע; אויף דעם נאָמען קאָן אים אפילו אַ קינד אין די וויג.

דער בראָוקער

אים שוין לאָזן גריסן פון אייך.

ס'ווייבל

אוי, ווען ער זאָל וויסן, כ'בין דאָ.. זיך אוודאי קיין מינוט נישט מער זיך געקאָנט איינהאַלטן, — ר'זאָל נישט קומען צו פליען..

ד ע ר י ו נ ג

אויף די אויסגעקראָכענע גושיווע פון אַן אַלטן קאָטער.

ד ע ר פ ע ט ע ר

שטעלט זיך ארויס

כ׳זע: איר פאַרשרייבט, האָב איך דאָך אויכעט דאָ ערגעץ אַ שטיקל משפחה...

ד י מ ו מ ע

אַ שטיקל, זאָגט ער, — אַ גאַנצע פּאַצענע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

און אוודאי נישט קיין קלענערער מחותן מיט אַמעריקע, ווי איר מאַן איז...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר ווילט אויך, כ׳זאָל אים צו וויסן טון?

ד י מ ו מ ע

גלייך שיקן אָנזאָגן מיט אַ שטאַפעט

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַזוי ווי כ׳וועל אָנקומען קיין אַמעריקע, האָט ער מיר געשריבן: זאָל איך אים זען צו קלאַפּן אַ טעלעגראַם, — וועט ער מיך קומען אָראָפּ-נעמען מיט זיין אייגענע מאַשין, כ׳וויס?... ער זאָל האָבן אַזאַ מאַשין, וואָס מ׳קאָן מיט איר פון דאַנעט אַראָפּנעמען?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פאַרוואָס האָט איר ווידער נישט געזען צו קלאַפּן אַזאַ טעלעגראַם?

ד ע ר פ ע ט ע ר

ווער זאָגט דען, כ האָב נישט געקלאַפּט?... נישט איינע... יעדן טאָג אַריינגעהאַקט אַ טעלעגראַמע.. מוז שוין דאָרט פון מיר האָבן אַ פולע שטוב מיט טעלעגראַמען..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מוז ער אייך זיכער דאָ אָפּוואַרטן, אין דרויסן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

הערסט, צירל, ס׳קאָן זיך נאָך מאַכן: מ׳זאָל זיך דאָ באַלד פרייען מיטן...

ד י מ ו מ ע

ס׳וואָלט נישט געווען קיין קרומע זאַך.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

שטעלט זי׳ אַרויס

יעדן איינעם שוין פאַרשריבן, — פאַרגעסט נישט אין מיר אויכעט; יענער האָט אַ ברודער, דער עמעצן אַנדערש, און איך האָב דאָך אַ טאַטן, וואָס קאָן נאָך זיין מער פון אַ טאַ־טן?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אָנגעהיטן זאָלסטו ווערן, דיך עפעס אַרויסצוכאַפּן; טאָרסט אים אפילו אויף די ליפּן נישט ברענגען...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

פאַרוואָס זאָל איך אים ברויכן צו פאַרלייקענען?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

די כלה האָט דיך געבּרענגט קיין אַמעריקע.

ד ע ר י ו נ ג

פאַרשטיקט

אַ כלה...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

מיט טרערן

טאָר איך שוין דערפאַר קיין טאַטן נישט האָבן?

ס ׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

אַ כלה איז וויניק; אַ כלה איז גענוג געווען ביז אַהער; דאָ וועסטו פריער ברויכן נעמען לייסענס, איידער מ׳וועט דיך אַראָפּלאָזן קיין אַמעריקע.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וואָס, זאָגט זי, וועל איך ברויכן?

ס׳ערשטע מיידל

מיך מקדש זיין.

דער לערנער

כדת משה וישראל?

ס׳ערשטע מיידל

מיט נאָך עפּעס, צו...

דער לערנער

און אויפן וואָרט נישט גלייבן?

ס׳ערשטע מיידל

ס׳הייבט זיך נישט אָן...

דער יונג

גיט זיך אַ וואָרף

אַ מכּה!

די מומע

אַ־האַ!

דער פּעטער

אים נאָך דאָ לאָזן בינדן מיט שטריק.

די מומע

לייגן אייז צום קאָפּ.

דער בראָוקער

אויפגעבראַכט

ר׳זאָל איר אַפילו אָנטון דאָס קדושין־רינגל אויף די נאָז, — און אַלץ זיין ווייב נישט זיין; דערין וועל איך שוין זען צו טון...

דער יונג

נישט צולאָזן קיין חופּה, מ׳זאָל מיר אַפילו ב׳קאָפּ אַראָפּשניידן.

ס׳צווייטע מיידל

ער ווייסט גוט, וואָס אַ חופּה באַטייט.

דער בראָוקער

זי דיר אַליין דערנאָך אָפּגעבן אין די האַנט אַריין, — כ׳וועל זיין מיט אים אויף די אַנדערע זייט...

דער פּעטער

לאָ׳מיך נאָר אַריינשטעלן אַ פוס אין אַמעריקע, און ביי מיר שפייען מיט בלוט...

דער בראָוקער

ער זאָל אַזוי בריקען, — אַלץ האָבן געוועזן בחנם, און אַרויסגעוואָרפן...

דער יונג

גיט אים אַ נעם־אָן ביי די קלאַפּעס

ווי איר זעט מיך אַ ייד, און אַ לעבעדיקן דערצו...

דער שייגעץ

זיך אפילו איבערצלמען, נישט גלייבן: ס׳אי נאָך ערגעץ געבליבן איין לעבעדיקער ייד נאָך די מלחמה; זיי זענען אַלע טויט,

דער יונג

ווי פריער

שווערן ביי די ציצות.

דער לערנער

פּסולע, ביי אים.

דער יונג

ביי די באָרד.

ס׳ערשטע מיידל

בישט זיינע.

דער יונג

צעטומלט

האָבן ווענט מיילער, און רעדן?...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

רייסט זיך אויס

מיר זענען צו העלפן, אָן אַלעם; זיך אַפילו וועלן אויסשטעכן די אויגן מיט איר, און הונדערט מאָל זאָגן: זי איז זיין כלה... אָ!

ד י מ ו מ ע

פאַרביטערט

אים אויכעט פאַרטריבן.

ס׳ ו ו י י ב ל

אַזאַ דימענטיקער מענטש. אַזאַ אוצר... אַזאַ בריליאַנט...

ד ע ר פ ע ט ע ר

געהרגעט זאָל ער נאָר ווערן, דער בער... ענדערט נישט געברויכט דאָ זיצן, — פאַרשפּאַרט פון אים אויסצושטיין... אויגעדולדיק מ׳קאָן גאָרנישט דערגיין, — ווי לאַנג מ׳וועט אונז נאָך האַלטן?..

ד י מ ו מ ע

אַ לאַנגע קרענק, איז אַ זיכערער טויט.

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

די פּריצים שלאָפן נאָך; גאָרנישט אין זין אויפצושטיין.

ד י מ ו מ ע

דאָ עפּעס פאַרשפּעטיקן?

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

אין אַמעריקע, ווי פריי מ׳זאָל נישט אויפשטיין, — איז אַלץ צו שפּעט; און שפּעט לייגן, — איז צו פרי.

ד ע ר י ו נ ג

נעמט זיך אויסציען איבער די קלימעקלעך

איינשלאָפן אַ רגע, מיר דער קאָפּ נישט זיין אַזוי שווער.

ד ע ר פ ע ט ע ר

וואָס פאַלט אים ווידער איין, זיך דאָ צו לייגן, דעם בער?

ד י מ ו מ ע

זאָל ער שוין בעסער ליגן און כאָליעען...

ד ע ר י ו נ ג

ליבע, לייג דיך אַראָפּ.

ס׳ע ר ש ט ע מ י י ד ל

וואו זאָל איך מיך אַראָפּלייגן?

ד ע ר י ו נ ג

ביי מיר צו די פיס

ד י מ ו מ ע

ס׳אי גוט.

ד ע ר י ו נ ג

אַז דו וועסט נישט אַליין אַוועקלייגן ב׳קאָפּ, וועל איך אים דיר אַוועק לייגן...

ס׳ע ר ש ט ע מ י י ד ל

ליגט זיך אראָפּ ביי אים צו די פיס.

ד י מ ו מ ע

וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע?

ד ע ר י ו נ ג

אַן ענגלישע.

ד י מ ו מ ע

דאָ איז אַמעריקע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

מיינט: ס׳אויף די פאָדשענע, — זיך געקאָנט לייגן ביי איס צופיסנס.

ד י מ ו מ ע

עמעץ אַריינקומען, און זען דעם צוריק מיט די באָרד, — ווי ער ליגט מיט אַ מויד... און חלשן פאַר שרעק..

ד ע ר   פ ע ט ע ר

וואָך מיינע׳ : אַז אין די היים ליגן כאָטש אַלע גוטע יידן אַזוי, מיט מיידן צווישן די פיס...

ס׳צ ו ו י י ט ע   מ י י ד ל

גענעצט

די אויגן קלעפּן זיך, ווי מ׳וואָלט מיר איינגעגעבן שלאָפּגעטראַנק.

ד ע ר   ש י י ג ע ץ

לייגט זיך אַ־אָפּ מיט איר

וואָס מ׳וועט אַריינכאַפּן, זיין ווי געפינען.

ד י   מ ו מ ע

וואָס דער רב טוט : צי ס׳אי גוט, טויג אין דרערד אַריין, -- מוז אים דער גלח נאָכטון...

ד ע ר   ש י י ג ע ץ

נישט גוט זיך אויף אים צו פאַרקוקן ?

ד י   מ ו מ ע

און אַז ער וועט זיך אויפהענגען ?

ד ע ר   פ ע ט ע ר

הלוואי וואָלט זיך אַ ס׳ גלחים אין די היים, געוואָלט פאַרקוקן אויף גוטע יידן...

ד י   מ ע

בורטשעט

יישט געקאָ־ט פאָפּן יינ־כט: אַצינד. מ ברויך שטיין אויף די פיס, — נעמען זיי אַלע אַוועקפאַלן ווי די שטיינער.

ד ע ר   פ ע ט ע ר

גענעצט

ס׳צע ייס׳ מיר ס׳מויל נעמט זיך אראָפּלייגן כ׳פיל נישט אין מיר קיין איין גאַנץ אבר

ד י   מ ו מ ע

די׳ אויסשטרעקן די ביינע , און די מידעקייט איבערגיין.

ד ע ר פ ע ט ע ר

קיין שום זאַך לייגט זיך נישט אַזוי אויפן מענטש, ווי ס׳שטיקעלע שלאָף; מ׳ווערט נישט עסן, נישט טרינקען, — נישט אַזוי פיל אויסמאַכן, ווי מ׳זאָל נישט דערשלאָפן..

ד י מ ו מ ע

לייגט זיך אַליין אויך אַראָפ

אַן אייביקער שלאָף זאָל שוין אויף זיי קומען, טאַטע דערבאַרמדיקער...

ס׳צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

עפּעס, ווי די ביינער וואָלטן מיר הייך געוואָרן פון וועלגערן זיי אויף די גאָלע ברעטער פון שיף..

ס׳ע ר ש ט ע מ י י ד ל

עפּעס אַוועקגעטון אויף איר..

ד ע ר פ ע ט ע ר

רעדט פון שלאָף

אַז איינער קאָן נישט שלאָפן, איז נישט העלפן קיין בעט; און פאַר אַ שלעפּעריקן איז זיס אויפן הויכן ברעט.

ד ע ר ש י י ג ע ץ

רעדט פון שלאָף

נישט געזען קיין שטיקל שלאָף פאַר די אויגן, זינט כ׳בין אויף די שיף או פגעזעסן.

ד ע ר י ו נ ג

רעדט פון שלאָף

און איך האָב געמיינט: זיי וועלן זיך שוין ביי מיר קיינמאָל נישט צו-מאַכן מער.

ד י מ ו מ ע

שעלט פון שלאָף

הלוואי, זיך ביי אים מער קיינמאָל נישט צוריק אויפמאַכן..

שטיל.

ס׳ערשטע מיידל

זעצט זיך אויף

מיינער האָט זיך אפילו גאַרנישט אין זין אַראָפּצולייגן; דער קאָפּ בײַ אים הערט קיינמאָל נישט אויף אַרומצואַרבעטן.

דער יונג

שפּרינגט-אויף

וואו קוקסטו?

ס׳ערשטע מיידל

געפעלט אים ווידער נישט, וואו כ׳קוק... מיט האַלטן פּאָד-באָטעם?...

דער יונג

גיט אַ כאַפּ דעם לערנער, און פאַרדרייט אים

זיצן מיטן פּנים צו די וואַנט, נישט האָבן קיינעמען, וואָס זאָל איר אויסשטעכן די אויגן.

דער לערנער

פאַרקלעמט

אַמעריקע, אַ?... פאַרצייטנס, אַז מ׳האָט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע...

ס׳ווײַבל

אַז קיין אַמעריקע איז מע גאָר פאַרצייטנס נישט געפאָרן, נאָר אַנטלאָפן...

דער לערנער

ווי פריער

איז מע אַראָפּ צו די באַן, געקויפט אַ בילעט, און גלייך אויף אים אַוועק קיין אַמעריקע; נישט געבראָכט צונויפפאָרן קיין וואַנט מיט אַ וואַנט...

ס׳ווײַבל

עליס-איילאַנד איז שוין געווען עליס-איילאַנד, זאָגט מע, — נאָך איידער קאָלאָמבוס האָט אַמעריקע אַנטדעקט.

דער לערנער

אָבער ביז עליס-איילאַנד?

ס׳וויבל

האָט מע אויכעט נישט געגעבן קיין געבראָטענע לעבערלעך צו עסן... געבראָכט שוואַרצן די גרענעץ... נישט איינעמען אויסגעטון נאַקעט ס׳העמד פּ׳נם לייב אַראָפּגעוומען, און געהייסן גיין שלאָפן אין אַ שטאַל, אין אָשווענטשין, און צוגענומען ביז איין פּרוטה וואָס ר׳ האָט געהאַט...

דער לערנער

ווער איז אָבער דענסטמאָל געפאָרן ?... די געמיינע אומה.. פּראָסטער עולם..

ס׳וויבל

נישט געמאַכט אַזוי ביטער אויף די וועלט, — מיך אַמעריקע די זכיה געהאַט פאַר די אויגן צו זען ?... געוואוסט : מ׳וועט מיר דאָרט אָנטון אַ גילדערנע קרוין אויפן קאָפּ..

דער לערנער

אין די היים, וואו אפילו אַ שניידער, אַ שוסטער, רעכנט זיך נאָך פאַר אַן אָרנטלעכן ייד, אַ בעל־הבית, וואָס ווייסט אַריינצוקוקן אין אַ בלאַט גמרא, — ווער איז געפאָרן קיין אַמעריקע ?... יאַנקל קעלבאַס, ווייל ער האָט געשאָכטן מענטשן פאַר די אויגן פון מיטן שיינעם העלן טאָג ; און ער זאָל נישט געווען עוקר זיין קיין אַמעריקע, — גאַנץ שיין באַדאַרפט הענגען אויפן גאַלגן...

ס׳וויבל

נישט די וויסטע מלחמה, אַמעריקע די זכיה געהאַט : גוטע יידן זאָלן צו איר פאָרן ?... אַז מ׳האָט געקאָנט קריגן אַ פונט ברויט פאַר אַ דרייער, און מיט צוויי גילדן קויפן אַ ניין פונטיקע גאַנז ; אַ האַלבן רובל אַ קאַרץ קאַרטאָפל, מיט אַ פירטעלע מייערן ; און ביי אַ גרויס געזונט זיך געקאָנט פאַרגינען צו לאָזן שעכטן אויף יום טוב אַ קעלבעלע, — וואָס האָט מע באַדאַרפט האָבן אַמעריקע ?.. אין די היים שלעכט געווען, — מ׳זאָל ברויכן פאָרן זוכן גליקן אין די ווייטע וועלט אַריין ?..

דער לערנער

נאָך אַ באַנקראָטל, מ׳האָט יענעמען אָנגעוועצט, אַ שרפהלע...

ס׳וויבל

אַ מויד, אַז זי האָט זיך באַנאַרישט...

דער לערנער

מ׳איז אַנטלאָפן פון די זעלנער.

ס׳וויבל

דאָס ברויך שוין דאָרט זיין דער גרעסטער יחוס.

דער לערנער

ב׳וואָלט געגאַנגען שווערן: אַז ס׳דרייען זיך דאָ אַרום אין אַמעריקע באַים, וואָס מ׳וואָלט זיי גאַנץ אָרנטלעך אין די היים פאַרבעטן אין קרימינאַל אַריין; זיי געשלאָסן אין קייטן, און מער קיין וועלט פאַר די אויג אויגן נישט געזען...

ס׳וויבל

זייער מזל, מ׳האָט אַמעריקע אויפגעשפּילט...

דער לערנער

אַז אין די היים איז די וועלט אונטערגעגאַנגען — און אַמעריקע געוואָרן אַלץ מיט אַנאַנד, — איז יאַנקל־קעלבאַס מיט זיינס גלייכן ס׳אייבערשטע פּונם שטייסל; ער איז אין אַמעריקע און זאָגט דאָרט אַ דעה, וואָס ר׳ שמואל אהרעלעס, שרה רבקה־לאהס דער דרדקי־מלמד, — זאָל לערנען מיט די קינדער; ס׳אַזוי אַרויסגעקומען, דאָס פאַר זייערס אַ מטבע קאָן מע האָבן צו ברענען אַ גאַנצן ווינטער דעם אויוון אין די שול, די שטאָט יידן זאָלן זיך האָבן וואו צו גיין אָנוואַרימען, און פאַר אונזערס אַ מויזנטער אַפילו נישט קלעקן אַריינצושלאָגן אַ נאָגל אין אַ שינדל פונם דאַך.

ס׳וויבל

ס׳פאָרט היינט עמעץ קיין אַמעריקע, באַווייזט מע נישט יענעמען, ווי פאַרצייטנס, — וואָס ער פאָרט אַוועק, נאָר דעם וואָס בלייבט איבער.

דער לערנער

און אַז מ׳קומט זיך צוזאַמען, פרעגט מע נישט: אויב מ׳האָט פרנסה?

און ווי ס׳אי מיט געזונט? נאָר, צי מע דערהאַלט עפּעס בריוו פון אַמעריקע!

ס׳ווייבל

און וואָס ס׳אי פריער געווען אַ חרפּה: אַז מ׳האָט עמעצן אין אַמעריקע, — נעמט מ׳ זיך אַצינד מיט אים איבער, און מ׳שטייט אין גרויסן.

דער לערנער

אַ בריוו פון אַמעריקע איז אַן אוצר; אויף אַ גוט וואָרט פון אַמעריקע, — לעבט מע; גיט שוין דאָס געוועלבל אַריין מעל אין שטוב; דער קצב, — פלייש; און דער שוסטער פאַריכט די שיך... פון אונטער דרער־ד קראַצט מע אויס אַ שטיקל משפּחה, קי־ביי־שטעקעלע, אַבי זי זאָל ערגעץ זיין אין אַמעריקע.. ווייל יענעם וואָס האָט וועמען אין אַמעריקע, — געטרויט מע; מע ווייסט: ער וועט כאָטש אַמאָל האָבן אָפּצוגעבן...

ס׳ווייבל
פאַרמאַטערט

זיי שלאָפן ווי נאָך אַ באָד.. גייט האָרכן שטיל אומעטום ווי אין אַן אויער... קיינער קומט נישט וועקן.. כ׳וואָלט אַליין אויכעט אין זיך אַ מצווה געכון, — כ׳זאָל מיך אַביסל צולייגן... כ׳קאָן די אויגן נישט אָפן האַלטן... לייגט זיך אַראָפּ

דער לערנער

אַזוי פיל וואָכן ס׳בעט פאַר די אויגן נישט געזעי... מיט די גאַלע ביינער, די בלעטער אָנגעקוועטשט .. אוי, טאַטע. לייגט זיך אַראָפּ זאָגנדיק בידך אפקיד רוחי...

ס׳ערשטע מיידל
שטיל

שלאָפסט, קליינע?

ס׳צווייטע מיידל

נישט מער פאַר דיר.

ס׳ערשטע מיידל

באַשטאַנען אין אַמעריקע איינצופּאַקן ס׳עסק?

ס׳צווייטע מיידל

דו ביסט דאָך שוין דאָרט געווען, ברויכסטו בעסער וויסן ; וואָס פרעגסטו מיך ?

ס׳ערשטע מיידל

אַ שווער שטיקל ברויט דאָרטן.

ס׳צווייטע מיידל

און וואָס ביסטו געפאָרן ?

ס׳ערשטע מיידל

ס׳אי מיר מיאוס געוואָרן צו זיצן אויפן גאַניקל, פאַר דעם ברונעם ; אַמאָל געמוזט אויסדרייען דעם דישעל, אויף צוריק ; נאָר, הלואי, כ׳זאָל גוט אויסשפּלן... כ׳האָב קיין הארץ נישט צו אַמעריקע.

ס׳צווייטע מיידל

צו וואָס נעמסטו דיר נאָך דעם שמיגעגע אין זין אריין ?

ס׳ערשטע מיידל

מיט אים ס׳זאָל מיר אָפּגליקן, בין איך אַ געהאָלפענע ; ער איז אַ אוצר פאַר מעריקע.

ס׳צווייטע מיידל

זיך דרייען אויף די גאַס, און הינטערן פאַרטוך האָבן אָנגעגרייט אַ מזוזה ?

ס׳ערשטע מיידל

אין אַמעריקע דרייט מע זיך נישט אויף די גאַס.

ס׳צווייטע מיידל

וואו ט׳אי פאַרדרייט איז אין אַמעריקע פאַרקערט.

ס׳ערשטע מיידל

מ׳גייט איבער די שעפער... דער עלעוויטער מאַן פרעגט זיך פריער נאָך, וואו מ׳ברויך האָבן... און נאָך זעקסע, אַז די אַרבעטאָרער זענען זיך שוין צעגאַנגען אַהיים... די קליינע מאַנופּעקטשערלעך בלייבן איבער..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

טוט אַ קרעכץ

אוי מאַמע..

ס׳ צ ו וי י ט ע מ יי ד ל

וואָס שרייט ער אויף איר ?

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

שאַרט זיך צו אים צו

זי חלומט זיך אים.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳זע : דו רוסט טאַקע נישט.

ס׳ צ ו וי י ט ע מ יי ד ל

רעדט פון שלאָף.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

גיט זיך אַ וואָרף

האַלט מיך צו, מאַמע.

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

כ׳האַלט דיך, שמיגעגע לעבן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

די שיף גייט אומפאַלן...

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

ביי מיר נישט אַריינפאַלן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ס׳וואַסער האָט אויפגעמאַכט אַ מויל, און וויל מיך אָנקריגן... באַלד ליגן אין ים ..

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

אַזוי מ׳טשען שיינע עטלעכע וואָכן, ביז דער ים וועט אים פון קאָפּ אַרויס..

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט ווייט שוין פון אַמעריקע, מאַמע... דיך באַלד פרייען מיטן טאַטן... כ׳זע: ווי דיינע טריבע אויגן לייטערן זיך, און היי...ן-אָן ווערן קלאָר... די קנייטשן אין פנים גלייכן זיך אויס, און ס׳ווערט גלאַטיק...

ס׳ ע ר ש ט ע מ י י ד ל

זי קער זיך דאָרטן אין קבר איבערדרייען...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נישט בחנם אָפגעפינסטערט דיינע יאָרן, מאַמע.. ס׳שלעכטע איז נישט אויף אייביק... דו ביסט אויפגעריכט, מאַמע... די טרערן דיינע זענען נישט געפאַלן אויף קיין הייסן שטיין... אים געקאָכט אויפן האַרץ, און עס אים ווייך געמאַכט... ס׳וואַרטן אויפגערוימטע שטובן, ליכטיקע... ווייס מען צו פאַרקנעטן חלות... נעגעלעך, געווירץ, — צו מאַכן געפילט קרויט... דיך באַלד אַוועקזעצן ביים טיש, און הערן נ׳טאַטן זאָגן: דא הוא סעודתא דמלכיתא...

אַ ווײַלע.

אַ גלאָק נעמט מיטאַמאָל קלינגען, אַלע כאַפּן זיך אויף, פון די אַנדערע שטוב הערט זיך דעם לערנערס

פ אָ ט ע ר

וואָס וויל זיך אַריינרייסן

כ׳מוז זיי זען... כ׳קאָן מיך לענגער נישט איינהאַלטן... כ׳שטיי אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס... בלויז אַ קוק טון... איין קוק... פאַלט אַריין אַ צעהיצטער, מיט אויסגעשפרייטע הענט הירשל! היר-שעלע! רחל-ל-א-ה!

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳אַ-טע!

ד ע ר פ אָ ט ע ר

האַלט אים צוריק

הירשעלע ביסטו?... געלויבט צו גאָט, מיינע אויגן זען דיך ווידער... אַרויסגעוואַקסן, קיין עין-הרע, אַ גרויסער בחור... איבערגעלאָזט גאָר

אַ פּיצל... וואו האָסטו די מאַמע ?.. זיך געזעגנט אַזוי ענדערן, כ'זאָל איר נישט דערקענען ?... פאַרוואָס זע איך זי נישט ?...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

פאַרשטײַט

איר שוין קיינמאָל מער נישט זען, טאַטע.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

וואָס בעבעט ער ?.. גיט זיך אַ צאַפּל מענטשן, ס'ווערט מ'ר נישט גוט..
ער טראָגט דאָך אַ קריעה... פאַלט אַוועק — אַ שטיין

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ביטערט

טאַטע, ס'אַ גאָט־זאַך... איר אוודאי בעסער נישט געווען באַשערט.. געבוירן געוואָרן צו ליידן... אָפּגעמוטשעט אַלע יאָרן, און אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ וועג קיין אַמעריקע, — איז זי אַוועקגעגאַנגען; אַז אומגליקלעכע נשמה, נעבעך... נישט געקאָנט צו עפּעס גוטס דערלעבן...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ווערט אַרויסגעטראָגן.

ד י מ ו מ ע

אָפּגעהאַקט

ס'ערשטע באַגעגעניש.

ס ' ע ר ש ט ע מ ײ ד ל

וויפיל טרערן ס'זענען שוין פאַרגאָסן געוואָרן אין עליס־אײַלאַנד; נישט בחנם הייסט ער דער טרערן־אינזל...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ליגט זיך פאַרזונקען

אוי־ווי, געוואַלט...

ד י מ ו מ ע

פאַר וועמען ס'אי דאָ אַ פרייד, און פאַר וועמען — אַ געוויין; די קאָרטן ווערן דאָ אויפגעדעקט, און מ'קוקט זיך אָן...

דער פעטער

אויפגעריימט

די סוחרים וועלן באַלד אַריינקומען באַקוקן און באַטאַפּן ווי אויפן גראָ-כאָווער יאַר-מאַרק — די פערד; גאָרנישט געשאַדט אָנצוטון דאָס שענ-סטע און ס'בעסטע וואָס איינער האָט...

אַלע נעמען זיך פיבערהאַפט שיין מאַכן; יעדערער נעמט אַרויס פון קלימעקל, וואָס ער קאָן און בייט איבער; איינער: אַ פּאָר שיך, אַ רעקל, אַ בלאָזע.

ס'ערשטע, צווייטע מיידל

פאַרבן זיך די פּנימער

מיידלעך זענען שיין, —\
זיי זענען נישט אַליין;\
און מיידלעך זענען גוט,\
אַך גאָט, באַהיט...

דער יונג

נעמט אַרויס דאָס סידורל, גייט ערנווירדיק, און זאָגט.

ברוך אתה... אתה... א-ת-ה — — —

דער שייגעץ

צלמט זיך פרום איבערן טריף-פּסול

אום-נום... דיקטום... בע-נע-דיק-טום.

ס'ערשטע מיידל

זעסט, קליינע, ווי דער רב מיינער, איז גוט און פרום געוואָרן?

דער יונג

מ'האָט דיך אין דרערד... זאָגט ברוך א-ת-ה — — —

ס'צווייטע מיידל

מיין גלח כאַפּט אויכעט מלאכים ביי די פיס.

דער שייגעץ

מילטש, פישאַ קרעוו... זאָגט אום-נום... דיק-טום...

ס׳וויבל

די לײַט האָבן זיך שוין דערמאָנט צו נעמען אַ גוט וואָרט אין מויל אַרײַן, און איך וועל אַזוי זיצן מיט אַ פול האַרץ און אַ ליידיק מויל ?... נעמט זוכן אין קלימעקל אַזאַ יום־הדין... מ׳ברויך אויפגעריכט ווערן... קריגן אַ גוט קוויטל...

דער יונג

כאַפּט זיך

אַנטעק, דאַכט זיך: כ׳האָב מיך איינגאַנצן טועה געווען... גיב נאָר אַ קוק: אויב דו האָסט נישט גענומען מיין ספרל, און איך, — דיין טריף־פּסול ?...

דער שייגעץ

באַקוקט

יאַק באַבטשי קאָכאַם! אַז זיי ליגן ביידע אינאיינעם, און שטויסן זיך נישט, — ווער זאָל וויסן ?... בייטן זיך איבער.

דער יונג

כ׳זע עפּעס: די אותיות גייען נישט גלייך, און לייגן זיך נישט גלאַטיק אויף די צונג; כ׳האָב מיר שוין באַלד די ציין ביי זיי אויסגעבראָכן...

ס׳וויבל

נעמט זאָגן פון אַ תחינה

דערבאַרימדיקע אמהות, הייליקע מוטערס: שרה, רבקה, רחל ולאה... איר זאָלט נישט אָפּווענדן אייער חסד פון מיר, אייער דינסטמויד, ביילע־גיטעלע...

די מומע

מ׳ברויך אויכעט אַ פּרווו טון ס׳שטיקל קול, אויב ס׳אי נישט פאַרזשאַווערט געוואָרן פונם געזאַלצענעם ים־וואַסער... נעמט טענער סאָל־דאָ, דאָ־סי! דאָ־סי־לאַ־סאָל...

אַ באַאַמטער

ווייזט זיך אַריין

מ׳קאָן דאָ טויב ווערן פון די געוואַלטן...

ד ע ר פ ע ט ע ר
גאַנץ אַמעריקע נאָך קומען איינצוואַיפן.

אַ ל ע
שטילן זיך איין.

ס׳וו יי ב ל
זאָגט נאָכאַנאַנד

די קולות גייען עד לב השמים, שפּאַלטן די הימלען, קומען צו זיין
פּיסנבענקעלע...

ב אַ אַ מ ט ע ר
אַלע נעכטן אַריינגעקומען פון סאַוטהעמפּטאָן?

ד ע ר פ ע ט ע ר
פון וואו, זאָגט ער?

ב אָ אַ מ ט ע ר
סאַוטהעמפּטאָן.

ד י מ ו מ ע
דאָס מיט דיינע ציין נאָך אַזוי גיך נישט צעקייען.

ס׳ע ר ש ט ע מ יי ד ל
הלואי קאָן ערס נאָכזאָגן אין אַ יאָר אַרום.

ד ע ר פ ע ט ע ר
מ׳איז אַריינגעקומען מיט אַ שיף, אָבער נישט פון דאָרטן וואו ער זאָגט, —
נאָר פון פּוילן.

ב אָ אַ מ ט ע ר
שוין ווער פון אייך געווען אין אַמעריקע?

ס׳ע ר ש ט ע מ יי ד ל
איי עם אַמעריקן.

ב אָ אַ מ ט ע ר
וואַטס טהי טראָבל?

ס׳ערשטע מיידל

מיטגעבערענגט אַ חתן.

דער לערנער

אוי, טאַטע...

ס׳ווייבל

זכות אבות זאָל ער נאָר האָבן...

דער יונג

ציטערט

כ׳נעם און צעטרעט ס׳סידורל מיט די פ ס...

דער פעטער

וואָס וויל ער נעבעך האָבן פונם סידורל?

דער יונג

ווי פריער

צערייס נ׳קאַפּעלוש אויף שטיק-שטיקלעך..

די מומע

בעט זיך

יאַנקל, האַלט דיך איין...

דער לערנער

ווי לעבט מע, און מ׳האַלט דאָס אויס?

ס׳ערשטע מיידל

וואָס גראַבלט ער זיך? מיינט: מ׳וועט אַזוי אויפן אינעווייניק וואַרטן?

ס׳ווייבל

רייסט אים נעבעך אַוועק, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה...

דער לערנער

צונויפגעגנומען מיט אַלעם

יידן, בני רחמנים, — כאָטש וויסן צו זאָגן פאַרן טאַטן: וואָס מ׳גייט דאָ טון מיט מיר!... אָפּ מיט איר.

ד י מ ו מ ע

ציט אָפּ נ'אָטעם

אַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ.

ד ע ר פ ע ט ע ר

געהרגעט זאָל זי ווערן.

ס' ו ו י י ב ל

זיי שוין די קעפּ דאָרט צוביגדן.

ד ע ר ש י י ג ע ץ

אין אַ האַלבער שעה אַרום, זיך ביידע האָבן אינאײנעם אָנגעקאָכט.

ס' ו ו י י ב ל

חתונה געהאַט, און זיין מאַן און ווייב ביזן טויט אַריין.

ס' צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

ווי האַלט איך שוין אַזוי ?

ד ע ר ש י י ג ע ץ

ביי מיר דאָס קיינמאָל נישט דערלעבן.

ס' צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

ביז מווו האָפּ, ביז דו וועסט נישט איבערשפּרינגען...

ד ע ר י ו נ ג

קאָן זיך שענקען

כ'וויל איר נישט ווינטשן, — איר אָנקריגן אין מיינע הענט אַריין...

ד ע ר פ ע ט ע ר

דיר נאָך אַליין העלפן איר באַגראָבן...

ד י מ ו מ ע

אנדערש

האָסט געהערט, וועלוול ? מ'רעדט דאָך גאָר יידיש אין אַמעריקע ?

ד ע ר פ ע ט ע ר

ווי אַזוי דען זאָל מע צו אונז רעדן ? מ'פאַרשטייט דען עפּעס אַנדערש ?

ד י מ ו מ ע

אין די היים, אַז מ ווייסט נישט, — לאָזט מע וויסן מיט די קאָלבע.

ד ע ר פ ע ט ע ר

דאָרטן איז אויכעט אַ וועלט?

ד י מ ו מ ע

ס'זעט זיך מיר נישט אַנדערש אויס, — ווי אַמעריקע זאָל זיין אַ יידישע מדינה.

ד ע ר פ ע ט ע ר

ס'אי דאָך ערשט ניו־יאָרק; און ניו־יאָרק, פאָדאָבנע, זאָל נאָך נישט זיין אַמעריקע...

ד ע ר מ אַ ן

פונם ווייבל, קומט אַריין צעטומעלט

נישט געקומען מיט די שיף אַ ווייבל מיט אַ קינד פון שלעפּע־גורע?...

ס'ו ו יי ב ל

גיט אַ קוויטש

איטשל!

ד ע ר מ אַ ן

גיט איר אַ כאַפּ

שריי נישט הויך; מ'וועט גלייך אַריינקומען, ביי מיר נעמען ס'אונ־טערפירן...

ס'ו ו יי ב ל

איך שטיי און קוק ווי אַ נאַר... נישט פריער דערקענט ביז כ'האָב דיך געהערט רעדן... אין קול... פאַרהידושט אַלט געוואָרן אין אַמעריקע.

ד י מ ו מ ע

גיטס איר אַ יונגען מאַן...

ד ע ר מ אַ ן

דו ביסט אין די היים אויכעט נישט יינגער געוואָרן... ס'פלייש האָט

פון דיר געקאָנט אַזוי אַראָפּפאַלן ?... באַלד פון דיר גאָרנישט געבליבן.. אָפּגעצערט ביזן ביין...

די מומע

וואָס איר וועט דאַרפן, האָט זי אין די היים נישט איבערגעלאָזט.

דער מאַן

גאָר קיין געשטאַלט נישט פון אַ מענטש ; אַ לעבעדיקער שאַרבן.

די מומע

ערשט געמוזט אויסשרייבן די פרי פון איבערן ים ; דאָ זעט מען אוודאי דאָס גאָרנישט...

ס׳ווייבל

ווייניק זיך אָנגעליטן ?... אַזאַ שווערע מלחמה אויף מיינע פּלייצעס אַריבערגעטראָגן ?.. ס׳האָט שטאַרקערעביימער פאַר מיר אָוועקגעלייגט...

דער מאַן

ס׳קינד, ביילע ! וואָס ווייזטו מיר נישט ס׳קינד ? קער שוין זיין אַ גרויסע מויד...

ס׳ווייבל

טוט א כליפּ

כ׳האָב דיר נישט וואָס צו ווייזן, איטשל !

דער מאַן

גיט א פאַל ארויף אויף די וואַנט, פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים, — ווערט שטיל.

ס׳ווייבל

קלאָגט הויך

לאַנג דערפון שפּויב געוואָרן.

דער פעטער

אויף אונז איז די גרעסטע בראָך געקומען... מ׳זאָל אַזוי ברויכן זיצן, און יעדן איינעמס קלאָג אויסהערן...

די מומע

מ׳פריייט זיך נישט דאָ, מ׳זאָל נישט פאַרגיסן דערביי קיין טרער...

ס׳וויבל

אָנגעהויבן קרענקען, איז נישט געווען דערפאַר קיין רפואה צו קריגן ; זיבן מייל געברויכט נאָך יעדן לעפל איינעמעניש מיט אַקס צו פאָרן...

דער מאַן

ווישט זיך די אויגן

ס׳האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט ; ס׳האַרץ איז אַ האַלבער נביא...

ס׳וויבל

שוין היינט געקאָנט האָבן אַ מויד פון צען יאָר אַרומגיין ; אַזוי מוזן אירע ביינדעלעך יונגערהייט פוילן אין דרערד..

דער מאַן

איבערגעלייענט דעם ערשטן בריוו, און ס׳אי נישט געווען צוגעשריבן קיין גרוס פון איר, האָב איך געוואוסט : כ׳האָב די קלאָג אויף די האַנט..

ס׳וויבל

אויכעט געמוזט צושטייער געבן די וויסטע מלחמה

די מומע

אייערע וועט אייך שוין זען צו פאַרגיטיקן ; איר זענט נאָך גאָר אַ יונג מענטש, און ס׳אי זיך נישטאָ וואָס אַוועקצוברענגען..

ס׳וויבל

נישט קיין סך געפעלט : זאָלסט מיך אויכעט האָבן, וואו ס׳קינד איז...

די מומע

זיך גאָר שטאַרק מ׳צער געווען ..

דער מאַן

קום, כ׳וועל דיך אַראָפנעמען, און אַוועקזעצן שבעה דערנאָך ; איין שעה פאַר איר געזעגעניש אַוועקגעבן...

ס׳וויבל

פאַרנעמט זיך

גאָט זאָל אייך אויכעט נישט פאַרלאָזן ; וואָס איר זאָלט נישט זיין, —

יידישע קינדער זענט איר דאָך; אַ יידיש אָדער אין זיך האָט איר דאָך... *אָפּ מיט׳ מאַן.*

די מומע

פאַרדר׳סיק

דיביידע לייט זענען שוין אויכעט אין דרויסן... נישט געריכט: מ׳זאָל ברויכן זיין אויפסלעצט..

דער פעטער

אומגעדולדיק

כ׳קאָן גאָרנישט פאַרשטיין: וואָס דער ברודער ווייזט זיך נישט פאַר מיר?... ס׳נעמט מיר נ׳קאָפּ אַראָפּ!... מ׳זאָל אים שוין האָבן עפּעס אָפּגעטראָגן?...

די מומע

און זיך אָפּגעוואַשן פון דיר?...

דער פעטער

נאָך איידער ר׳האָט מיך דערקענט?...

דער ברודער

פונם פעטער קומט אַריין, ער איז אינגאַנצן ענלעך צו אים, נאָר א סך עלטער.

די מומע

וועלוול, שריי געוואַלט: דו ביסט אַ ברודע־ זיינער...

דער פעטער

צ־ריקגעהאַלטן

און טאָמער נישט?

די מומע

קודם שריי, און אַז ער איז עס נישט, — וועט דאָך מוזן קומען אַן אַנדערער, וואָס וועט עס זיין?...

דער פעטער

נעמט זיך אָן מיט קוראַזש

ברו־דער!

דער ברודער

מאכט אים אוועק

געקאָנט קומען, דער גוטער יאר ווייסט: ווער, און גלייך אים אויפ־אָפּ־
פּאַר אַ ברודער?... אָנהענגען דעם זאַך?..

די מומע

מיינע צרות אויף זיין קאָפּ, אויף זיינע הענט און פיס, און אויף זיין
לייב־און לעבן..

דער פעטער

דיר באַלד געזאָגט, צירל, כ'וועל אַריינפאַלן.

די מומע

נעמט זיך אָן מיט מוט

איר ווילט זיך באַקענען צו אַ ברודער?

דער פעטער

איך בין געקומען צו אַ ברודער

דער ברודער

נעמט אים באַטראַכטן

ס'זאָל נישט זיין קיין אַנדערער?...

די מומע

צעשראָקן

וואָס פעלט אייך עפּעס איין?

דער יונג

מ'קאָן עס אין די נאָז ביי אים דערקענען.

דער פעטער

אַז איר האָט געשיקט נאָך אַ ברודער, – דאָך קיין אַנדערער נישט גע־
קאָנט קומען.

דער ברודער

מיט וואָס ווייס איך, אַז נישט? אָנפאַנגען מיט יוראָפּ?...

די מומע

שפּיט

אַזאַ בגעגעניש. — אין אַלע וויסטע וועלדער און פעלדער...

דער שייגעץ, ס׳צווייטע מיידל

לכן ביידע

ביי אַ גנב אויפן קאָפּ ברענט דאָס היטל.

דער ברודער

נעמט אַרויס אַ בילד קוקט נאָך

נישט קיין סך, איז כאָטש אַ ביסל; אַ שטיקל נאָז, די אויערן זיינען נלען...

דער יונג

ביי ביידע די אויערן שפּאַר אַנגעוואַקסן..

די מומע

טשיקאַווע

וועלוועל, אויף וואָס קוקט ער?

דער פעטער

ב׳ווייס?

די מומע

ר׳האָט דאָך גאָר אַ קינד אויפן פאָטאָגראַף.

דער ברודער

קיין שפּעטערדיק בילד פונם נישט געקאָנט האָבן; ווען כ׳בין אַוועק, — איז ער דאָך נישט עלטער געווען...

די מומע

וויל ער דיך דאָ דערקענען?

דער פעטער

זע נאַר, צירל; כ׳וואָלט פאַר מיר אַליין אויכעט נישט געגאַנגען שווערן.. אַזאַ שיין קינד אַמאָל געוואָלט זיין?...

דער שייגעץ, ס'צווייטע מיידל

לאכן ביידע

אים גוט אָנגעקריגן.

דער ברודער

אויב דו זאָסט זיין מיין ברודער, זאָג מיר אַ סימן: ווי די מאַמע האָט געהייסן?...

די מומע

פאַרבערעכט די הענט

אַ נס זאָל מיר געשען: ר'זאָל וויסן.

דער פעטער

כ'ווייס נישט די חכמה; מיט דעם גייט ער מיך אויספרווון?.. וועלכער ייד, וועלכער גוי, וועלכער משומד, וואָס וועט קימען פון די היי', — דאָס נישט וויסן?...

דער יונג

גוט באַקענט געווען..

דער ברודער

צוערשט די מאַמע, דערנאָך: ווי דער טאַטע האָט געהייסן, די באָבע האָט געהייסן, און דער זיידע...

די מומע

דער צווייטער קאָנסול פון וואַרשע..

דער פעטער

אויב אַזוי, וועל איך דיר באַלד אַרו פליגן דעם גאַנצן יחוס אויף די האַנט... קוקט זיך ארום די מאַמע האָט געהייסן: בּאשע; די באָבע: מירל; דער זיידע: וואָלף; און פון טאַטן ווייס איך נישט...

די מומע

גיט אים אַ וואָרף

וואָס רעדט ער?

דער פעטער

וואָרן ער ווייסט דען יאָ?.. געשטאָרבן, נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן...

דער יונג

מיט וויפיל יאָר פריער?

דער שייגעץ

אוודאי נישט קיין ברודער פון איין טאַטן...

דער פעטער

נאָך אַ סימן: מ'האָט ס'גאַנצע לעבן אָפּגעוואוינט אַ טיר אין אַ טיר מיטן היצל; די מאַמע פלעגט גיין קלויבן ביינער, ביזן טויט אַריין געקליבן; נאָך אוודאי געווען געלעבט, נישט דער פלעקל־טיפוס, וואָס האָט גע־פאַנגעוועט בשעת מלחמה, — וואָלט איר אויסגעכאַפּט; ליגט אויפן בייעם ביה־עולם; געלאָזט קאָסטן אַ זאַק געלט, מיין געלד, — מ'זאָל איר נישט לייגן לעבן די וואַנט; געשטעלט אַ שיינע מצבה..

די מומע

אַ שטיין, מ'זעט אים אַרויס אויף אַ מייל איבער די מויער.

דער ברודער

ווישט זיך דעם פאַרשווייסטן שטערן

פון אונטער דרערד גראָבט ער זיי אַרויס...

די מומע

גלייכגילטיק

געגלויבט צו גאָט, אים צוגעטראָפן.

דער פעטער

ווי פריער

אינגאַנצן צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער; האָט די שוועסטער געזאָלט אָוועק קיין בוינעס־איירעס, — לעבעדיקערהייט איר די וועלט איינגע־שלונגען; און פון די ברידער, בין איך איינער: וועלוועל, און דו זאָלסט זיין דער צווייטער, ישראל־הירש, — וואָס איז מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, ווייל דו האָסט באַגנבעט די טמאה, און געהרגעט דעם גלח...

דער ברודער
פאַלט אים אויפן האַלז

איצט ווייס איך: אַז דו ביסט נישט קיין אַנדערער ווי מיין ברודער, זועלוול...

דער פעטער
ביי אים אויפן האַלז

ישראל ה־י־ר־ש!

די מומע

מיט מזל, דערקענט; מיר אַביסל גרינגער געוואָרן..

דער פעטער

אָפּגעלעבט דריי פירטל לעבן, און זיך פריער נישט געלאָזט הערן, — ביז ס'האָט געברויכט קומען אַ מלחמה איבער די וועלט, אַ?...

דער ברודער

געגוג אַנגעמוטשעט אינם גאָלדענעם לאַנד, כ'האָב דיך נאָך געזאָלט קאָנעו האָבן אויפן קאָפּ; מיינסט: כ'האָב מיך דאָ געבאָדן אין מילך און אין האָניק?.. פריער גאָט, און דערנאָך די מלחמה, — אויף זיך אַ הויט געגומען...

דער פעטער

ביז כ האָב געקריגן דעם ערשטן בריוו, מיר גאָרנישט געוואָלט צוגלייבן, — זאָלסט נאָך זיין צווישן די לעבעדיקע.

דער ברודער

יעס... איך לעב... מיין ווייב בלויז איז געשטאָרבן... אינגאַנצן דריי יאָר ווי זי איז טויט...

דער שייגעץ

אַ־האַ!

דער ברודער

אַ שאָד: איר נישט האָבן געקענט... זי וואָלט זיך דאָס מיט אייך געפרייט... נישט געוואוסט וואו אַהינצוטון... שטענדיק, אַ ליכטיקן גן־עדן, — מיט מיר געהאַט אַן אַרבעט: כ'בין פון אַ שטיין אַרויס...

דער פעטער

עפּעס גוטס קאָן זיך נישט דערהאַלטן.

דער ברודער

ווישט די טרערן

זייער א גוט מענטש געווען... אַ גאַליציאַנערין.. מ'האָט עס אויף די לוויה ביי איר געקענט זען: די קעריוזשנס.. בלומען... אויף אַ סך פּלעצער באַלאַנגט... כשאַריטי פּלעצער...

דער פעטער

ווי דריי יאָר ווי ס'וואַקסט אויף איר גראָז, זון זיך נאָציינד איבער איר צעווייגט..

דער ברודער

וואו האָסטו, וועלוול, דיין ווייב? ביסט אַ יין?

די מומע

אַ שטיין זאָל זיין אַליין.

דער פעטער

זי זיצט דא פאַר דיר אין די אויגן, ישראל-הירש; אַן אמתדיק ווייב נאָך חופה-וקדושין מיט איר גענומען ביים רב אין שטוב... צירל, דאָס איז מיין ברודער, — קוש דיך מיטן...

די מומע

וושט זיך

כאַטש איין שטיקל שייגעץ.. אים קיינמאָל נישט געוואָלט גלייבן, אַז ר'האָט מיר געצויגן אָנדערציילן פון דעם רייכן ברודער זיינעם, אין אַמעריקע..

דער פעטער

זאָג'נד זיי'ם גלייבן געקומען, אַ?

דער ברודער

און דיין שיינע טאָכטער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן..

דער פעטער

קום אַהער, קליינע; שעם דיך נישט מיט די משפּחה; ס'אַ ברודער; אַ ליבלעכער ברודער..

דער ברודער

אַן אָנקל!

דער פעטער

צעקוש דיך מיטן.

ס'צווייטע מיידל

נאַריש

כ'שעם מיך אַזוי.

דער ברודער

דאַלזט איר אַרום

ס'איז גוט צו האָבן אַ רייכן פעטער אין אַמעריקע.

דער שיינער

דערצונדן

זע נאָר, יאַקל, ווי ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר...

די מומע

ש-ש-ש טרזשימאַי געמבע...

דער פעטער

לאָז גערעדט...

דער ברודער

גלעט איר

אַזוי ווי מיין גאָטזעליקער פרוי, איר צו לענגערע יאָר, איז מיר אָפּגע- שטאָרבן, און באַקומען דעם עושר בריוו פון דיר, — מיר ס'האַרץ גלייך געזאָגט: אַז מיין שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט... קושט איר נאָך גאָר אַ גרי- נע. ס מיידל..

דער פעטער

גרין ווי גראָז

די מומע

חלילה, נישט געל.

דער ברודער

און נאָך גאָר אַ יונג קינד... שעם דיך נישט.. כ'בין אַליין אויכעט נישט אַזוי אַלט... כ'זאָל דיך אפילו ווען אָפּנאַרן, ווייסט מיין ברודער, דער טאַטע דיינער, ריכטיק די יאָרן..

דער פעטער

נישט זיין, מסתמה, איינער אין אַמעריקע מיט אַ יונג ווייב...

דער ברודער

קוק נישט וואָס כ'בין ווייס... אין אַמעריקע ווערט מע פרי גראָ... ס'גייען אויס די האָר... און מ'פאַרלירט די ציין.. אויב דו האָסט נאָך איין צאָן אין מויל... אַ פּאָר שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ... גיב דעם די האַנט, און געזעגן זיך דערמיט... וואַרט, וואַרט, ס'וועלן נאָך אַראָפּלויפן אַ פּאָר יאָר...

דער יונג

אַנטעק, ביסט אין דרערד נישט ערגער פאַר מיר; ס'אי דיין סוף אויכעט געקומען; מעגן ביידע צוזאַמען לייגן די קעפּ, און זיי לאָזן אָפּהאַקן אינאיינעם..

דער ברודער

כ'גיי איך אַריין אָפּנעמען; אַזוי גיך ווי מ'קומט אַריבער די פּערי, וואַרט פאַר אונז אויף די אַנדערע זייט מיין שאופער מיטן קעדילאַק... נעמען, ביי אַ גוטן טראַפּיק, ניינצן מיט אַ האַלבע מינוט, און מירן זיין אין די היים: באָראָ-פּאַרק... ס וואַ־טן געסט.. דער טייבל איז געסוירווט פאַר דרייסיק קאָפּעלס... אָפּ מיט זיי אַלעמען.

דער שייגעץ, דער יונג

בלייבן ביידע זיצן אויף די קלימעקלעך, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ

אונז דאָ גוט אויסגעשטעלט...

דער שייגעץ

פון אַלע זיבן, אַליין געבליבן.

דער יונג

אַלע, צוביסלעך זיך אַרויסגעקליבן.

דער שייגעץ

הייבט אויף ב׳קאָפּ

ס׳זעט זיך מיר אויס: ווי ביים היצל אין די היים, ער כאַפּט אריין די הינט אינם קעסטל, — זיי קוקן אַרויס דורך די פענסטערלעך מיט קראַטן...

דער יונג

קוקט זיך אַרום

ס׳ערשטע, אַז מ׳קומט קיין אַמעריקע, וואָס מ׳זעט, — די קראַטן; ווי הויך זיי זענען דאָ, די פענסטער? נישט ווי אין די היים, אין קרימינאַל..

דער שייגעץ

יעזוס מאַריאַ.

דער יונג

ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן, זיץ איך הינטער קראַטן, — כ׳זאָל נישט האָבן געגנבעט..

מ׳הערט פון דרויסן דאָס פייפן פון שיפן.

דער יונג

ס׳ריטשעט אַזוי, ווי מ׳זאָל טרייבן אָקסן.

דער שייגעץ

נישט זיין דאָ ערגעץ אַ שלאַכט-הויז?

דער יונג

בייג דיך אַראָפּ, כ׳וועל אַ קוק-טון, זען: וואָס ס׳איז דאָרטן?

דער שייגעץ

בייגט זיך אַראָפּ, און ער שטעלט זיך מיט די פיס ביי אים אויף די פּליי־צעס, — אַרויסקוקן דורכן פענסטערל אין הינטערגרונט.

דער יונג

אָפּגעהאַקט

שיפן קריכן אַרום און רייסן זיך די העלוער.

דער שייגעץ

ס׳וואַסער איז נאָך דאָ אַלץ אַזוי ברייט?

דער יונג

קריכט אַראָפּ

ס׳מוז שוין זיין דער האַלדז פום ים; ער איז דאָ אַזוי שמאָל, אַז מ׳קאָן זען ווי ער שלאָגט זיך אָפּ פון ביידע עקן...

דער שייגעץ

קאָנען אַריבערכאַפּן?

דער יונג

נישט ווייט אַפילו פון איין עק ביזן אַנדערן, אַ קאַצנשפרונג... אָבער קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט וואַסער... נישט אָפּשרעקן פאַר הויכע ווענט, אייזערנע טירן, געפלאָכטענע קראַטן...

דער שייגעץ

מ׳וועט אַ קוק טון...

דער יונג

בייגט זיך אַראָפּ און דער שייגעץ שטעלט זיך מיט די פיס צו אים אויף די פלייצעס.

דער שייגעץ

ראַני באָסקיע!... וואָס דאָ טוט זיך?... כ׳ווייס נישט: דער הימל זאָל דאָ ליגן אַזוי נידעריק, אָדער, — די הייזער זיין אַזוי הויך?... צלמט זיך יעזוס קאָכאַני. זיי וועלן נאָך מאַכן לעכער ביי זיך אין הימל, — ס׳זאָל אַלץ פונם אַרויספאַלן...

דער יונג

זע: צי מ׳וועט קאָנען אַריבער ס׳וואַסער און הער דיך אויף אַזוי פיל צו זאָרגן פאַרן הימל.

דער שייגעץ

די בריקן, שטייף אויסגעבויגן ווי די בייטשן; און ס׳ודערט זיך אַזוי אויף זיי, ס׳שווינדלט פאַר די אויגן...

פון די צווייטע שטוב הערט זיך אַ שטיל יאָמערלעך געוויין, און

דאָס ווייבל
וועדט צוריקגעבראַנגט

ווי שווער אַמעריקע איז מיר אָנגעקומען.. און ביי כ׳האָב אים שוין דערלעבט פאַר די אויגן צו זען... נעמט זיך רייסן נעמט מע מיך ערשט פונעם אַוועק..

דער מאַן
אַ בלייכער

כ׳וועל מיך לאָזן קאָסטן ביז די לעצטע פעני.. ס׳העמד פונם לייב אויסטון... און דיך זען אַרונטערצונעמען... ס׳אי מיר נאָר דאָס איינע, וואָס דו וועסט נאָך ברויכן פאַרשוואַרצט צו ווערן... ווערט אַוועקגענומען

דער יונג

די ערשטע כפּרה.

דער שייגעץ

זיך אויסגעפּוצט... די גאָלדענע קייט אָנגעטון. און דאָס אוכעט נישט געהאָלפן...

באַאַמטער
בעט זיי העלפן אַריינצוגיין.

דער יונג
פאַרנעמט זיך

מ׳בויך גיין אונטערן מעסער, סטופּיי איז דוחה שבת..

דער שייגעץ

קיש די אַלטע באַבעס

גייען אַרויס אָפּ, — קוקנדיק אין די טידורימלעך.

ס׳ווייבל
מיטן פּנים אין די ווענט אַריין

כ׳וועל שפּאַלטן הימלען מיט מיינע געוויינען.. די אבות אין די קברים נישט לאָזן איינרוען... עלף יאָר געוועזן פאַרלאָזט, אָן אַ מאַן.. און קאָנען

צוזען דאָס צער מיינס ?... נישט לויפן מיצן... ביי וויפיל קראַנקע גע־
נעכטיקט... קינפּעטאָרינס ס׳לעבן אָפּגעשוינט...

פון די צווייטע שטוב וואו דאָס ווייבל איז געוואָרן אַריינגעזב׳יענגט, — קומט
ערשט אויך אַריין דער לערנער מיטן ערשטן מיידל.

ס׳ווייבל

צעטומלט

דו ביסט אויכעט אין עסק ?

דער לערנער

אייער מאַן האָט אייך נישט אַראָפּגענומען ?

ס׳ווייבל

פארברעכט די הענט

נישט געפאָלן דעם דאָקטאָר... אַ צו בלאַס פּנים... כווייס ? מאָגער. אָפּ־
געצערט...

דער לערנער

אַליין צערעכט געמאַכט.. נישט געברויכט אַזוי פיל אָפּצוקאַרגן פון זיך...

ס׳ווייבל

אויף וואָס אַרויף האַלט מע דיך ?

דער לערנער

ס׳אי מיר אַליין נישט קלאָר.

ס׳ערשטע מיידל

פריער חתונה האָבן.

דער לערנער

מיט אַלעם, ווי צווישן יידן ?

ס׳ערשטע מיידל

ביי גוים אויכעט נישט אַנדערש.

דער לערנער

ס׳וועט זיין אַ רב ?

ס׳ערשטע מיידל

מיט אַזאַ באָרד!

דער לערנער

און, שטעלן אַ חופּה?

ס׳ערשטע מיידל

מיט פיר דרענגער, און זילבערנע קוטאַשן.

דער לערנער

קוקט זיך אַרום

וואו בין איך דאָ עפּעס אַריינגעפאַלן?..

ס׳ערשטע מיידל

אויסגעוואַלגערט וואו די וועלט האָט אַן עק, זיך געריבן הינטער אַלע ווענט, פּאַרקן, נעס, ביז אַמעריקע האָט זיך אונטערגעשיקט: כ׳זאָל נאָך האָבן ביי מיין לעבן מיט וועמען צו גיין אונטער די חופּה.. נעמט אַרויס אַ פלעשל פון בוזעם, און טרינקט הורה, פאַר אַמעריקע!

דער לערנער

צעטומלט

כ׳וויל נישט גיין אונטער אַ חופּה... נעמען שרייען געוואַלט... אויסהאַקן פענסטער... איינוואַרפן דעם קעסל-גאַרדן.. נעמט קריכן אויף די גלייכע ווענט, ביז ער כאַפּט זיך אָן אין די קראַטן, און דרייט זיך איין אין זיי טאַטע, כ׳וויל נישט חתונה האָבן... טאַטע, כ׳וויל נישט חתונה האָבן... מיט אַ געשריי טאַ-טע!..

פאָרהאַנג

פירטער אקט

בישט לאַנג דערנאָך
ביים בראוקער אין אָפיס, אין ניו־יאָרק.

דער בראָוקער

רעדט אויפן טעלעפאָן

איר קאָנט דורך אונז לאָזן שרייבן אַ פּאָליסי, סאַראַ איר ווילט נאָר אַליין; צוואַנציק יאָר, צען, אינדאָומענט, העלט און דיסאַביליטי, ביי אַלע אישורינגס קאָמפּאַניס: מעטראָפּאָליטן לאַיף, מאַנהעטן לאַיף, ניו־יאָרק לאַיף, טרעוולערס, עקוויטעבל, ליטעראַטשור פרי. אַדוועריטייזינג אויף אַלע שבעים לשונות, און אין אַלע ניוס־פּייפּערס פון יונייטעד סטייטס און קענעדע; איר קאָנט דורך מיין אָפיס שיקן געלט ביי די ביליגסטע ראַיטס, אין אַלע פּאַרטס פון די וועלט; אויך קריגן געבאָרגט געלט אויף ערשטן און צווייטן מאָרגעדזש, — לאָונס אויף ענני סטאַק און באַונדס; מיר קויפן און פאַרקויפן סטאָרס לאָטס, אַלע בילדינגס און פּראָפּערטיס אין גרייטער ניו־יאָרק, די ברוקלין־בריק אַריינגענומען; מיר פאַרקויפן שיפסקאַרטן פון אַלע שיפס־קאָמפּאַניס, און ברענגען אַריבער גרינע לויט די ניי־געפּעסטע עמיגריישן לאָוס; מיר קאָנען פאַר אייך אימפּאָרטירן דינגסטן, פּראָפעשענעלס, נישט אויסגעשלאָסן דעם אייפל־טורעם פון פּאַריז; איר קאָנט זיך דורך אונז פאַרזאָרגן אויף נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, מיט סעמעטערי... וואָט?... קרקע... קרקע... מיר האָבן דעם שליסל צו די בעסטע סעמעטעריס אין לאָנג־אײַלאַנד, סטעטן־אײַלאַנד, פלאַשינג, דזשאַרזי, און ניו־דזשוירזי... די גרעסטע באַרגענס... וואונדערלעכע סינעריס... דאָס לאַנד איז פלאַך ווי אַ טיש... נישט הויך, נישט באַרגיג... אמתע ארץ־ישראל ערד... אַ זאַמדיקער באָדן דורך און דורך... קיין וואַסער... קיין שטיינער... אויסצוגראָבן אַ קבר נעמט נישט מער ווי זיבן מיט אַ האַלבע מינוט... די בעסטע קאָנקריט ראָודס, ברייטע, געפלאַסטערטע סאַידוואָקס... כל הקודם זכה... אַן אייביקער רייכטום פאַר זיך און פאַר אייערע קינדער, צו האָבן אַזאַ פעמלי־פּלאַט... מעמבערס וועלן די סאָסייטי אימער דאַנקבאַר זיין, פאַר דעם נחת־רוח. וואָס מע וועט זיי פאַרשאַפן... איר קאָנט דורך מיין אָפיס אויך קויפן עליות אין אַלע שולן, קאָנגרעגיישנס פון דאַון־טאַון, בראָנקס, ברוקלין, מיט זייער קליינע דעפּאָזיטס... וואָט?... עליות... עליות... עליות... מיין אָפיס איז גראָד איצט פאַרזעצן מיט אַ גרויסן סטאַק טליתים, וואָלענע זיידענע, מעיד אין גאַליציען, דורך אָרנטלעכע יידן מיט לאַנגע בערד, און נישט דורך שוואַרצע שיקסעס אין די סאוטה... ווי אויך מיט

פרישע קמעות פֿאַר שיוענגערע פּרויען, חולה־נופל, נישט דאָ געדאַכט, — פֿון די בעסטע גוטע יידן אין פּוילן, דירעקט אימפּאָרטירט דורך מיר אַליין, יאָסל איז מאַי נעים, און דאָס איז די גרעסטע גאַראַנטי פֿאַר באַכגעמאַכטע און געפּלעשטע... וואָט ?.. קמעות... קמעות... קמעות... מ׳קאָן מיך טרעפֿן אין אָפּיס פֿון ניין אין די פֿרי, ביז עלף אויף די נאַכט, און דאַן ביי אַ ספּעשל אַפּוינטמענט... מיין אַדרעס איז: ניין און זיבעציק מיט אַ האַלב, עסק סטריט, טירקעלטויב, בראָנקער, נאָ־טאַר־פּאָבליק. הענגט אויף דעם רעסיווער.

דער מאַן

קומט אַריין

וואָס טוט מע ? וואו גייט מע און וואו שטייט מע ?

דער בראָנקער

וואָס האָט איר שוין פֿאַר איר געטון ?

דער מאַן

וואָס האָב איך שוין פֿאַר איר נישט געטון ?

דער בראָנקער

און ס׳שלאָפֿט ?

דער מאַן

ס׳רירט זיך נישט, מ׳זאָל זאָגן: פֿון דאַנעט אַהער.

דער בראָנקער

ר האָט דאָ קיינעם נישט, וואָס זאָל אייך אַרויסהעלפֿן ?

דער מאַן

ווער קאָן מיר דאָ מער העלפֿן, ווי גאָט אַליין ?

דער בראָנקער

אַ משפּחה, אַן אייגענעם, וואָס זאָל צולייגן אַ האַנט ?..

דער מאַן

משפּחה ? וואו זעט מע איר פֿאַר די אויגן ? געטרייעט אָפּרופֿן, קריגן וועלכעס אויפֿן טעלעפֿאָן, זיך אַראָפּרעדן פֿונעם האַרץ, האָט מיך עפּעס

איין שטיקל משפחה יאָ אויסגעהערט, און צפּנים, — צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „איי עם סאָרי!"... און די אַנדערע נאָך גיכער אויפגעהאָנגען דעם רעסיווער: ער איילט זיך זייער, כ'זאָל אַריבערקומען זונטיק צו דינער, — מיך גיכער האָבן אַ קאָפּ אויסצוהערן...

דער בראָוקער

דאַטס פאָני.

דער מאַן

ס'אי נישט: וואָס מ'איז אַזוי ביזי אין דעם פינסטערן אַמעריקע, נאָר וואָס מ'ציטערט אַזוי פאַר די אָרימע משפחה. — מ'זאָל איר, חלילה, נישט ברויכן עפּעס געבן..

דער בראָוקער

זענען זיי גוט אָפּ?

דער מאַן

הלוואַי, נישט געווען אַזוי גוט אָפּ.. אַז ס'שטעלט מיך ווער פון זיי אַמאָל אָפּ עקסידענטלי: „העלאָ, טשאַרלי!" טשאַרלי מיר נאָך, צו אַלע צרות, אַ נאָמען געגעבן; איז די ערשטע שאלה: צו כ'אַרבעט? זאָג איך: יאָ! פרייט מע זיך מיט מיר, אַ גאַנצע גדולה: „איי עם גלעט טו סי יו..." און טאָמער, חלילה, נישט, — איילט זי זיך נאָכגיכער אַוועקצוגיין, די משפחה: עקסקיוזמי טשאַרלי, כ'קאָן נישט לאַנג שטיין, — אַן אַפּוינט-מענט!" דאָס קאָן איך אייך פאָרשטעלן: מיין משפחה...

דער בראָוקער

דאָס איז, צום באַדויערן, יעדן איינעמס משפּחה אין אַמערקע.

דער מאַן

דעריבער, וואָס אי זיך ווידער דאָ נאַריש צו מאַכן?

דער בראָוקער

וואָס איז מיט סאָסייטי? אַ לאַדזש? אַ שול?

דער מאַן

אַן עבירה, ס'מויל זיך איינצוריכטן.

דער בראָוקער

אַ קאָמיטע זאָל אַריבערפאָרן טיין וואַשינגטאָן, — ס וואָלט נישט קאַליע געמאַכט.

דער מאַן

יאָ, נאָר אויף וועץ ווענ דאָס אָבער אַרויסקומען? אָנהייבן מיט די סאָ-סייטי, — בין איך אַ פאַרלוירענער, און מיין ווייב איז פאַרלוירן...

דער בראָוקער

זיך אפשר אַריינגעכאַפּט צו אַ לויער?

דער מאַן

ווייניק זיין פאַר אים דער נדן מיט די ירושה וואָס כ'האָב געקריגן; מיך אַריינפירן אין אַ קייס, און אויססאָקן די נשמה...

דער בראָוקער

וועל... משפחה נישט; סאָסייטי, — נישט; אַ לויער, אויכעט נישט, — וואָס זענט איר געקומען צו מיר?...

דער מאַן

ווישט זיך די אויגן

אין דער אַמעריקע, אַז מ'ווייסט נישט וואו ס'מאַכט זיך אויף אַ טיר, — קומט זיך נאָר אויס ס'לעבן צו נעמען...

דער בראָוקער

וואָס, אייגנטלעך, האָבן זיי דאָס אויף איר געזעצן?

דער מאַן

כ'זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס; פאַדאָבּ'ע, דערשראָקן: וואָס זי איז אַזוי מאָגער, און קיין פלייש נישט אויפן לייב...

דער בראָוקער

געבעטן: זי זאָל עסן... נאָך אויף יענער זייט, איר געבעטן... עגדערט נישט אַמאָל געשפּיגן מיט בלוט?...

דער מאַן

פון אַלעם שוין, מ'שטיינס געזאָגט, פאַרזוכט; נאָר דאָס איינע איר נאָך אויסגעפעלט, — זי זאָל ביי מיר שפּייען מיט בלוט...

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

נאָר פאַרזוכן פון די פושקאַרטס, זיך שוין אַזוי פּיקסן, — אַז מ׳וועט איר ניט דערקענען... נאָך מוזן אויסהיטן: נישט צו־פּעט צו ווערן... שפּילט זיך מיט די גרינע ווייבער?... זיי ווערן דאָך באַלד ווי די באַרלס, אַזוי צעגאַסן...

ד ע ר   מ אַ ן

דאָס טענה איך דאָך אויכעט.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

אפשר, גאָרנישט דאָס?

ד ע ר   מ אַ ן

געוויס, נישט בלויז דאָס.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

נאָר, וואָס נאָך?

ד ע ר   מ אַ ן

שטיל

אַ ווערצעלע.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

וואו?

ד ע ר   מ אַ ן

הינטערן לינקן אויער, ביי די רעכטע זייט פונם לעפל.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

לאַכט

און וואָס זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט...

ד ע ר   מ אַ ן

אָפּגעלעבט מיט איר אַזוי פיל יאָרן, און דאָס נישט געזען, — און זיי האָבן עס איבער אַ רגע דערטאַפּט...

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

וערט אַ שמעק טאַביק.

ד ע ר   מ אַ ן

מיך אויכעט נישט געאַרט, ס'זאָל נישט מער זיין ווי דאָס...

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

נאָך עפּעס?

ד ע ר   מ אַ ן

שטיל

אַ באַבסקי נאָגל.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

וואו?

ד ע ר   מ אַ ן

אויפן קליינעם פינגערל פונם פוס.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

לאַכט אייך אויס דערפון.

ד ע ר   מ אַ ן

ס'אי גוט צו לאַכן, ווען די אויגן ווערן נישט נאַס אַלע מינוט.

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

אויב נישט געבראָכן, טראַכאָמע אין די אויגן, — זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן; גייט אַהיים, — איר נאָך אַריינשיקן אין שטוב אַריין ביי סי, אָ, די...

ד ע ר   מ אַ ן

דאָס ווערצעלע הינטערן לינקן אויער, אויף די רעכטע זייט פונם לעפּל, — לאָזט מיך נישט לעבן; פון באַבסקי נאָגל ציטערט אין מיר יעדעס אבר...

ד ע ר   ב ר אָ ו ק ע ר

ס'וועט זיך אויספּרעסן.

ד ע ר מ אַ ן

דערווייל ווערט שוין מאָרגן באַלד דריי וואָכן, ווי זי פּיגצטערט אָפּ אין קעסל-גאַרדן; זיצט און קוקט אַרויס פון הינטער די קראַטן; כ׳קום אַרויס אויפן אינזל, און הער ווי זי טענהט זיך אויס מיט די ווענט, מיטן הימל, מיט די לבנה און די שטערן, — איז פּשוט אַ צער בעלי-חיים; ס׳קאָן אַ שטיין-ערן האַרץ רירן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר ווייגט? דאָך גאָר אַ יידענע.

ד ע ר מ אַ ן

כ׳וועל שוין קיין יידענע נישט זיין.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איך אויף אייער אָרט: דערווייל געגאַנגען זען רומס, אָנקוקן פאָרניטשור... ווי לאַנג וועט מע איר דען נאָך האַלטן?..

ד ע ר מ אַ ן

נאָך אַזאַ שווערע סלעק, און ס׳אַ אַצינד געוואָרן אַביסל לעבעדיקער אין שאַפּ, — האָב איך אַ דזש ב נאָכצולויפן פּאָליטישענס...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ביי וואָס אַרבעט איר?

ד ע ר מ א ן

אַ קלאָגס-אַפּרייטאָר.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

גייט צו די מלאכה; ס׳אַ שאָד אייער צייט, וואָס איר וועיסט פאַר נאַטינג.

דער טעלעפאָן קלינגט.

ד ע ר מ אַ ן

כ׳קאָן טאַקע איינזיצן איבער די מאַשין, אַז כ׳האָב איר דאָרט אין שטייגל; דער קאָפּ, אַ סך אויסטראָגן די מלאכה. אָפּ.

דער בראָוקער

אויף טעלעפאָן

העלאָ!... יע... גוירדי?... דאַטס מי. יאָסל... כ׳בין נישט לאַנג צוריק געקומען... ס׳אי ווערי, אויב מ׳קאָן אַפאָרדן, — צו נעמען אַ טריפ.. יע.. אַ גרוס פון אייער מוטער... יע... ווי זי פילט?... וועל, ווי אַ פרוי אין דעם עלטער... זיך אָפטער מעגן דערמאָנען אין איר.. אָלרייט.. גוד ביי...

הענגט אויף דעם רעסיווער.

די גרינע

שטופּט אריין דאָס קינדער־וועגעלע

אייך נישט געבן קיין טענקס, מיסטער, — פאַרן אַריבערברענגען מיך קיין אַמעריקע... נאָ סער...

דער בראָוקער

געפעלט אייך נישט אַמעריקע? דער וועג צוריק איז נאָך נישט פאַרוואַקסן געוואָרן; די שיף, מיט וועלכע איר זענט געקומען, — שטייט נאָך, און איז נישט אונטערגעגאַנגען...

די גרינע

הלוואי האָב איך אויף אַ טיקעט, ווי כ׳וואָלט דאָ קיין איין שעה לענגער נישט געוואָלט זיין...

דער בראָוקער

ס׳גלוסט זיך אייך צו טאַנצן אויפן אייז.

די גרינע

וואָס קומט מיר אַרויס: כ׳בין אין אַמעריקע, — אַז כ׳וויס דאָ ווייניקער פון אַ לעבן, ווי אין די היים?...

דער בראָוקער

פיידי ברענגט אייך דער מאַן יעדע וואָך אַהיים?

די גרינע

אַלץ איז די פיידי?

דער בראָוקער

זאָלט איר קושן די שטיינער, וואָס איר טרעט

די גרינע

מיט די פּיידי וועל איך לעבן?

דער בראָוקער

נאָר פון וואָס דען וועט איר לעבן?

די גרינע

אַז פּאַרן שטיקל קאַנווערט פּאַלט ער אַוועק, ס׳קומט אויף די נאַכט, ווי געהרגעט, און קאָן מיט קיין אבר נישט רירן.

דער בראָוקער

וואָס איז דער מער, זונטיק?

די גרינע

אַ גליק געטראָפן; גייער ווייב קאָן זיך אויכעט באַנוגן לאָזן פון איין וואָך ביז צו די אַנדערע, בלויז מיטן זונטיק?

דער בראָוקער

נעמט מע זיך אַריין אַ באָרדער...

די גרינע

כ׳בין נאָך נישט אויף אַזוי פיל אויסגעגרינט...

דער בראָוקער

אין אַמעריקע מוז אַלץ זיין אויסגערעכנט; אַ צייט אויף צו אַרבעטן; אַ צייט פאַר פּלעזשור; אויף אַלעם איז אַ צייט..

די גרינע

אַמעריקע מאַכט פונם מענטש, יאָ, אַ לייט..

דער בראָוקער

מיסעס, ווער ס׳עסט פלייש אין אַמעריקע, — מוז קומען אַוועקלייגן די ביינער...

די גרינע

זיי סיי־ווי אַוועקלייגן; נישט מער: מיך באַצייטנס זען צו ראַטעווען פון דעם גיהנום, — דאָס זיין מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער...

דער בראָוקער

וואָס מ׳וואַרפט דאָ אַרויס פון קייק, טשיקן, כ׳רעד שוין נישט פון ברויט, — וואָלטן זיך דערמיט גאַנץ שיין דאָרט געקאָנט דערנערן שטעט; געמעגט שווערן: זיי זען דאָס נישט פאַר די אויגן...

די גרינע

אַז ס׳האָט דאָך קיין טעם נישט .. די היגע טשיקן איז דאָך גאָר קיין הון נישט... כ׳ווייס, ווי אַזוי זי ווערט דאָ געמאַכט?...

דער בראָוקער

מיט אַ מאַשין...

די גרינע

אין די היים: אַ שטיקעלע הינדל, — צעגייען די ביינדלעך אין מויל... און דאָ, איז פונקט ווי מ׳וואָלט געקייעט גראָז...

דער בראָוקער

דעריפאַר: ווייל אין די היים עסט מע נישט פריער קיין שטיקל הון, ווי מ׳ווערט קראַנק; און דאָ פעלט ב״ה נישט קיין טשיקן צו יעדן סאַפער.

די גרינע

כ׳קאָך טאַקע פאַר מיין מאַן קרעפּלעך יעדן טאָג, אָבער זיי גייען נישט איבערן האַלז; ס׳פעלט נישט קיין פּרוכט אין הויז, אָבער אין עסן, — איז דאָס נישט מער ווי קיל-ריבן; וואָס כ׳זאָל נישט נעמען: אַ בירן, אַ מייער, אַן עפּל, — אַלץ דעם זעלביקן טעם..

דער בראָוקער

און נאָך אַלעם, איז נאָך אַלץ אַמעריקע ס׳בעסטע לאַנד...

די גרינע

קאָלאָמבוסן געזאָגט; וואו ווייסט מע דאָ פון אַ היימיש שטיקעלע לעבן?...

דער בראָוקער

אויף העסטער סטריט, ראָטגער פּלייס..

די גרינע

און מ׳זאָל זיך צונויפקומען מאַכן אַ טאַרנישקע, אַ שטיקל דאָמינע, אַ שאַשקע...

דער בראָוקער
נאָנסענס !... דאָ שפּילט מע פּוקער... ברידזש... אַ ניקעלע, — אַ לימיט...

די גרינע
אין די היים גאַרנישט געקאָנט גיין אין בעט אַריין, כ'זאָל נישט האָבן קיין יידיש ביכל צוקאָפּנס... כ'וויס ?... פּרצנס אַ מעשהלע... אַש'נס אַ ראָמאַן...

דער בראָוקער
פאַרגעט אַ באַט איט ; מ'נעמט אַ געשוואָלענעם ניוס-פּייפּער, און מ'לייענט די פאַני פּאַרטס ..

די גרינע
דריי רומקעלעך אויפן טאַפּ-פלאָר, – און כ'האָב נישט נ'כוח זיי צו פאַראַרבעטן ; כ'ווער אַנידערגעלייגט ; כ'קאָן ביי זיי נישט אַרויסקלאַפּן קיין איין האַלבע שעה פאַר זיך ; אין די היים בין איך דאָך געווען אַ ליידי...

דער בראָוקער
וועל... ס'אַמעריקע .. פּרויען מוזן דאָ שווער אַרבעטן. . ס'אי נישט יוראָפּ, וואו מ'קאָן פאַר גאַרנישט שמעצן אַריינעמען ; אַ דינסט אין אַמעריקע איז אַ פעטער ביסן...

די גרינע
אַריבערגעקומען, האָט מיר ס'בלוט געשפּראָצט פון די באַקן ; און אַצינד בלייך ווי די וואַנט ; צעהאַקט די הענט, צעשעקעט ווי אַ ריב-אייזן, — פון וואַשן די דישעס ; וואָס כ'האָב מיר אין אַמעריקע אָפּגעשפּאָרט...

דער בראָוקער
אַבי נישט קיין גאַל-בלאַדער טראָבל, היי-בלוט פּרעזשור, דייביטיס, — זיך אויף יענער זייט אַלע געמעגט ווינטשן אָן אייער שאָדן...

די גרינע
זינט דאָס באַשעפעניש איז געקומען, לייך איך אַ דין, — נישט אויסצוהאַלטן ; נאָך אַ באָטל מילך מוז איך גיין מיטן קערידזש ; אַ באַקס מעטשעס, — מיטן קערידזש ; סאָם וועטזשטעבעלס, — מיטן קערידש ;

וואָס כ'זאָל נישט ברויכן אין שטוב אַריין, — מוז איך מיטשלעפּן דעם קערידזש... נעמט אָרויסגיין.

דער בראָוקער

מיסעס, די בייבי

די גרינע

כ'מוז גיין שאַפּינג, און ביי די שכנים איז פאַרמאַכט; פאַרשליסן עס אַליין אין הויז, — אויפן טאָפּ־פלאָר?...

דער בראָוקער

ס'אַן אָפּיס.

די גרינע

אַ שטילע בייבי; זיך איבערוועקן, — ליגט אַ באָטל אונטערן קישע־לע. אָפּ.

דער בראָוקער

דאָס איז אַ גרינע. נעמט דעם טעלעפאָן אין האַנט העלאָ!... יע... מר. טוירקל איז טאָקינג.. כ'בין נישט איצט אין יוראָפּ... כ'רעד פון מיין אָפּיס.. יע.. אַ בריוו פאַר אייך... פון וועמען?... איר ברויכט וויסן: וועמען ר'האָט אין די אַנדערע זייט?... אַ האַ!... יע... אייער ברודער געדענקט אייך יאָ... ערשט פאַריקע וואָך געשיקט געלט?... אַ טראָפּן אין ים... האָט אַ דערוואַקסן מיידל.. לאַנג געמעגט הערן שפּילן... יע... וואָס איר קאָנט טון?... מ'ברויך האָבן דריי הונדערט דאָלאַר, אַמעריקן מאָני... יע... דאָס קינד אין וויגל נעמט זיך וועקן וואַרט אַ ווײַלע... הענגט אויף דעם רע־סיווער, און זוכט אין ווענעלע וואו האָט זי דאָ ערגעץ אַ באָטל?... דער טע־לעפאָן קלינגט ווידער העלאָ!... נאָ.. נאָ... ס'איז נישט קיין באַרבאַר־שאָפּ.. וואָס פאַר אַ באָמבער ברויכט איר?.. ס'קינד אין ווענעלע לאָזט זיך הערן פאַרקרייען אַאָוט, לאָוד... מיך לאָזן אויפנעמען אַ קאָל?...

די גרינע

קומט צוריק מיט פּעקלעך

ווי קומט, וואָס ס'קינד שלאָפט נישט?

דער בראָוקער

פאַרדראָסיק

ווי קומט, וואָס ס'קינד שלאָפט נישט?

די גרינע

לייגט די פּעקלעך אין וועגעלע

ס'מוז אוודאי האָבן צו טון מיטן מעגעלע.

דער בראָוקער

אוודאי האָבן צו טון מיטן מעגעלע. *דערזעט איר אַוועקגיין מיסעס, איך גלייך* נישט די ביזנעס.

די גרינע

בלויז צום בוטשער, נאָך אַ שטיקעלע קאַלב-פלייש. אָפּ.

דער בראָוקער

מיך דאָ גוט אָנגעקריגן, די גרינע. *טעלעפאָן* העלאָ.. יע.. מר. טירקיזל-טויבס אָפיס.. *לייגט ס'קינד אין וועגעלע* וועסט דיך גוט באַהייבן, דיר קיפּן אַ לאָלי-פּאָפּ.. און לאָז מיך אַטענדען צו מיינע קאָסטומערס.. פון דיר קיין לעבן נישט מצליח... *איפן טעלעפאָן* העלאָ... יע... נאָו עקסקיוז!... נישט האָבן מאָרגן קיין טשעק, איז די פּאָליסי געקענסעלט.. יע.. כ'קאָן נישט... געוועזן אַוועק פון די ביזנעס, און ס'איז אַלץ אַפּ-סאַיד דאַון...

הענגט אויף דעם רעסיווער

די גרינע

קומט ווידער אַריין

איר זענט אויף מיר ברוגז?

דער בראָוקער

כ'בין גימל.

די גרינע

נישט איר, הייבט נישט געהאַט מיין מאַן וואָס צו געבן אויף סאַפּער.

נעמט אַרויספירן מיטן קינדער-וועגעלע.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

מיסעס! כ׳האָב אַ פּראָמיס צו שרייבן אַ פּאָליסי פאַר די בייבי; אַ קוואָדער אַ וואָך, אָנלי.

ד י ג ר י נ ע

ס׳אי גוט פאַר איטאַליענער; זיי אינשורענען די קינדער, אַז ס׳וועט וועלכעס שטאַרבן, — קענען מאַכן אַ שיינע לוויה...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אַ קינד וואַקסט אויטער, און ס׳ברויך גיין אין הייסקול; אַ קוואָדער אַ וואָך, זעט זיך נישט אָן..

ד י ג ר י נ ע

מיר איבערלייגן מיטן מיסטער. פירט אַרויס.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

קאָל עגען.

ד י ג ר י נ ע

פון יענע זייט טיר

מיט די בייבי, צי אָן די בייבי. אָפּ

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אויפן טעלעפאָן

העלאָ... יע... ווי ס׳זעט אויס אויף יענער וועלט?... וועריבעט... גאָר קיין וועלט נישט... כ׳זאָל שיקן פּופצן דאָלאַר?... נישט גענוג... ניין... אָלרייט... היס אַדרעס איז אַן טהי פּייל...

אַ שטיל געטרויש אין דרויסן.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

סקרפעט זיך מיטן לערנער

קום שוין היינט אַמאָל אַריין; אים נישט קאָנען גאָר אַריינקריגן?...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

ציטערט

טאַטע כ׳בין דאָ איינגעשטעלט.

דער פּאַטער

האָסט נישט וואָס צו צאַפּלען; ר׳קאָן דיר נישט מער טון, ווי ר׳האָט דיר שוין געטון; צוויי מאָל, דיך נישט חתונה מאַכן.. דאָס איינע מאָל איז אויכעט גענוג..

דער לערנער

זי היט מיך דאָ, טאַטע.

דער בראָוקער

ווער היט אים דאָ?

דער פּאַטער

צעשרייט זיך

געוואַלט, וואו נעמט מע ערגעץ אַ פּיסטאָל?

דער בראָוקער

וואָס טויג אייך אַ פּיסטאָל?

דער פּאַטער

כ׳וויל אייך שיסן.

דער בראָוקער

שיסט אַביסל ווייניקער. מיסטער.

דער פּאַטער

ווי קאָן איך אייך לאָזן לעבן, אַז איר האָט מיר אומגעבראַכט אַ זון; ווי ר׳זאָלט אייך נישט וועלן פּאַרענטפערן, — אַלץ עלעקטריק-טשער נישט מיידן..

דער בראָוקער

איר גרויכט אויפהייבן די הענט צום הימל. — ער האָט אַזוי אָפּגעשניטן; נישט די חכמה, — געקאָנט אויסלעבן אייערע יאָרן, און מער פּאַר די אויגן נישט זען...

דער פּאַטער

שטאַרבן וואָלט איך בעסער געוואָלט. — זאָל ער דאָרטן, און כ׳זאָל מיך נאָכן שבעה זעצן...

דער בראָוקער

איר זענט צו קלוג מיסטער.

דער פּאַטער

מיר אים געבּרענגט אַ טויטן, גלייך צו לייגן מיט אַ באַקס אין דרערד אַריין, — מער גערן געווען, ווי מיט אַזאַ פּרי דעם קאָפּ צוגעבונדן.

דער בראָוקער

ס'רעדט זיך נאָר אַזוי...

דער פּאַטער

איך ווייסט: מיט וואָס זי שמעקט?

דער לערנער

איך ווייס, טאַטע.

דער פּאַטער

זאָלסט אַזוי מיט די נאָז זיין, אויב דו ווייסט

דער בראָוקער

רעדן קאָסט קיין געלט נישט; און אַז ער איז מיט אייך, — מעגט איר זיך אוודאי דאָס פּאַרגינען; כ'ווייס נישט: ווען איר וואָלט אים דאָרט געזען, און ווי ס'האָט אַלץ פונם אַראָפּגעוויינט, — און נישט אויף עפּעס ערגערס נאָך באַשטאַנען..

דער פּאַטער

אַזוי זאָגט איר?

דער בראָוקער

נישט איך, נאָר זאָל ער זאָגן.

דער פּאַטער

אים הייסט איר מיך פרעגן? ער ווייסט: ווער ס'האָט אים נ קאָפּ געמאַכט?

דער בראָוקער

ווען האָט איר זי געזען?

דער פּאַטער

כ'זע איר אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג... ליגט מיר איבערן קאַרק, און היט אים אָפּ ס'לעבן... וויל נישט אָפּטרעטן אויף קיין איין מינוט..

דער בּראָוקער

וואו וואוינט איר?

דער פּאַטער

אין בייסמענט.

דער בּראָוקער

כ'מיין: אויף וועלכע סטריט?

דער פּאַטער

פּיס

דער בּראָוקער

און זי?

דער פּאַטער

דריט.

דער בּראָוקער

מוזט איר ביידע שטיין אויף איין בלאָק?...

דער פּאַטער

דריי מאָל געמופט; פון אַוועניו אַרויס, ווילעט אַריין; ווילעט אַרויס; און אין שעריף סטריט אַריין.

דער בּראָוקער

דרייט זיך אַרום אויף איין אָרט, און מאַכט מיטן הקפות; גייט צו בראָנזוויל...

דער פּאַטער

זי ווייסט נישט וואו בראָנזוויל איז?

דער בּראָוקער

פאַר אַן אומגליק אַנטלויפט מע אפילו אין דרערד אַריין.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

אַפּילו לויפט מיטן אויף די סעמעטערי, — אים פון דאָרטן אויסכעט אַרויס־קראַצן... עדערט ווי קאָן איך פלוצלינג, פון די הצלע הויט, נעמען און אוועק?... אַז כ׳האָב דאָ מיין גאַנץ ביסל בעטל... זיך פון ערשטן טאָג־אָן, זינט כ׳האָב אַריינגעשטעקט א פוס אין אַמעריקע, אונטערן סטופּ, ביי די שטיגן, און האַלט־אָן די סטאָרקע.. האָב שוין מיינע געשוואוירענע קאָסטימער, אָרנטלעכע וויבער, וואָס וועלן ערגעץ אַנדערש נישט גיין, מ׳זאָל זיי דאָרט געבן פאַר אַ פעני, וואָס איך נעם דערפאַר צוויי...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

פאַרטראַכט

הום.. פונקט ווי מיט יענעם שלימזלדיקן ווייבל..

ד ע ר פ אָ ט ע ר

געוואַלט, וואָס האָט זי אַזעלכעס ביי אים געזען?...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

גאָרנישט, טאַטע.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

ווי פריער

וואו מ׳וויל דורכאויס: ס׳זאָל גלאַטיק אַראָפּגיין, מוז זיך עפעס מאַכן... כע־כע... יענע לייט איז קיין שום ביין נישט געשען..

ד ע ר פ אָ ט ע ר

געבראָכן

אַזאַ זון, אַז כ׳האָב אים אַרויפגעבריגגט אויף פיט סטריט, האָט אים די האַנט אַ גאַנצן טאָג דערנאָך ווי געטון פון אָפּגעבן שלום־עליכם; דער בוטשער איז אַריינגעפאַלן מיט אַ ברען: ווי אַזוי כ׳האָב אים געוואוינט צו ברענגען אַ דתן פאַר די טאָכטער זיינע!... וויפיל חתנים ער איז געווען אָנקוקן, — האָט ער אַלץ דאָס פנים נישט געזען... פון דעם פנים האָט זיך אים, זאָגט ער, געחלומט, נאָר וואו דאָס געקאָנט זען, — אַז ס׳איז גאָר געווען מעבר לים אין שלעפּע־גורע?.. נו?... גיי, טו מיטן אַ שידוך, אַז איר האָט אים דעם קאָפּ פאַרדרייט!..

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וועַר זאָל וויסן: זי וועט מאַכן פונם אַזאַ געבראָטנס ?...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

געוואָלט געשריגן, אַז ער האָט זיך געשטעלט מקבל שבת זיין ביי די אנשי קאַסאָקע, — אים מיט אַ פּאָליסמאַן פון עמוד געוואָלט אַוועקנע-מען... קוים מיטן לעבן ביי איר אַנגעבעטן..

דער טעלעפאָן קלינגט.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

העלאָ !... יע... נישט דערהאַלטן נאָך ס'געלט ?... ווי לאַנג, זאָגט איר, אַז ס'אַוועקגעשיקט געוואָרן ?... אַ חודש ?... ס'ברויך שוין זיכער זיין אַ רעסיט.. כ'גיי גלייך נאָכקוקן.. יע... לייגט אַוועק דעם רעסיווער אַ רגע... אָפּ.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ס'קאָן זיין מער...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

טאַטע, וואָס איך האָב אין דרויסן געזען ?

ד ע ר פ אָ ט ע ר

וואָס אוצר, האָסטו געזען ?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַ ־בוון.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ס'אַמעריקע ; וואָס מ'זעט נישט אויף די גאַנצע וועלט, ליגט עס דאָ פאַר די אויגן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

זיי זענען געלעגן אויסגעלייגט אויפן טראָטואַר, אַזויווי אין דער היים מלחמה-צייט, די קוילן פון האַרמאַטן פלעגן ליגן ; נאָר מיט רויטע, אויפ-געשניטענע בייכער, אָנגעפילט מיט קערלעך...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ס׳אַמעריקע; פון וואָס ער ווערט דאָ נתפעל?

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

נאָך עפּעס, טאַטע; ס׳אי רויט ווי אַן עפּל, קיילעכדיק ווי אַן עפּל, און ס׳אי נישט קיין עפּל...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

אוודאי מילגרוימען.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

וואָס מיט די זעקס הונדערט און דרייצן קערלעך, קען די תרי״ג מצות ...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

אַ מורנה?... דאָ ליגט ער אויפן פושקאַרט, און מ׳קאָן אים, מיטן גאַנצן יחוס זיינעם, — אָפּקויפן פאַר אַ פעני.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

און נאָך עפּעס, טאַטע וואָס כ׳ווייס גאָרנישט ווי דאָס אָפּצומשלען. ס׳אַ לאַנגע פרי, אַ שמאָלע...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

אוודאי אַ באַנאַנע.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

און האַרטע בלעטעלעך וואַקסן ביי דעם אַרויס פונם קאָפּ...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

אַנאַסן!

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ׳וואָלט דאָס געוואָלט פאַרזוכן אויף צעפּלייסן.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

נאָר דאָס?... אירע שוואַרצע כּטור ווערן, דיר נישט פעלן פון קיין וויינטרויבן... בירן... און פלוימען... און אַזויגע פּאָמעראַנצן, — אַז די אויגן וועלן דיר פון זיי גלאַנצן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אין די היים גיט מע גישט פריער קיין שטיקל פּאַמעראַנץ אויסצוזאָגן,
ביז דער טויט ליגט שוין יענעם אויף די שפּיץ נאָז...

ד ע ר פּ אָ ט ע ר

ס'זאָל דאָ אַפילו אָנהשקן: פרישע, גרינגע אוגערקעלעך אין מיטן ווינטער, —
איז עס אויכעט צו באַקומען...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

טאַקע.

ד ע ר פּ אָ ט ע ר

שגלאַטן, ראש-חודש-רעטעכלעך, — אויף די גרעסטע פּרעסט; עפּל,
בירן, — אַזוי ווי מ'וואָלט זיי געכטן מיט די האַנט פון בוים אַראָפּ-
געריסן...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

און מ'קאָן צו אַלעם צו קומען?...

ד ע ר פּ אָ ט ע ר

אָרים און ריין, עסט דאָ גלייך.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַ ריין גן-עדן

ד ע ר פּ אָ ט ע ר

מיט טייטלען, פייגן און באָקסן, — קאָרמעט מע דאָ די אָקסן.

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

אַלע אין די היים געווינטש, דאָ אָקסן צו זיין...

ד ע ר פּ אָ ט ע ר

פון פומער, אייער, און סמעטענע, — קאָן זיך יעדער לאָזן מאַכן אַ
וואַנע...

ד ע ר ל ע ר נ ע ר

כ'קאָן מיר פאָרשטעלן: ווי מ'זעט אויס, אַז מ'קריכט אַרויס פון אַזאַ
באָד...

דער פאָטער

צו א פונט פלייש, איז רעכט: דער בוטשער זאָל צולייגן בחנם דריי פונט ביינער, מיט לונג, מילץ, וואַמפּ און אַלע אַנדערע שאר ירקות, וואָס ס'אי דאָ ביי אַ בהמה...

דער לערנער

וואָס, טאַטע, זענען די אַרבוזן דאָ אַזוינע גרויסע?

דער פאָטער

אַלץ איז דאָ גרויס, ס'אַ לאַנד פון שפע, — זענען די אָקסן גרויסע, די פערד, גרויסע; די בהמות, — גרויסע...

דער לערנער

קיין עין־הרע.

דער פאָטער

נעמט אַרויס פון קעשענע

ביים־דין, ס'וועט דיר פאַרגיסן ס'מויל; דאָס וואַקסט נישט אויף די גאַנצע וועלט, נאָר אין אַמעריקע...

דער לערנער

כ'וויל וויסן וואָס ס'איז, טאַטע..

דער פאָטער

אַ פיטש!

דער לערנער

ווי אַזוי זאָגט מע דאַרויף אויף יידיש?

דער פאָטער

ס'האָט גאָר קיין יידישן נאָמען נישט.

דער לערנער

און ווי אַזוי ווייסט מע וועריבער אַ ברכה צו מאַכן?

דער פאָטער

ווען מ'האָט געמאַכט די ברכות, איז נאָך אַמעריקע אויף די וועלט נישט געווען, און פון קיין פּיטשעס נישט געוואוסט.

דער לערנער

עסט

ס׳אי דאָך גאָ־נישט צום עסן, נאָר צו שלינגען..

דער פאָטער

גיט אַ באַנאַנע

נאַ, וועסט דערפון לעקן די פינגער.

דער לערנער

ס׳צעגייט אין מויל, טאַטע; וואָס איז דאָס אזוינס?

דער פאָטער

מ׳בריוך עס פריער עסן אַ גאַנץ יאָר, מ׳זאָל וויסן וואָס ס׳איז...

דער בראָוקער

קומט צוריק אַריין

אפשר געזען אַדורכצוקומען?... איר עפּעס צו געבן?..

דער פאָטער

כ׳שטופּ איר געלט אין די האַנט אַריין: זאָג, וויפיל דו ווילסט?... הונ־דערט טאָלער?.. צוויי הונדערט?... קיין גרויסער גביר, — ביי מיר צו קאָנען אָנטאַפּן, בין איך נישט; אָבער פאַרלאַנגען: זי זאָל אים האָבן געבראַנגט אויף אירע פּלייצעס בחנם קיין אַמעריקע, — וויל איך דאָך אויכעט נישט...

דער בראָוקער

נו?

דער פאָטער

זוי וויל זי הערן; רעד צו די האַנט.

דער יונג

גיט אַ קום אַריין

נישט אַמאָל אַריין אַהער?

דער לערנער

נעמט ציטערן

מיך געבעטן: מ׳זאָל נישט אַריינגיין.. געבעטן...

דער בראָוקער

ווי פאַלסטוו אויס, זי זאָל דאָ האָבן אַריין?...

דער יונג

פאַר מיר אין דרויסן זיך אַדורכגעוואָרפן.

דער בראָוקער

מילאַ, זי, — ווייס איך; וואָס טוסטו דאָ אין דעם שטח, זי זאָל זיך קאָנען אַדורכוואַרפן פאַר דיר אין די אויגן?...

דער יונג

אַז זי איז געבליבן שטעקן אויף פיט סטריט, אים אַפּהיטן ס׳לעבן, — האָב איך מיך באַזעצט אויף ריט סטריט, און לאָז פון איר ווידער די אויגן נישט אַראָפּ..

דער פּאָטער

צעטומלט

דערפאַר: ווייל זי היט אים אָפּ, — היט ער איר אָפּ... וואָס פאַר אַ שבשלישי זענט איר ווידער? . אַ דריטער ראָד צום וואָגן?..

דער לערנער

פריער געווען זיין כלה.

דער יונג

און נאָך אַצינד אויכעט..

דער פּאָטער

נישט געקומען גלאַט אַ מויד די וועלט אַריין, נאָר אַזוי נע, וואָס אַ שוין פון פריער געווען עמעצענס אַ כלה?...

דער לערנער

שלך שלי, שלי שלך.

דער פּאָטער

ביידע פאַרטנער צו איר.

דער בראָוקער

ביי אים שטייט זי מיט אַ פוירסט מאָרגעדזש, און ער ביי איר, — מיט אַ צווייטן מאָרגעדזש...

דער פאָטער

ווי דער ייד האָט דאָס פאַרקאָכט אַ גריץ, אַ ?.. און לאַכט, אַ ?...

דער יונג

כ׳מוז איר אָנקריגן... אַלע הייזער איבערקערן, און פון מיינע הענט זיך נישט אַרויסדרייען.. אַפּ.

דער פאָטער

פאַרבראָכן די הענט

געוואַלט, וואו טוט מע זיך מיטן אַהין ?...

דער בראָוקער

וואו ווילט איר זיך מיטן אַהינטון ?

דער פאָטער

כ׳זאָל נישט זיין מיטן אויף דעם געיעג.. שלעפּט אַוועק די קאַאַפּע, און שטופּטן אַרונטער אַמעריקע, אַ ?..

דער בראָוקער

אים שוין געגוג האָבן פאַרשטופּט.

דער פאָטער

די פיס... אויף זיין שלימזל, — אים נאָך די פיס אַזוי לאַנג אָנגעוואַקסן..

דער לערנער

פאַרשטיקט

כ׳קאָן זיי נישט מער אַריינעמען...

דער פאָטער

איינער ביי דיר לענגער פאַרן אַנדערן ?... כאָטש נעם און האַק כונם אָפּ אַ שטיק..

ס׳ערשטע מיידל

קומט אַריין

אַ לעבעדיקן, אָדער אַ טויטן.

ד ע ר פ אָ ט ע ר

שאָקלט זיך איבערן

אומגליק, טרעט אָפּ!

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

אים נישט לענגער נאָכלויפן

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נישט די ערשטע און לעצטע, וואָס אַ מאַן וויל נישט גיין וואוינען מיט אַ ווייב; נאָך דערצו אַזאַ מאַן, וואָס האָט נישט אָנגעהויבן גאָר קיין מאַן צו זיין... בלויז פאַר די אויגן...

ז׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

אים גאָרנישט העלפן...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ווי פריער, שאָקלט זיך איבערן

אומגליק, טרעט אָפּ!

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וועסט מיר ווייזן איין פרוי אויף גאַנץ אַמעריקע, וואָס האָט אַזויערנאָך געזאָלט צוריקקריגן איר מאַן, — וועל איך געבן טויזנט דאָלאַר טשאַרי-טי, אויף וועלכע אינסטיטושן ס׳זאָל נישט זיין..

ס׳ ע ר ש ט ע מ יי ד ל

אפילו אויפן קאָפּ שטעלן, און מוזן מיין מאַן זיין...

ד ע ר פ אָ ט ע ר

ווי פריער, שאָקלט זיך איבערן

אומגליק, טרעט אָפּ!

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

כ׳ווייס נישט: מיט וואָס די וועסט אים נייטן? ווייל, דו האָסט דיך מיטן דאָרט פאַרדרייט אויף עליס-איילאַנד?... און דערמיט שוין האָבן אָנגעכאַפּט ביים האַלז?... וועסט נאָר אַזוי פיל, מיט דיין רעדן, — האָבן אויסגעפירט, מ׳זאָל אים צוריקשיקן...

ס׳ערשטע מיידל

איי דאָנט קער.

דער פאָטער

ווי פריער, שאָקלט זיך איבערן

אומגליק, טרעט אָפּ!

דער בראָוקער

נישט גלייכער: עפּעס צו קריג? זערפּאַר?.. מ׳ווייסט: די האָסט איס אַריבערגעבערענגט, און דיך פאַר דאָס זען אָרנט. עך צו בגפּרידיק... נישט קיין צוולה טון..

ס׳ערשטע מיידל

די ביזנעס וועלן נישט אָגיי, מיסטער.

דער לערנער

פּירשנייט

טאַטע, כ׳קאָן נישט אויסהאַלטן מער...

דער פאָטער

שטילער, שלימזל; דער מלאך-המות דיינער איז נאָך נישט אָוועקגעגאַנגען..

דער לערנער

פאַרשטייט

כ׳האָב אַ קורצן אָנעם..

ס׳ערשטע מיידל

נעמט אים אַרויסשלעפּן

אַ פאַרנאַרטער ייד...

דער פאָטער

דערלאָזט נישט

ס׳אַמעריקע, אַ?...

דער בראָוקער

כ׳ברויך מיר אַליין אַריבערלייגן איבערן טיש, מ׳זאָל מיך אָנשמייסן..

ס׳ערשטע מיידל

האַלט אים

אים שוין איינמאָל אָפגעראַטעוועט פון טויט, און דאָס אַצינד נאָכאַמאָל, זע איך, מוזן..

דער פאָטער

מיט אַלע כּוחות

כ׳בין אַ ייד אַ כּעסי, און האָב נאָך צו אַלע צרות, – צו טון מיטן האַרץ; ביי די קלענסטע זאַך – נעמט עס זיך וואַרפן, ווי מ׳וואָלט מיר צוגעשטעלט טויזנט אָנגעלאָדענע פּיסטאַלעטן צום קאָפּ.

דער יונג

גיט אַ פאַל אַריין, און שליידערט איר אַוועק

דיך א נגעהילט אין אים...

דער פאָטער

צעטומעלט

אוי, אַ מלאך!

דער בראָוקער

ניין, איר חתן.

דער יונג

ציט טיף אָפּ דעם אָטעם

פעטער, איר ווילט איר עפּעס געבן?

דער פאָטער

כאַפּט זיך צום בייטל

וואָס כ׳פאַרמאָג...

דער יונג

געלט אויפן טיש

ס׳ערשטע מיידל

פאַרביטערט

אַ מכּה אים.

דער יונג

ליבע, ס'וועט דיר זיין אַ מינוט צום טויט!.. נישט אויפהערן, — וועל איך דיך נעמען שניידן ווי די געפאַלענע פערד ביים היצל...

ס'ערשטע מיידל

גיט זיך אַ ריס אויף די בלוזע

שנייד!

דער בראָקער

לויפט צו

נישט ביי מיר אין אָפיס.

דער טעלעפאָן נעמט קלינגען.

דער בראָקער

כ'וועל נאָך היינט זיין אומגליקלעך ביי זיי... העלאָ?.. כ'הער נישט... פליז... כ'האָב אין אייך נישט אַזוי פיל געמאַכט, וויפיל ס'קומט מיר אויס צו פאַרליר... העלאָ!.. יע.. אַ סעקונד... גייט פאַרא ווײַטער אַריין אין די אַנדערע רום... שטופּט זיי אַרויס נאָר זעט אַדורכצוקומען אָן מעסערס... אויפן טעלעפאָן העלאָ?... יע... ס'איז מיר אַ חידוש: אַז האָט מען ביז אַצינד נישט אָפּגערופן... נישט נייגיריק צו הערן קיין גוט וואָרט פון די היים?... אַוודאי... אייער ברודער איז מיך געקומען זען... ער האָט געוויינט מיט בלוט... האָט צוויי דערוואַקסענע מיידלעך... יע... מעג ער שוין וויינען?... ס'שמעקט מיט געלט... געוויס, געלט איז נישט קיין בער... ס'איז אָבער ווי צו יענעמצן, וואָס האָט עס נישט... בעליוו מי: ווען ר'האָט זיי דאָ, — זיך אויסגעלאַכט פון אייך מיט די טויזנטער אייערע.. זיי ביטן די היגע מיידלעך אין פּיסעס. האָליוואָד וואָלט זיי אויסגעכאַפּט.. קיינמאָל נישט געגלייבט: כ'זאָל נישט זען מיט די אייגענע אויגן... יע... וואָס ס'איז דאָ צו טון?... ניין.. מ'קאָן נישט מער איבערברענגען... שיקט איס אַרויס אַ טשעק אויף טויזנט דאָלאַר, און דאָרטן בעסער אָפּ זיין מיט דעם געלט, — ווי די היגע ווייבלעך מיט די שיינע רומס פאַרניטשור, און די מאַשינען זייערע... יע... אָלרייט..

לייגט אַוועק דעם רעסיווער.

ד ע ר ש י י ג ע ץ

(קומט אַריין, אָנגעטון ווי אַ טשערקאַס: אַ יאָלירטן פּעלץ, לעדערנעם פּאַסעק, שטיוול, פּאַפּאַכע. א שילדל אויף די פּלייצעס: „אַאָור ספּעשל גלאַ פלייד מיט אויסטערס, — אַ דאָלאַר ענד אַ קוואָדער". קוקט זיך אַרום)

דאָ האַלט איר די ביזנעס אייערע?

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נאַדיר אים, מיר אויסגעפּעלט.

ד ע ר ש י י ג ע ץ

אַ שאָד; פריער געוועזן קומען זען: ווי דער קאָפּ אַרבעט ביי אייך...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

עפּעס, אַ ביזנעס צו מיר?

ד ע ר ש י י ג ע ץ

אויב איר ווילט לעבן, און דאָ שטיין, — מיר גלייך גיין אָפּבריינגען די כלה; אָן איר בין איך דאָ ווי אָן אַ האַנט...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נישט געהאַט מיט דעם דזשאַב וואו צו גיין, נאָר צו מיר?

ד ע ר ש י י ג ע ץ

איר האָט זי נישט פאַרשאַכערט צום רייכן פעטער אין אַמעריקע?... אויף מיין באָרד זיך געגאַנגען לערנען שערן?.. געוואָלט אָפּלעקן אַ פעט ביינדל. און מיך אַזוי אויסגעשטעלט?... כ'זאָל ברויכן שטיין און אָפּהיטן אַ רעסטאָראַנט אויף דילענסי סטריט, און קריגן דערפאַר אָפּצולעקן. וואָס ס'בלייבט איבער פון די טעלער?... די מויד וואָלט דאָך מיר אַריינגעבראַכט, כ'זאָל מיך האָבן צו באַלעקן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

כ'זאָל אַזוי ריין זיין פון אַנדערע זינד, ווי כ'בין ריין פון דער...

ד ע ר ש י י ג ע ץ

נאָך אַ גליק: ס'אי נישט אין די היים...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אוודאי מענטשן דאָרט די אויגן אויסגעריסן...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

פאַר אַזאַ זאַך: גאַנץ שיין פּ..רבעטן נאָ סאָסקאָ קעמפּע, און יענעם דער־צײלט די מעשה...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

איר אויך אַ בּעלן געווען צו הערן...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

נישט האָבן צוריק דאָס מיידל, ביי מיר גאַנץ אָרנטלעך אויסבעקנצן...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

נאָך אַליין אויפשטעלן די פּלייצעס. . גיגעבן געלט אויף יענע זייט, קומט מיך צו שלאָגן... געזאָגט אַ גוט וואָרט דאָ־דאָרט, קומט מיך דערפאַר צו שלאָגן... געהאָלפן קימען קיין אַמעריקע, — קומט מיך אוודאי דערפאַר צו שלאָגן... אַפּ.

מען הערט דאָס בּלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל, און ס'ק מען אריין: דער פעטער, די מו..ע, דער ברוד..ר און ס צ..ייטע מ.ידל

ד ע ר פ ע ט ע ר

ערשטוינט

אַנטעק? דיך גאָרנישט דערקענט! געוואָרן אַ גענעראַל אין אַמעריקע...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

דערפרייט

יאַק שע מאַש, קאַטקו!

ס׳ צ ווי יי ט ע מ יי ד ל

בלאָזט זיך

האָ יו?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

קענסט מיך שוין נישט מער? טאַקע נאָר אין אַמעריקע, קאָן אַ מענטש אַזוי גיך אַרויס פונם קאַפּ, — מ׳זאָל אים פאַרגעסן.

ד י מ ו מ ע

וואָס איז ער דאָ צוגעשטאַנען צי איר?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

לאָמיך דיך נ ר אָנקוקן... כע-כע... אַריי געטראָפן מיטן שפיץ, אַ?...

ס׳ צ ו וו יי ט ע מ יי ד ל

שאָקלט זיך אָפּ פונם

האָ איז דאַט גאי?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

קאָן ער אַפילו קיין יידיש וואָרט נישט?... ברעכט זיך אויס די ציין אויף ענגליש?..

ד ע ר פ ע ט ע ר

טראָג דיך בעסער אָפּ מיט גוטן, אויב דו ווילסט נישט מיאוס אָפּשניידן; ווער ס׳נעמט זיך אָן פאַר יידיש אין אַמעריקע, – עפּעס אַ געגראַל אין אַ פּאַלע ינע...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

ביי אים, ווי כ׳זע, – אַרבעט נאָך יאָ דער קאָפּ, און אינגאַנצן נישט אַרויס פון אים...

ד י מ ו מ ע

בייזלעך

אַ שלימזל: גראָד אויף אים דאָ געברויכט אַרויפטרעטן..

ד ע ר פ ע ט ע ר

מיטן קוק

קום נאָר אַהער.. דיר עפּעס זאָגן אויפן אויער...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

גיט אים אַ וואָרף

ס׳אי נישט אין די היים, אונטער די מויער...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

צעטו לט

ווילי, וועסט דיך אַזוי פונם לאָזן?

ד ע ר פ ע ט ע ר

ביי מיר שוין ליגן טיף אין דרערד ; מיינט : ס'אי יוראָפּ... אין אַמעריקע האָט מע קנאַפּ מורא פאַר אַ גענעראַל מיט שליפּעס...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

צעטראָגן

מאַרגאַרעט, ווער איז ער ?... און וואו קומט ער צו דיר ?...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

שפּעט נאָך

מאַרגאַרעט ברויך אַ בעט...

ס ' צ ו ו יי ט ע מ יי ד ל

כ'וויס ?... אינאיינעם געפאָרן אויף די שיף... אויסגערעדט אַן איבעריק וואָרט...

ד י מ ו מ ע

איך געוואָרנט : זי זאָל אים נישט נאָנט צולאָזן צו זיך...

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַרבעט אין אים אַריין מיט אַלע כוחות

פּאַרשליס ס'מויל... מאַך אַ קניפּ אין די צונג...

ד ע ר ש יי ג ע ץ

גיט אים אַ וואָרף פון זיך

אַוועק, וואָרן כ'וועל דיר געבן דעם קאָפּ דיינעם אין די האַנט אַריין, אַוועקצוטראָגן...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

צעשראָקן

וואו איז מע דאָ ערגעץ אַריין ?... קוקט זיך אַרום מר. בראָקער !...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

קומט אַריין

האַלו דו יו דו... נישט פריער אָפּגערופן ?... אַריינגעשריבן אַ פּאָסטל קאַרד ?...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

איר קאָנט אויכעט נישט אויסקומען אָן נענגסטערס ?... געמיינט: אַז זיי היטן בלויז אָפּ ס׳לעבן די אַרבעטאָרער ביי מיר אין שאָפּ.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אין אַן אָפּענע טיר פאַלן אַריין פלערליי מענטשן.

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

שוין באַלד מער זיכער אין אַ סאַלון אויף פאָרסייט סטריט, מ׳זאָל אַריינגיין...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וואָס מאַכן עפּעס די גרינע ביי אייך ?

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

די גרינע ביי מיר, האָבן זיך בעסער ווי די געלע אין אַמעריקע...

ד י מ ו מ ע

נאָך אַ שווערן וואָגן איז גוט צופוס צו גיין; אַז מ׳האָט אים פאַראַ שוואָגער...

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אָרנטלעך מלבוש ערומים געווען.. אויסגעקליידט...

ד י מ ו מ ע

ווי חוהלע צום גט.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

זיי געקומען אינשורענצן, געוויס...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

גאָר אַהיימשיקן געלט.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וויל אים באַרויקטן

אין אַמעריקע מוז יעדער טראָגן אינשורענס.. גאָט באַהיט: מ׳גייט אַרויס. — נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש.. נישט בלויז אַ טראָק-דרייווער פאַרלירט היינט דעם קאָנטראָל, נאָר אפילו דזשאָדזש ווייסט

אויף אַ סך מאָל נישט וואו ער פאָרט... עני טינג העפן, גאָד פאַרביט, — איז געסייפט אייער געלט. יעדער, וואָס ברענגט איצט אַריבער אַן אַלטן טאַטן, צי אַן אַלטע מאַמע, — לאָזט ער גלייך שרייבן אַ פּאָליסי... עז פאַר, עז יו קען גאָ... עס באַצאָלט זיך...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

דערווידער

ווילי, ווער זענען היינט די אָרימעלייט אין די היים?

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַלע זענען אָרימעלייט; נישטאָ מער קיין גבירים...

ד י מ ו מ ע

די מלחמה האָט זיי אויסגערוימט ווי די הינט.

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

שלמה צאַפּע פון די הויכע קאַמעניצע, — איז שוין מער קיין גביר נישט?...

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַן אָרימאַן, אַן אביון...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

און שמואל קאָניאַר?

ד ע ר פ ע ט ע ר

שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פאַר הונגער, אַחוץ ביינאַכט.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

וויפיל, זאָל איך שרייבן?

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

וואָס קאָן נאָך זיין ווייניקער ווי הונדערט דאָלאַר?

ד י מ ו מ ע

אוי, אַ בראָך!

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

צו וועמען?

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

צו וועמען ס'זאָל נישט זיין.

ד י מ ו מ ע

כ'האָלטס נישט אויס.

ד ע ר ב ר אָ ו ק ע ר

אויפן רבס נאָמען?

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

אויפן רבס, אויפן גלחס, אַפילו אויפן קוימענקערערס...

ד ע ר פ ע ט ע ר

הייבט די פלייצעס

אַוועקגענומען די האַנט פונם האַרץ, און מיטאַמאָל געוואָרן אַ גוטער...

ד י מ ו מ ע

שטעלט זיך איין

שוואָגערשי, אפשר גוט זיין ווייניקער?... פינף דאָלאַר אויבעט זיין ווי געפונען, און האָבן גענוג מיט וואָס זיך צו פאַרטיילן...

ד ע ר פ ע ט ע ר

צווישן ווייבער זען זיך אויבעט אַ סך ערשט אויף די עלטער אַרום און ווערן גוט און פרום, נעמען גיין אין קלויסטער אַריי,...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

אַזוי לאַנג געהאַלטן צוגעמאַכט דעם בייטל, ביז די גרינע זענען אָנגעקומען, און מיך צוריקגעבראַנגט אין שטעטל אַריין; דערמאָנט אין ביימעלע, היימעלע, הייזעלע בריזעלע... כ'קוק אויף דיר, זע איך דאָס שולכל, דאָס מילכל, דעם גאַנצן הולך דאָרטן... די אימה אויף די קליינע יידעלעך..

ד י מ ו מ ע

פאַר דעם אַליין שוין ווערט געווען, מ'זאָל אונז אַריבערברענגען..

ד ע ר פ ע ט ע ר

אַ ייד, ר'זאָל אַפילו האָבן אַ האַרץ פון שטיין, מוז עס זיך כאָטש איין רגע פאַרן טויט, — נעמען רירן...

דער ברודער

נישט קאָנען אויסהאַלטן... מיך צעלייגן... דער קאָפּ נישט זיין קלאָר... זיך מישן... אַז כ׳וועל נישט אָפּצאָלן דעם שטעטל, וואָס האָט מיך מיט איר באַגליקט... נישט פינף דאָלאַר נאָר הונדערט איז נישט צופיל... טויזנט. אַז ס׳זאָל מיך נישט רייסן ביים האַרץ, — פאַר איר אויך אַוועקגעגעבן... אַזאַ גוטע נשמה?... קושט איר וואָס וועט מיר אויף די עלטערע יאָרן ברויכן פאַרזיסן ס׳לעבן!... אַזאַ ליכטיק וועזן!...

דער שייגעץ

שפּרינגט אויף

אַ טאָ טשע באָלי?

דער ברודער

ווי פריער

כ׳מוז אייך זאָגן, אָפּען־דאַון גערעדט: אַז כ׳וועל גאָר אינגיכן, אויב די ביזנעס וועט מיך נאָר לאָזן...

ס׳צווייטע מיידל

ביזנעס, מאַיאַ...

דער ברודער

שטעלן מיט איר אַ חופּה.

דער שייגעץ

רייסט זיך אָפּ

מיטן מלאך־המות.

דער ברודער

דערשראָקן

וועמען מיינט ער, ווילי?

דער פעטער

נישט דיך, ישראל־הירש.

ס׳צווייטע מיידל

אָנקל, מ׳וועט פאָרן אַהיים.

ד ע ר פ ע ט ע ר

אין אַנדערש מאָל שיקן זאָס געלט.

ד י מ ו מ ע

אַהיים!

ד ע ר ש יי ג ע ץ

גיט איר אַ ריס

אין דרערד וועט זיין איר היים.

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

אויפגעכאַפּט

אין אַמעריקע, באַ'לע, גייט מע פּאַר אַזעלכע זאַכן אין דושייל אַריין...

ד י מ ו מ ע

ווילי, סאַר טאַטע ביסטו, — אַז דו לאָזט עס אַזוי צו?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

זינט ווען איז ער איר טאַטע?

ד י מ ו מ ע

זינט איך בין אַ מאַמע.

ד ע ר ש יי ג ע ץ

נאָך אַזאַ גוטן קאָפּ צו געדענקען: אויב נישט פון פריער, צי דערנאָך?

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

צעצומלט

העט? וואָס גייט דאָ אויף?

ד ע ר ש יי ג ע ץ

מיך פרעגט.

ד י מ ו מ ע

קיינעם נישט צו פרעגן, נאָר ביי אים, - דעם גענעראַל אין די פּאַלערינע...

דער ברודער

עפּעס געפעלט מיר נישט די גאַנצע מעשה..

דער שייגעץ

גייט איך שוין אין גאַז אַריין?

ס'צווייטע מיידל

(נעמט וויינען)

וואָס איז מע דאָ אַהערגעקומען?

די מומע

אַ ריין משלחת געווען.

דער שייגעץ

אַזוי זיך צו קאָנען אויסשטעכן די אויגן מיט יענעמען?

דער ברודער

דו גייסט שוין היינט ביי מיר נישט אַוועק, באַ'לע; מ'ברויך דעם בחור נעמען אויפן צימבל...

די מומע

(פאַרבראָכן די הענט)

די מאַמע אין קבר זיך לויף מיצן.

דער שייגעץ

איך אַרומגעזוכט וואו אַמעריקע האָט אַן עק.. אויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן...

די מומע

(ווי פריער)

נישט געוואָרט פאַרשעמען נאָכן טויט... און געלאָזט שטעלן אַזאַ טייערע מצבה.. שטופּט דעם פעטער וועלוול, ש'אָף נישט...

דער פעטער

(נעמט זיך אָן מיט כּוח)

און אַז ער זאָל אויף איר אַפילו אויסרעדן כּל-בו, — אים גלייבן?...

דער ברודער

זאָג מיר נאָר, באַ'לע, — קענסט איר בלויז פון די שיף ?

דער שײַגעץ

נאָך איידער די שיף איז מיט אײַער אויפן ים אַרויף, — געקענט ווי אַ בייזן שי׳גער..

דער ברודער

און ער איז איר טאַטע ?

דער שײַגעץ

אַזוי ווי איך בין אײַער זון

דער פעטער, די מומע

שטײַף

קאָנסט אונז דאָס זאָגן אין די אויגן אַרײַן ?

דער שײַגעץ

צעטומלט

ווי ? ?

דער ברודער

פון וואַנעט קענסטו איר ? בלויז פון די שיף ?

דער שײַגעץ

צוגעדריקט

שור, פון די שיף.

די מומע

אַ שיפסברודער.

דער ברודער

און נישט פון די היים אויס ?

דער פעטער

פאַרכאַפּט

און אַז פון די היים אויס ?

ד י   מ ו מ ע

איז זי שוין מיט אַ פלעק ?

ד ע ר   פ ע ט ע ר

קלאַפּט זיך גין האַרץ אַריין.

ישׂראל-הירש, זי איז מיין בלוט און פלייש !.. ס׳זאָל דיר דאָס גאָרנישט קומען אויף די געדאַנקען...

ד י   מ ו מ ע

אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, ווי ריין פון אים...

ד ע ר   ש ײ ג ע ץ

נישט די ערשטע ליגן אירע.

ד י   מ ו מ ע

כאַפּט זיך צו אים

כ׳מאַך דיר דאָ באַלד נ׳טויט אויפן אָרט...

ד ע ר   ב ר ו ד ע ר

כ׳גלייב אים טאַקע נישט, נאָר... ס׳איז דאָך יוראַפּ ! די היינטיקע גרינע, וואָס קומען אַריבער, זענען קליגער פאַר די געלע ..

ד ע ר   פ ע ט ע ר

ווי כ׳זע : טענהסטו חרטה אויפן שידוך ?... אָלרייט !... כ׳האַלט דיך נישט פאַר די טשופּרינע... ביסט טאַקע אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אָבער אויכעט נישט אָרים אין יאָרן... דאָס קאָנסטו איר נאָר, ברודער-לעב, צופּנאָרן, — נישט מיך ; כ׳האָב דיר צוקאָפּנס פון בעט נישט געקאָנט שטיין, און ווייס גענוי די שעה, די רגע, און אפילו די מינוט, — ווען דו ביסט פון דאָרט אַרויסגעקראָכן . און זי איז יונג.. בלוט און מילך... זיך נאָר וועלן איבערגעבן צו אַזאַ אַלטן תרח, און אים אויסשטיין, — אים לאַנג אין אַמעריקע נישט ברויכן זוכן...

ד י   מ ו מ ע

ענף טיים.

ד ע ר   ב ר ו ד ע ר

מר. בראָוקער, כ׳וויל מיט אייך עפּעס רעדן, זייט אונטער די אויגן.

ד ע ר פ ע ט ע ר

וואס עפעס אונטער די אויגן? ער קאָן אַזוי פיל וויסן דאָ ווי אינעווייניק צו זאָגן...

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

נעמט ווייבען

ביי פרעמדע זיך אויף מיר גיין נ׳ כפרעגען?... און אַליין נישט באַגלייבט?...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

מאַרגאַרעט, ס׳וועט נאָך אַלץ צוריק אַרויף אויף די טרעקס. אָפּ מיט אים.

ד י מ ו מ ע

נעמט גלייך אַריינהאַקן אין דעם שייגעץ

געמוזט אויסשיסן, דער טריפהנער ביין.

ד ע ר פ ע ט ע ר

אים אַצינד דאָרט אויפמאַכן דעם קאָפּ, און אַרויס אַן אָפּגעקאָכטער...

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

פאַרדראָסן: כ׳האָבן אַוועקגעשטעלט, — ביז כ׳וועל נ׳אַלטן דעם קאָפּ פאַרבינדן.

ד ע ר ש י י ג ע ץ

נישט געקאָנט פאַרטראָגן: דו האָסט דיך איבערגענומען...

ס׳ צ ו ו י י ט ע מ י י ד ל

דיך אפשר געזאָלט לאָזן רייטן אויף מיר, פאַר אים אין די אויגן?

ד ע ר ש י י ג ע ץ

כ׳וויל נישט, זאָלסט מיטן חתונה האָבן.

ד י מ ו מ ע

באַשטייט ער נישט: יענער וועט זיך ביי איר ס׳האַרץ אונטערלעגן...

ד ע ר פ ע ט ע ר

אפשר ווילסטו חתונה האָבן מיט איר?

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

ווײ באַט ?

ד י מ ו מ ע

באַצאָל וואָס זי האָט אָפּגעקאָסט ; פֿאַר דײַן געלט איז זי געקומען ?

ד ע ר פ ע ט ע ר

גײ זײ דיך פֿריִער מגײַר, און ווער אַ ייד ; ביסט דאָך, געהרגעט זאָלסטו ווערן, — אַ גוי ; זאָל זי גײן מיט דיר אין טשווירטש אַרײַן, צום גלח ?

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

דלאַ טשעגאָ ניע ?

ד ע ר פ ע ט ע ר

איר אָפּגעבן צו די שמד ?

ד י מ ו מ ע

וואו האָסטו דאָ געזען אַ גלח אין אַמעריקע ?

ד ע ר פ ע ט ע ר

און אַ טמאה ? כ׳בין שוין אויסגעגאַנגען און אויסגעפּאָרן אוודאי צען טויזנט גאַסן, און נאָך אויף קיין איין שפּיץ פֿון אַ הויז, — קיין צלם נישט געזען ; מיט ליכט ברויך מע דאָך דאָ זוכן אַ צלם...

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

צולאָזן : איר זאָלט זיך פֿרעגלען אין האַניק גײן אָנגעטון ווי די כראַ-ביעס, און איך, פֿלאָקן, שטײן אויף די היצן אָנגעטון אין אַ פּעלץ, פֿאַר אַ רעסטאָראַנט, — כ׳זאָל האָבן אָפּצועסן אַ טעלער אָפּגעברענטע זופּ ?...

ד י מ ו מ ע

שטופּט אים געלט אין האַנט אַרײַן

ניט געקאָנט פֿריִער דאָס זאָגן ? און ווײל מ׳האָט דיר נישט אַרײַנגע-מאַכט אין די האַנט, — געמוזט אַרײַנפֿירן אין אַן אומגליק ?...

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

אין אַמעריקע, אַז מ׳כאַפּט נישט אָן ביים גאָרגל, — הײבט זיך גאָרנישט

אָז; אַזוי פיל וואָכן ווי כ׳קייע די ערד, און איר האָט זיך אַ סך אומגע־
קוקט אויף מיר ?

דער פעטער

וואָרן, כ׳ווייס: וואו דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן ?.. מיך אַליין נאָך מורא
אַ עקצורין אויף אַ טריט פונם הויז, — כ׳זאָל נישט ערגעץ אויסרינעצן...

דער ברודער

קוקט צוריק, נעמט זיך צום צווייטן מיידל

זאָג מיר, מאַרגאַרעט: איז מיין ברודער ווירקלעך דיין טאַטע ?...

ס׳צווייטע מיידל

לאָזט אַראָפּ די אויגן

איך ווייס ?

די מומע

ביי איר גייט ער דאָס פרעגן ?

ס׳צווייטע מיידל

דער טאַטע ברויך גיכער וויסן.

די מומע

און ער קאָן יאָ זיין באַגלייבט ?

דער פעטער

ביטער

געוויס, די מאַמע.

דער שייגעץ

שטיל

אַזוי צו קאָנען לייקענען שטיין און ביין ?

דער ברודער

נאָכאַמאָל

קאָנסט מיר אויפווייזן: ער איז דיין טאַטע ?

די מומע

אַ בראָך איז מיר!

דער פעטער

וואָס האָט ער זיך עפּעס מיט דעם צוגעקלעפּט צו איר?

די מומע

מיך חושד זיין אין אַזאַ זאַך?

דער פעטער

פּלאַצט אַרויס

שעם דיך, ברודער; פּרעגסט ביי אַ קינד, וואָס שעמט זיך צו קוקן אַ פרעמדן מאַנספּערשוין אין די אויגן, — אויפן טאַטן?... און דו קאָנסט שווערן פאַר דיין טאַטן?.. איך האָב די מאַמע לענגער פאַר דיר געקענט...

ס'צווייטע מיידל

וויינט

כ'ווייס נישט: וואָס מיר קומט אַזוי פיל אויס אויסצושטיין.

די מומע

אַ נאַר וואַרפט אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען אים קיין צען קלוגע נישט אַרויסנעמען...

דער פעטער

בייז

קאָמאַן! ער איז טאַקע מיין ברודער, — מיט משפּחה איז גוט צו גיין אין שול אַריין...

ס'צווייטע מיידל

כליפּעט

כ'וועל נישט גיין אין ערגעץ אָן אים...

די מומע

ס'איז מיר נאָר אַ שאָד ס'קינד, וועלוול, הערסט?... ווי אַזוי צוגעלאָזט געוואָרן צו אים, אַז כ'האָב מורא, — ס'זאָל איר נישט פאַרשאַטן, און דאָס אויסקרענקען...

דער פעטער

זיך צולאָזן צו אַן אַנדערן... ס'פעלט אויס די סחורה אין אַמעריקע?.. אַזאַ אַלטן און שווערן פּאַטראַנער, מיט זײַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ האָר, אַרײַנגעמישטע צײַן, און אַ בויך ביז צו די נאָז... ער וועט דיך נאָך קימען זוכן נאָך די האַלבע נאַכט..

אין די אַנדערע שטוב, וואו ס'זענען פון פריער נאָך געווען: דער יונג, כ'ערשטע מיידל, דער פּאַטער, דער לערנער, — ברעכט מיטאַמאָל אויס אַ געשלעג, און אַלע פּאַלן אַהער אַרײַן אויף די קופּע, מיט אַזאַ קנאַק, — ווי זיי וואָלטן אויסגעבראָכן די טיר.

די מומע

צעטומלט

וועלוול, דו זעסט?

דער פעטער

ווי האָבן זיי דאָ עפּעס אַרויפגעטראָפן אַהער?

די מומע

גיי, וויס: אַז זיי דרייען זיך דאָרט אינעווייניק די קעפּ אַראָפּ.

דער פעטער

נאָך אַביסל דאָ שטיין, — באַלד נעמען קריכן מענטשן פון די ווענט..

דער יונג

דערפרייט

די גאַנצע קאַפּעליע צוריק אינאײנעם.

דער שייגעץ

יאַק שע מאַש, בראַכו? ווי קומסטו אַהער?

דער יונג

דאָ געקעטשט די כלה מײַנע מיטן שמיגעגע געהרגעט זאָל זי ווערן.

דער שייגעץ

און איך, ווידער: מײַן כלה מיטן אַלטן כלב, — אַ בראָך זאָל איר טרעפן.

די מומע

אראָפּגעקלאַפּט

טאָמער האָט ער נאָך געהאַט עפּעס אַ שטיקל קלער, — דאָס שוין צום איבעריקן באַגראָבן...

דער ברודער

צעטומלט

וואו בין איך דאָ ערגעץ אַריינגעפאַלן?...

דער שייגעץ

צו מיין כלה אין די הענט.

דער ברודער

זיין כלה איז זי?

דער פעטער

אַראָפּגעפאַלן

ווען אפילו שוין געהאַט אַ חתן, — קומט איר דערפאַר ס'לעבן צו פאַר־שטערן?.. וועלכעס מיידל האָט דאָס נישט היינט עטלעכע חתנים, ביז צו די חתונה?.. אַבי נאָר נישט עטלעכע מענער...

דער ברודער

ווער ווייסט: אויב נישט?

דער שייגעץ, דער יונג

לאַכט

ער האָט אָבער געטראָפן...

דער פעטער

אויב אַזוי, קאָנסטו אפילו זאָגן: ס'הענגט איר נאָך אַ לונג־און־לעבער ביי די נאָז...

די מומע

שעלט

ווי דערלעב איך שוין, ס'זאָל אויף זיי אַלע וואַקסן גראָז...

ס'ערשטע מיידל

זעסט, יאַנקל, דער שייגעץ לאָזט איר חתונה האָבן מיטן אַלטן הונט, און דו האָסט נ'טויט פאַר מיר...

דער יונג

יענער ליגט אויף אַ זאַק גאָלד; און כאָטש דערנאָך עפּעס האָבן, אַז זי וועט אים אָפּשיקן אויף יענע וועלט; אָבער דו, וואָס קאָנסטו האָבן פון אים?

דער פעטער

שעלט

זאָלסט ווערן שטום, לאָם און קרום..

דער ברודער

אויסער זיך

די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויער... די נעגל אונטער די פינגער שטעכן. ווער ווייסט: ווי כ'וואָלט ביי זיי אָפּגעשניטן...

דער יונג

שוין גאָר אַרויס אָפּגעבּרענט.

דער פעטער

שעלט

איי, זאָל ער ווערן פאַרטרענט...

דער ברודער

ווי פריער

אַ רעגעלע געננ...

דער פעטער

שעלט

ס'זאָל זיי אָנכאַפּן אַ בייזע קרענק...

ס'ערשטע מיידל

אַ טאָכטער פון די העלע הויט.

ד ע ר ש ײ ג ע ץ

אָן בויכװײטיק.

ד י מ ו מ ע

נעמט שלאָגן

די קעפּ װעל איך זײ צעפּלעטן... די אויגן אויסדראַפּען. . װאָס זענען זײ װידער אַרויסגעפּאָרן ?...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

גוד-בײ, ברודער-לעב ; מער זאָלסטו דיך פאַר מיר אין די אויגן נישט װײזן ; אַזוי לאַנג געקאָנט באַגײן, כ'זאָל דיך נישט זען, — װײטער מוזן קאָנען באַגײן...

ד י מ ו מ ע

הערסט, װעלװל... כ'זאָל נאָר קאָנען אַהײם, און פאַר מײן עולה, — אויסלאָזן צו די מוטערס מצבה זײנע.. אויף שטיקלעך װאָלט איך זי צעבראָכן...

ד ע ר ב ר ו ד ע ר

פון די שװעל אַרויס

שאַנדערע, באַנדערע, — אַ כפּרה אײנס פאַר ס'אַנדערע. פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

שטיל.

ד י מ ו מ ע

פאַרבראָכן די הענט

נו ?... אַצינד, װעלװל, פרעג איך דיך : װאָס פאַר אַ שלעכטס האָסטו זײ געטון, — פאַר דעם פלאַסטער, װאָס זײ האָבן דיר צוגעלײגט ?...

ד ע ר פ ע ט ע ר

זיך נישט געקאָנט אײנס ס'אַנדערע פאַרגינען, — מיר אויכעט נישט געלאָזט באַקומען...

ד י מ ו מ ע

און דערמיט דיר אָפּגעדאַנקט, װאָס דו האָסט זײ געברענגט קײן אַמעריקע.

ס׳ערשטע מיידל
פארביטן

איר צולאָזן דעם אַלטן הונט, און יאַנקל מיר די זייטן אונטערהאַקן ביי דעם שמיגעגע?

דער יונג
גיט א כאַפּ דעם לערנער און ווארפט אים ארויס

דער שייגעץ איז שוין דעם אַלטן תּרחס פּטור געוואָרן, — און ער ליגט נאָך אַלץ איבער מיר...

דער לערנער
פון יענע זייט טיר

ברוך הוה וברוך שמו.

דער פאָטער
אָפּ נאָך אים

אמן!

די מומע
גייט אדורך הין־און צוריק, זעצט זיך אויף א בענקל, פארלייגט א פוס אויף
א פוס, — מיט א פינגער ביים מויל

נו?... וואָס קלערסטו אַצינד צו טון, וועלוול?...

דער פעטער
האלט דעם קאָפּ אָריינגעגומען אין ביידע הענט

זיי נייטיק באַדאַרפט האָבן, ווי א לאָך אין קאָפּ...

די מומע

ס׳לעצטע העמד פון לייב אַראָפּגענומען און באַוואָרנט צו קאָנען מאַכן מיט זיי א לעבן אין אַמעריקע; לאָמיך זען, — זיי זאָגן דיר אַצינד קאָבען אַריינברענגען כאָטש איין סענט?...

דער פעטער

גיי, ווייס: אַז א נקבה איז דאָ א בבל; אין די היים אַז דאָס אייגעגע ווייב איז אַ ווייב, — מוז מע ערגעץ אַמאָל האָבן וואו צו גיין;

וואָס ברויך מע זיי דאָ צו האָבן, — אַז צו וועלכע מ׳גייט צו, איז זי גרייט: פּאָר אַ שטיקל קענדי, אַ פּאָר זאָקן, — צו גיין אַפילו אין דרערד אַריין...

די מומע

אַפילו אַנטון טאָרבעס און גיין איבער די הייזער, טאָר מ׳ דאָך דאָ אויכעט נישט; נאָר מיט אַ שפּילעכל אין האַנט, — מ׳זאָל יעם אָפּשפּילן פאַר די פענצטער...

דער שייגעץ

אַזוי לאַנג געשטאַנען מיטן גלט, נישט געקאָנט זען זיך צו העלפן?

ס׳צווייטע מיידל

גאָר קיינמאָל ביי אים קיין באָר געלט נישט געזען; עפּעס באַדאַרפט האָבן, — אויסגעשטיבן אַ שטיקל פּאַפּיר פון ביכל; כ׳וואָלט אים שוין אָוועקגעגנבעט אַ פּאָר אַזעלכע ביכלעך, — זיי געקאָנט יוזן צו עפּעס?...

די מומע

ווער זאָל זיך ריכטן: ר׳וועט אַזאַ גיכן סוף יינעמען?

דער יונג

אין אַמעריקע איז היום, — היינט, ווייל מ׳ווייסט נישט, וועמענס מאָרגן ס׳איז...

די מומע

מענטשן מיט קעפּ, מיט הענט, פיס, מיט אַלעם, וואָס מ׳באַדאַרף — און זיך נישט באַלד אויסטויגן אַ טאָלער צו פאַרדינען?.. איז: נישט באָדן זיך אין געלט, גיין באַהאַנגען מיט שנירלעך פּערל סיגנעטן אויף די פינגער, נאָר, — פּאַפּע בלויז צו לייגן אין מויל אַריין...

דער שייגעץ

נו, קליינע, וואָס זאָגסטו?

ס׳צווייטע מיידל

ליבע, וואָס שלאָפסטו?

ס ערשטע מיידל

יאַנקל, וואו ביסטו?

די מומע

געוואַלט, דער קאָפּ ווערט מיר צעבראָכן אויף שטיקער... כ׳ווייס נישט: צוואָס פריער מ׳נעמט זיך?... ס׳זעט זיך מיר נישט אַנדערש אויס: ווי מ׳וואָלט ערשט נעכטן פון די שיף אַראָפּ, און באַלד נישט וואו ב׳קאָפּ אָנצושפּאַרן...

דער שײגעץ

ס׳אַמעריקע.

ס׳צווייטע מײדל

ס׳אַמעריקע.

דער יונג

ס׳אַמעריקע

ס׳ערשטע מײדל

ס׳אַמעריקע.

ווייט אין דרויסן הערט זיך דאָס פּויקן אויף פּייקלעך, און זינגען פון סקאַוטן.

דער פעטער

כאַפּט זיך אויף

אין דרערד אַריין, אַרבעטן גייט; אין אַמעריקע, אַז מ׳וויל אַרבעטן, — קאָן מע פּאַר קיין הונגער נישט שטאַרבן...

דער יונג, דער שײגעץ

מיט אַ געלעכטער

דאָ אָנהייבן לעבן פונם אָרנטלעכן טאָלער?

דער פעטער

כמעט אַלע, וואָס זענען אַהערגעקומען, האָבן געקאָנט באַשטיין דאַרויף, און אייך שטייט נישט אָן?... איר מוזט אייך האַלטן אָן אַלטן?...

די מומע

דו וועסט דיר אויכעט, אויף דיינע אַלטע יאָרן, איינרעדן: צו גיין אַרבעטן?...

דער פעטער

וועל איך אָנהאַלטן אַ גראָסערי, אַ קענדי סטאָר, אָדער גאָר ווערן אַ בוטשער, אויפמאַכן אַ בוטשער־שאָפּ...

די מומע

עמעץ וועלן אַריינשמעקן צו דיר ?

דער פעטער

אַלמאַי : צינע מאַפּס, וואָס איז מיט פערציק יאָר צוריק אַנטלאָפן קיין אַמע־ריקע, ווייל ער איז געווען אַ פּאָביטניק, אַ קאַטאָרזשאַן, — מעג זיין אַ בו־טשער אין בראָנזוויל ?... איך האָב אין די היים קיינעם נישט געהרגעט, און נישט באַדאַרפט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, — וועל דאָס נישט טאָרן ?... אים קומט אַמעריקע בירושה, ווייל ער האָט שיין געדרשנט אויפן יאַטקע־קלאָץ, און מיר נישט ?...

די מומע

דיך אַוועקשטעלן אויסטענהן מיט גאָט...

דער פעטער

כ'קאָן מיך צו יעדע צייט פאַרהערן אין יחוס מיט די אַלע יידן דאָ, וואָס דו זעסט זיי ; זיי זענען געקומען כשר קיין אַמעריקע, — און טריפה אַוועק ; איך בין טריפה געקומען, און פאַרדאָס כשר פון די היים אַוועק...

דער שייגעץ

פרום געוואָרן אויף די עלטער, דער פעטער.

דער יונג

נאָך ווערן אַ גבאי אין אַ שול דאָ.

ס'ערשטע מיידל

אַ רעווערענד.

די מומע

גיין פריידיקן.

דער פעטער

אַמעריקע האָט שוין אַזאַ כּוח: אַז מ׳מוז זיך שמדן אויף די אָרנטלעכע נאמנה... זעסט דאָך: אַז די אַלע, וואָס זענען דאָרט געווען גנבים, גזלנים מעסער־שטעכער, גאָרגל־רייסער, בייטל־שניידער, האָט אַמעריקע פון זיי דאָ געמאַכט שומייקערס, וואַטש־מייקערס, קלאָוק־מייקערס, דרעסמייקערס, און וואָס נאָך אַלץ פאַר אַ מייקערס?...

אין דרויסן הייבן אָן אָנקומען

די סקאַוטן

וועלכע טראָגן אַמעריקאַנער פענדלעך, און זינגען

מאי קאַנטרי! מיס אָף טהי,
סוויט לענד אָף ליבערטי,
אָף טהי איי סינג.

דער פעטער

ציגנד זיך אָן

איז נישט מיין נאָמען וועלוול חכם, אויב כ׳וועל דאָ גיין גנבענען, שמעצן שלעכטס טון... כ׳וויל לעבן, און זען: ווער ס׳וועט מיך נישט לאָזן...

גיט אַ נעם די מומע אונטערן אָרעם אונזער אַמעריקע!... אָפּ מיט איר.

דער שייגעץ

גיט אַ נעם כ׳צווייטע מיידל

ווער ס׳גייט אין די הייכ צופּוס, פאָרט דאָ אין קאַרעטעס אָפּ מיט איר.

דער יונג

גיט אַ נעם ס׳ערשטע מיידל

אַ פאַרקערטע וועלט אַמעריקע אָפּ מיט איר.

דער בראָוקער

וועלכער איז פון פריער נאָ־ געהאַט אַריינגעקומען, פאַרויכערט געלאַסן

הום... ס׳קאָן זיין: אַמעריקע זאָל נאָך פון זיי אַ סך נחת האָבן... טעלעפאָן העלאָ!... ווער?... עליס־איילאַנד?... יעס.. וואָס זאָגט איר?... מ׳האָט דאָס ווייבל אַראָפּגעלאָזט אין לאַנד אַריין?... ווען איז דאָס געווען?... מיט אַ האַלבע שעה צוריק?... דעם גאַד!..

דער מאַן

רייסט זיך אַריין מיטן ווײַבל

אַזוי ווי כ׳בין אַהיימגעקומען, נאָך רעכט נישט באַוויזן צוצומאַכן די טיר, — זי מיר אַרייַנגעבערענגט; מיט אַ מענטש אין שטוב אַריין, — אַהיימגעשיקט...

פאָרהאַנג

קוירערוועלט

איינאקטער

— ווילי און מאַלי בראַווער

— פאַר אַלעמאָל

עס שפּילן:

רחמיאל

אַ ייד אַ משוגענער, אַ פּלוט, אַ דרייער, וואָס דרייט אַ ספּאָדעק אַ גאַנץ יאָר, און האָט פון דעם אַ קאָפּ מיט גרויע האָר.

שרה-גיטל

זיין ווייב, אַן אשה-צנועה וכשרה, אַן אמתע אשת-חייל, וואָס קריגט קיינמאָל נישט אויפן מאַן, נאָר שטעלט זיך פּאָפּעריק ביי יעדן וואָרט, און איז תּמיד מוכן-ומזומן צו נעמען גט.

ביילקע

זייער טעכטערל, מיט אַ פּאַריסן נעזל, — קוק-מיך-אָן און ריר מיך נישט אָן.

וועלוול

אַ בנאָק; אַ גאון-עולם, — האָט זיך געוויזן יונגער-הייט אַן עילוי, אַ געלערנטעניש אין זיידן — אַ רב, און זיך איבערגעדרייט אויף דער גוטער לעצט, — מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס קאַפּויר.

שלומיאל

אַ ייד אַ כּל-בו, אַ שדכן, אַ מלמד, אַ שטיק כּלי-קודש, וואָס מ'וויל נאָר הערן און געדענקען; וואו אַ לאָך, קאָן מען מיט אים פאַרשטופן, שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פאַר הונגער, און האָט אַ טבע צו זופן טיי דורכן אַרבל פון העמד.

ביי רחמיאלן אין שטוב.

ר ח מ י א ל

איבער א גאַרץ פּאַפּירן, טרינקט טיי און רעכנט

פֿינף הונדערט זאַק מעל, געזאָלט זיין; אויף איטלעכן וואָגן באַזונדער צו עלף, און צוועלף, און דרייצן... היינט, וויפֿיל האָבן מיר איינאיינעם?

ב יי ל ק ע

קומט אַריין, ס'היטעלע אין האַנט, מאַכט זיך גלייך די פּאותלעך, און זינגט אונטער

כ'האָב געליבט אַ יינגעלע,
איז ער געווען פֿון ווין;
אַהיימגעפֿאַרן צו זיינע עלטערן, —
זען וואָס זיי טוען...

ר ח מ י א ל

מיט אַ מרוק

ט'זיך צעזונגען.

ב יי ל ק ע

קרום

אַ?

ר ח מ י א ל

מיר אויפֿהערן בלעקיצן אין שטוב!

ב יי ל ק ע

הייבט־אָן איבערסנייי

געפֿאָרן בין איך אים באַגלייטן,
מיט אַ גרויס געוויין;
מיין שווער ביטער האַרץ האָט מיר געזאָגט:
כ'וועל אים נישט זען מיין...

ר ח מ י א ל

גיט אַ זעץ אין טיש אַריין

מיר אויפֿהערן בלעקיצן אין שטוב!

ב ײ ל ק ע
מאַכט אַ מינעלע

אויף וואָס מ׳זאָגט היינט נערוועז, — איז פאַר צייטנס געווען משוגע. אָפּ.

ר ח מ י א ל
רעכנט

און אויף דעם האָב איך אים געגעבן: איינמאָל, — דריי מאות; נאָך אַמאָל, — אַ מאה; און נאָכאַמאָל, — אַ פופציקער; היינט, וויפיל האָבן מיר?...

װ ע ל װ ל
קומט פון די צוייטע שטוב, פראַנטיש אָנגעטון, — שטייט־צו־

טאַטע, כ׳ברויך געלט.

ר ח מ י א ל
הערט נישט.

װ ע ל װ ל
העכער

טאַטע, כ׳ברויך האָבן געלט.

ר ח מ י א ל

כ׳ברויך אויכעט.

װ ע ל װ ל

איך בין חשובער.

ר ח מ י א ל

אוודאי.

װ ע ל װ ל

צו?

ר ח מ י א ל

גיי צו די מאַמע.

ו ע ל ו ל

גייט גלייך אין די זווייטע שטוב, און קומט צוריק מיט א טראָמבע

די מאַמע הייסט מיך גיין צום טאַטן, — זי האָט גישט

ר ח מ י א ל

און דער טאַטע הייסט דיך גיין צו אַלדי גוטע יאָר, ר'זאָל דיך נישט ברויכן אָנקוקן..

ו ע ל ו ל

ס'גייט זיך די גרינע גאַל אָן, ביז מ'קריגט אַרויס א לעבעדיקן גראָשן.

ר ח מ י א ל

אַצינד פון מיר קיין טויטן גראָשן אויכעט נישט קריגן.

ו ע ל ו ל

אויב אַזוי, שטיי איך דאָך שיין.

ר ח מ י א ל

וועדט ערשט געוואויר.

ו ע ל ו ל

בנאמנות, כ'גיי אַוועק, — קוקסטו מיך נישט מער אָן ווי לאַנג דו וועסט לעבן.

ר ח מ י א ל

מילא, שבעה וועל איך מיך נאָך דיר נישט זעצן.

ו ע ל ו ל

געקרענקט

טאַטע, יעדע מינוט, וואָס דו האַלסט מיך אויף, — טוסטו אַן עבירה אין מיר...

ר ח מ י א ל

מ'וואַרט דאָרט אויף דיר?

ו ע ל ו ל

מ'בוויך זיך פאַרזען צו דיר מיט א גוטן וושעקזציר.

ר ח מ י א ל

דו זיי בעסער צופרידן: וואָס איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועסטו מיך מער האָבן צו ירשנען...

וו ע ל וו ל

און דערווייל זיצן פּערלייגט די הענט ווי אַן אַלטע באָבע, און לייגן די ציין אין בייטל אַריין?...

ר ח מ י א ל

וואָס, דו באַקומסט נישט אין דערינען צו עס? די מאַמע טוט דיר אַן עוולה?

וו ע ל וו ל

אוודאי... אויב עסן הייסט ביי דיר: וואָס מ'לייגט אין מויל אַריין, פאַרשטייט זיך... וואו איז אַן אַנצוג?... אַ פּאָר הויזן?... שיך?... כ'וויס: אַ קאָלנער? אַ נאַזטיכל?

ר ח מ י א ל

נאָכדעם קאָנסטו שוין אַלע גיין צו די מאַמע; איך וועל דערויף נישט געבן.

וו ע ל וו ל

ווי פֿריער

און אַז ס'קומט אויס: פֿאַרנאַכט, מיט אַ מיידל אין גאָרטן.

ר ח מ י א ל

זאָל מיך קאָסטן געלט?

וו ע ל וו ל

מיך וועט קאָסטן, נאָר דער טאַטע מיר דאַרויף געבן.

ר ח מ י א ל

מיט מיידן זיך אַרומצופּירן...

וו ע ל וו ל

זיצן און לערנען אוודאי...

ר ח מ י א ל

פאַרוואָס נישט?

וו ע ל וו ל

אויף וואָס דער טאַטע וואָלט אַלץ באַשטאַנען? כ׳זאָל ווערן אַ רבֿ, כע־כע...

ר ח מ י א ל

ס׳קומט דיר נישט? ווייסט: פון וואַנעט דו קומסט אַרויס?

וו ע ל וו ל

מיטן יחוס זיך דע־נאָך צואַרעכענען; גלייכער: אים לאָזן אויסרוען די ביינער אויפן קבֿרות, — אַ שוכן עפֿר...

ר ח מ י א ל

אוי, ווי האָלט איך שוין מיט דיר, טאַטע, דאָרטן, — אויך ט׳ געקאָנט האָבן אַ חיי־שעה אויף די וועלט, אויב כ׳בין עס נאָך ווערט...

וו ע ל וו ל

אַזוי? און צוואָס ווי־ער האָסטו מיך אויפגעכאָוועט? נישט: איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, זיך האָבן פאַרזען מיט אַ קדיש!

ר ח מ י א ל

און דו וועסט נאָך מיר קדיש זאָגן?

וו ע ל וו ל

געבן געלט, וועל איך זאָגן.

ר ח מ י א ל

וויפיל, אַ שטייגער, זאָל איך דיר געבן?

וו ע ל וו ל

כאָטש אַ קערבל פאַר איטלעכן מאָל.

ר ח מ י א ל

באַרעכן אינאיינעם, וויפל ס׳מאַכט אויס?

וועלוול

דו האסט אַ בעסערן קאָפּ, און כ׳קאָן מיך מיט דעם פּאַרלאָזן אויף דיר.

רחמיאל

צוועלף חדשים, צוויי און פופציק וואָכן, דריי הונדערט און עטלעכע זיבעציק טעג; יעדן טאָג אינדערפרי און אויף דער נאַכט; צוויי קדשים מינדעסטנס יעדעס מאָל, — גאַנצע טויזנטער!

וועלוול

נישט קיין סך.

רחמיאל

ש. קלט זיך אָפּ

די קעלט קאָן איך דיר געבן, נישט קיין געלט.

וועלוול

כ׳האָב דיך מער אין די האַנט.

רחמיאל

דאָס קריגן ביי עמעצן אַנדערש ביליקער.

וועלוול

אָפּ אין די אַנדערע שטוב

מיר שוין נישט גוט דערפאַר.

שרה-גיטל

פון די אַנדערע שטוב, לאָזט זיך הערן

מיין בייזער חלום, בייז באַגעגעניש, וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, — זאָל מיר אויסגיין צו זיין קאָפּ, זיינע הענט און פיס, און זיין לייב און לעבן...

רחמיאל

גיט איר אַזוי אייגן אָפּ

מיין בייזער חלום, בייז באַגעגעניש, וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די

נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, — מיר אויסגיין צו איר קאָפּ, אירע הענט און פיס, און איר לייב און לעבן...

ש ר ה ־ ג י ט ל

אַ משוגעת, רחמנה־לצלן, אינם אַריין.

ר ח מ י א ל

און ווער הייסט דיך אים אַריינשיקן צו אַ משוגענעם טאַט, ווער?

ש ר ה ־ ג י ט ל

אַ דאָנערשטיק אויף די נאַכט: אַ טייג אויף שבת אָנצווייערן, די יינעצע פון טשאָלענט אויסצורייבן, — נעמסטו און פאַרדרייסט מיר אַ קאָפּ מיט אים?...

ר ח מ י א ל

און אַז איך ליג דאָ און האָרעווע, דער שווייס גיסט זיך אַראָפּ טייכנווייז, מ'קאָן ביי מיר אויסדרעענען ס'העמד אויפן לייב, — נעמסט און פאַרדרייסט מיר אַ קאָפּ מיט אים?...

ש ר ה ־ ג י ט ל

זע נאָר, ווי ער מאַכט מיך דאָ רייך?... וואַרט, אַז איך וועל דיר נישט אָנגרייטן אין דרינען דעם טאָפּ, — טאַטע זען, פון וואַנעט דו וועסט האָבן צו מאַכן מיין מויל...

ר ח מ י א ל

מאַכן זאָלן שוין, רבונו של עולם, אַלע שונאים מיט די זייטן; נאָר אַז איך וועל נישט האָרעווען דאָ, און זען צו פאַרדינען אַ גראָשן, — טאַקע זען ס'זאַר שיין פנים די טעפּ דיינע וועלן ביי דיר זאָבן...

ש ר ה ־ ג י ט ל

פּש־ש־ש.. מיין ווייכמאַכער!... דאַכט זיך: מיד אויף דעם געזונטען, זאָלסט מיר געבן צו עסן?.. וואָס, בין איך אפשר מחויב דיך מפרנס צו זיין?..

ר ח מ י א ל

אפשר קרום געווען? אלה מה: שרהלע מיוחסת, זיצט נישט און היט אָפּ

אַ געוועלב, הרגעט זיך אויס מיט וויפיל דערפער פויערן, און דער מאַן זיצט אַ גאַנצן טאָג, קוועטשט אָפּ די באַנק אין בית־המדרש...

ש ר ה ־ ג י ט ל

כאָטש האָבן אַ שטול אין גן־עדן דורך אים; און איך בין דיר, וואָס האָב? נישט די וועלט, און יענע וועלט אוודאי נישט...

ר ח מ י א ל

און דבורהלע שמחהס איז אַן זינגערין ביי פריצים, האָט אַן אָפּענע טיר אין אַלע הייפן, און פאַרצעלירט זיי די פעלדער, קויפט אויף די תבואות, און דער מאַן דרייט זיך אַרום מיטן שטעקעלע, טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער...

ש ר ה ־ ג י ט ל

דו וועסט אָבער נישט וועלן: מ׳זאָל דאָס רעדן אויף מיר, וואָס מ׳רעדט אויף איר...

ר ח מ י א ל

נעמט רעכענען ווי פריער

פינף הונדערט זאַק מעל, געזאָלט זיין; אויף איטלעכן וואָגן באַזונדער צו עלף, און צוועלף, און דרייצן... היינט, וויפיל האָבן מיר איינאיינעם?...

ש ר ה ־ ג י ט ל

כ׳בעט דיך זייער: גיב נ׳קינד די פאָר גילדן, וואָס דו האָסט אים צו געבן, און נעם ביי קיינעם די נשמה נישט אַרויס...

ר ח מ י א ל

אַ שיין קינד, כ׳לעבן... נאַ, נאַדיר אַ טיכל, האָבן די נאָז אָפּצווישן... כי־כי... ניסל־מאיר אַ ניינציקער, איז נעבעך געוואָרן אַ יתום, און ביז נעכטן אויכעט געווען אַ קינד. עלעהיי וואָלט מיר די מאַמע געלעבט, און אויכעט געקאָנט זיין אַ קינד, זיך אַביסל פיעשטשען ביי איר...

ו ע ל ו ו ל

הונדערט און איינס, איז אַלצאיינס.

ש ר ה - ג י ט ל

אים האָרכן, וואָס ער רעדט ; שוין בעסער זיינע שונאים ועדן..

ר ח מ י א ל

אוי, רעדן זיי... ווי פריער אויף איטלעכן וואָגן באַזונדער צו עלף, צוועלף, און דרייצן...

ש ר ה - ג י ט ל

באַלאַמוטשע מיך נישט ; ווי לאַנג ווילסטו מיך דאָ האַלטן ?

ר ח מ י א ל

איך האַלט דיך ? נאָך געקאָנט אַוועקגיין, ז.יידער דו ביסט געקומען..

ש ר ה - ג י ט ל

געוואַלט געשריגן : ווי קאָן מע צַרויסלאָזן אַ קינד אין גאַס אַריין, אָן אַ גראָשן ביי די נשמה ? פאַר הונדערט טויזנטערליי : ס'ווערט אַזוי אַ מענטש נישט גוט ? מ'ברויך אים אָפּצומונטערן, און ס'אי נישטאָ מיט וואָס ?

ר ח מ י א ל

אים קיין ביין נישט געשען.

ש ר ה - ג י ט ל

ס'קומט אויס : מ'חלשט אַ טרונק, כ'ווייס ? דאָך, אַ לעבעדיקער מענטש..

ר ח מ י א ל

איז דאָ אַ ברונעך ; זאָל ער זיך נישט שעמען, — דער טאַטע זיינער שעמט זיך אויכעט נישט.

ש ר ה - ג י ט ל

ס'האַרץ איז גראָד אַוועק, און מ'וויל עפּעס נעמען אין מויל אַריין ?

ר ח מ י א ל

זייגן אַ פינגער ; וואָס האָט ער געטון קליינערהייט ?

ש ר ה - ג י ט ל

און מ'ברויך זיך... אויסלייזן ס'לעבן פון גנבים, פון גזלנים, פון רוצחימס הענט, פאַר אַ גראָשן געלט, — און מ'האָט אים נישט ?

ר ח מ י א ל

שפרינגט אויף

טפו... מיר שוין אויסגעלייגט אויף אַלע שבעים לשונות! און ס׳זאָל אים, אומאויסגערעדט, עפּעס געשען, — נישט קאָנען אַרויסצאָלן ס׳גאַנצע לעבן... שלעפּט אַרויס נ׳בײטל וויפיל ווילסטו, זונדעלע... די מאַמע דיינע האָט שוין פאַר דיר געמאַכט אַ וועג...

וו ע ל וו ל

אַ צענערל.

ר ח מ י א ל

וואָס האָב איך, מיינסטו, אַ גרודע גאָלד? שאַר געלד אין די גאַסן? ווי האָט מע עפּעס נישט קיין גאָט אין האַרץ, און מיך וועלן אויסרייסן מיט אַ קײלעכדיק צענערל?...

וו ע ל וו ל

ס׳טוט זיך עפּעס.

ש ר ה - ג י ט ל

טאָמער מאַכט זיך עפּעס אין דרויסן, אַ מציאה? אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, און מ׳האָט אים נישט?...

ר ח מ י א ל

געטראָפן ס׳אָרט פון מציאות; ער קאָן אַהיימברענגען, — ס׳זאָל דיר שווער זיין אַוועקצוטראָגן...

וו ע ל וו ל

מיך שטעלן דינגען אַלע טאָג? אויפמאַכן אַ קראָם?

ש ר ה - ג י ט ל

און טאַקע, אַז ס׳קומט אָן: קריעת ים-סוף.

וו ע ל וו ל

זיין איינמאָל פאַר אַ גאַנצע וואָך, צוויי וואָכן?

ר ח מ י א ל

און פאַר אַ צענערל, מיך אַרויסלאָזן אויף גאַנצע צוויי וואָכן?

וו ע ל וו ל

אויב כ'וועל אויסקומען...

ר ח מ י א ל

און נישט קומען באַלד אויף צוזאַמענס מיר אויפסניי דערציילן די מעשה?

וו ע ל וו ל

אַז כ'וועל נישט האָבן קיין ברירה.

ר ח מ י א ל

נאַ... נאַדיר אַ פויגל, זאָלסט מיך אָפּטרעטן.

וו ע ל וו ל

דער בעל־דבר איז די מי׳ נישט ווערט.

ר ח מ י א ל

נאַדיר צוויי, און דיך נישט מער אָנקוקן.

וו ע ל וו ל

ס'האַלט נישט אויס.

ר ח מ י א ל

נאַדיר אַ דרייערל.

וו ע ל וו ל

ווילסט דורכויס אָפּדינגען? דערלייגן אויף אַ גראָדן פינפער, און שוין באַלד ווערן פונם מקח...

ר ח מ י א ל

נאַ... נאַדיר אַ פינפ ר, און מיך שוין היינט אַמאָל אויסקויפן מיטן לעבן ביי דיר...

וו ע ל וו ל

ארויסגעריסן ווי ביי אַ קאַץ פון מויל אַרויס.

זינגט אונטער

האַצי, האָצי, האָצי, —
אוי, אוי, אוי, האָט זי.

ש רט זיך אַרויס.

ר ח מ י א ל

תכשיט!

ש ר ה - ג י ט ל

געקרענקט

ווער הייסט דיך אַזוי זיין צו אים?

ר ח מ י א ל

ווי אַזוי אַנדערש זאָל איך צו אים זיין?

ש ר ה - ג י ט ל

מ'גיט, אָן לעבער...

ר ח מ י א ל

וואָרן, כ'וואָלט אים אָפּגעקאַרגט? אַז ס'האַרץ טוט ווי צוקוקנדיק, — וואָס ס'אי פּונם געוואָרן? און אויסגעגאַנגען מיין גאַנצע פּראָצע?..

ש ר ה - ג י ט ל

וואָס זאָל מע טון? דער מענטש נעמט זיך גאָרנישט אַליין...

ר ח מ י א ל

ס'שטייט זיך! כ'וואָלט געזען: ווען דו זאָלסט נישט אַרויסשטעלן פאַר זיי ס'חזיר-פּיסל, — כשר, צי ס וואָלט אַזוי געווען?

ש ר ה - ג י ט ל

וואָס ער וועט אַלץ אַרויפלייגן אויף מיר, די זינדיקע מאַמע, מ'שטיינס געזאָגט; אַלץ מוזן אירע פלייצעס אויסטראָגן; אייזערנע פלייצעס ברויך זי האָבן; ביים קינד פאַרגלעטן דעם טאַטן, ביים טאַטן, — ס'קינד... אוי-אוי-אוי...

ר ח מ י א ל

ס'שטייט זיך! באַר ווי וואָלט, מיינסטו, געווען: ווען אַזאַ גאון זעצט זיך דאָ אַוועק ביים טאַטן, און העלפט אים אַ ביסל אַרויס, — אַן עוולה? ס'קומט צום טעלער, — האָב איך אים יאָ צו פאַרעבענען פאַר אַ מענטש?

ש ר ה - ג י ט ל

דו ביסט גערעכט, אָבער גאָט דער לעבעדיקער ווייסט: כ'בין אויכעט נישט שולדיק... אוודאי גערן געזען... אָפּ.

ר ח מ י א ל

וע.ט רעכענען

פיוף הונדע ט זאַק מעל, געזאָלט זיין; אויף איטלעכן וואָגן צו עלף, און צ וועלף, און דרייצן...

ש ל ו מ י א ל

קומט אַריין

אַ גוטן אָוונט. . אַ גוט יאָר... גאָרנישט געטראַכט אַהערצוגיין... מיינע האָט מיך גאָר געשיקט, כ׳זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייז משפּט...

ר ח מ י א ל

ברוך הבא, אַ ייד.

ש ל ו מ י א ל

כ׳בין אַזוי נעכטן ביים דאַוונען, זע איך געצל סופר; זאָגט ער צו מיר: זאָלסט זען היינט צו גיין אין דערינען, ביי די מחותנים מיינע... נאָר...

ר ח מ י א ל

נישט קיין סכּנות! טאַקע אין זין געהאַט, און מיינע זיך אפילו געחידושט: וואָס מ׳זעט איין נישט?...

ש ל ו מ י א ל

כע... כּבודו מיינט מורא׳ כ׳האָב געוואָרט מיט הבדלה אויף אַ שטערן, אין אַ מיטן מיטוואָך אויף די נאַכט? די מינוט צעלאָזט די חברה! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַ שווער שטיקל ברויט, ס׳מלומדות! טעם-טויט!

ר ח מ י א ל

פּרנסה, נישט פון די קליינע זאַכן; קשה מזונותיו של אדם, כּקריעת ים-סוף... אָ, איר זעט די חשבונות?... גענומען אַהין, גענומען אַהער, — אַ געשעפט, אַן עסק, ס׳טוט זיך עפּעס... און פאַרקניפּט אַ טעות!

ש ל ו מ י א ל

אַ טעות?

ר ח מ י א ל

און ווי נאָך?

ש ל ו מ י א ל

מאַ.. אויב מיט אַ ייִד, ווייסט ער דאָך: טעות לעולם חוזר!

ר ח מ י א ל

נישט קיין סכּנות! מיט אַ ייִד קומט מע אַדורך... זיך דאָך, מסתּמא, נישט אָפּזאָגן פֿון אַ גלעזל טיי? רופֿט שרה-גיטל!

ש ל ו מ י א ל

מאַ... אַ גלאָז טיי און אַ קאַפּיטל תּהילים, ווי זאָגט מע, — מאַכט נישט קאַליע...

ר ח מ י א ל

בּ כאַמאַל

שרה-גיטל! כאַפּט די גלעזער פֿון טיש אַראָפּ וואַרט אַ רגע, תּיכּף הייסן אַרייַנברענגען...

ש ל ו מ י א ל

כאַפּט אים פֿאַר די האַנט

וואָס גייט איר טון? אייַך, אסור, נישט לאָזן.

ר ח מ י א ל

וואָס מיינט איר, כ'בּין אַזאַ מפֿונק? איר אין איין וועגס דאָרט זאָגן: איר זענט דאָ... רייַסט זיך אויס מיט די גלעזער, און האַרט אויף די עוועל פֿאַלן זיי אים אַרויס, ווערן צעבראָכן.

ש ל ו מ י א ל

שפּרינגט גריך

אַ שאָדן!

ר ח מ י א ל

בייגט זיך אַראָפּ אויפֿקלויבן

בלאָטע!

ש ל ו מ י א ל

לייגט זיך אַראָפּ אים העלפֿן

בלאָטע איז אָבער נישט קיין גלאָז.

ר ח מ י א ל

חוזק! חוזק!

ש ר ה - ג י ט ל

אין די טיר

וואָס פּאָרעט איר זיך דאָ אויף דרערד?

ר ח מ י א ל

מיט פייער

אַז... אַז כ'בין אַליין, אַליין אין אַ שטוב... שריי.. שריי חי-וקים.. מ'ברויך אַ גלאָז טיי, און די נשמה קאָן פריער אויסגיין...

ש ל ו מ י א ל

זי גייט נאָך, חלילה, נישט אויס.

ש ר ה - ג י ט ל

זיי נישט משוגע; אַז דו ווילסט עפּעס, זאָג, — דיר אַריינגעבן...

ר ח מ י א ל

בלייבט אָן לשון.

ש ל ו מ י א ל

געזעכט; ר' רחמיאלס ווייב איז געזעכט.

ש ר ה - ג י ט ל

אומעטום וויל ער זיך נאָר בריהן.

ר ח מ י א ל

קאָכט

יאָ, שטעל דיך אַוועק דרשענען; ס'קומט איר נאָך אַרויסצוזאָגן; נאָך אַמאָל הייבט זען, ווי ס'גלאָז טיי זעט אויב? כ'קאָן דאָך פריער דעם פּי-פּעטש קריגן...

ש ר ה - ג י ט ל

אַז דו האָסט דיינע פּאַפּירן, רעכענקעס, — זאָגט דיר ווער אַ דעה, אויף וועג ס'וועט עפּעס אַרויסקומען?.. ווייזט אויף די שטיקער גלאָז נאָר בריהן וויל ער זיך... אָפּ.

ר ח מ י א ל

גיט זיך אַ שטעל אַוועק ווי אַ כּלב

זאָלסט מיר נישט מער קומען אונטער די אויגן, הערסט ?

ש ל ו מ י א ל

שאַ־שאַ ..

ר ח מ י א ל

לאָזט זיך לויפן

וואָס דאָס איז ? וואָס דאָס איז ?

ש ל ו מ י א ל

מאַ.. אַ שאָדן, פאַרפאַלן ; שוין צוריק גאַנץ נישט ווערן.

ר ח מ י א ל

ס׳גייט מיר אַ סך דערין ? ווערט אַ באָבקע ! נאָר, אַ ווייב, מ׳האָט אַזאַ ריס אין לייב, וואָס קומט תּיכּף אונטער אויף אַזאַ אופן, — שמעקט עס עפּעס ?

ש ל ו מ י א ל

ווי אַ יידענע ; וועלכע פון זיי איז בעסער ? כ׳זאָל נעמען אָנדערציילן : וואָס מיינע טיילט מיר אויס צרות בכל יום ויום, — איז גאַנצע ביכער צו שרייבן ; און ביז אַהער אַלץ געמיינט, — דאָס איז שוין ס׳ערגסטע פון די תּוכחה ; דערווייל זע איך, — ס׳בעסטע פון די עשר מכּות ; איז ערשט ביי מיר פאַראַן אַ שכן, האָט ער אַ ווייב ?... נו־נו... וואָס דאָס איז ?... באַהיט און באַשירמט זאָל מע ווערן...

ר ח מ י א ל

וואָס האָט קנאַפּ געהערט, גיט זיך אַ זעץ אַוועק צום טיש

מאַ. נישט כּדאי צו רעדן... תּוך־זאַכן : וואָס אַ שטייגער, זאָגן גוטס ?

ש ל ו מ י א ל

נישט וואָזשנע.

ר ח מ י א ל

פאָרט ?

ש ל ו מ י א ל

וועגדט אָפּ

כ טראַכט אַזוי: וואָס אַ מענטש קאָן אַלץ צו האַנדן קומען? קיינמאָל נישט קיין שדכן געווען, ס׳הייסט: געווען בין איך יאָ, וואָס בין איך שוין נישט אויסגעווען? אַלע עבודה זרות געדינט! אָנגעשלאָגן שדוכים פון מזרח ביז מעריב, און אויסגעפירט, — לאו דווקא; דען געמוזט אויספירן?

ר ח מ י א ל

זער עיקר... דער עיקר...

ש ל ו מ י א ל

יאָ! האָב איך געפרעגט ביי ר׳געצלען, אייער מחותן: וואָס ס׳גיין האָט צו באַטייטן? און מיך געהייסן זאָגן: באַם התונה מאַכן, — איז דאָך פֿייער דער זמן פון סילוקן...

ר ח מ י א ל

געפּלעפּט

הא? מיך דערויף געריכט...

ש ר ה - ג י ט ל

קומט אַריין מיט כּלי, צעשטעלט אויפן טיש

ר ח מ י א ל

ווי פריער, צו פּעהאַקט

נ׳יאָ.. וואָס פאַר אַ טענה?... מתחייב געווען..

ש ר ה - ג י ט ל

צוגעלייגט

וואָס איז ס׳רעדן דאָ?

ר ח מ י א ל

דער מחותן באַשטייט חתונה צו מאַכן, נאָר על מנת זה, — כ׳זאָל אים אַריינמאַכן אין די האַנט אַריין...

ש ר ה - ג י ט ל

וואָס זאָלסטו אים אַריינמאַכן?

ר ח מ י א ל

וואָס, אויב נישט דעם גדן ?

ש ר ה - ג י ט ל

איינגאַנצן אויף אַמאָל ?

ש ל ו מ י א ל

פאַרשפּרייט דעם אַרבל פונעם העמד איבערן גלאָז טיי, און טוט דערפון אַ זופּ.

ש ר ה - ג י ט ל

נו, נו, ס'בריט.

ש ל ו מ י א ל

שפּייט אויס ריינט אָפּ די צונג

אָבער, הייסע טיי... גאָר קאָכעדיק... שוין האָבן צו טון אַ פּאָר טאָג מיט די צונג... נאָר נישט קיין סכנות! פאַר אַ ייד, אַן אביון, איז עס נאָך אַמאָל אַ טובה, — על־העיי ער קאָן נישט עסן קיין סך...

ר ח מ י א ל

קומט צו זיך

יאָ... איר וועט זיך זען מיטן מחותן, און אים לאָזן וויסן: אז ס'אי מיר אין תוך אַריין נישט קיין גרויסע נפקא־מינה; וואָרן, די פּאָר הונדערט טאָלער, מי־יודע, ס'אי נישט צוזאַמר בר רב־אשי; נאָר, פאַרשטייט איר מיך... ווען...

ש ר ה - ג י ט ל

העלפט אים צרויס

ס'זאָל נישט זיין אין מיטן דרינען ס'הויז..

ר ח מ י א ל

ס'הויז !

ש ל ו מ י א ל

וואָס פאַר אַ הויז ?

ר ח מ י א ל

איר ווייסט גאָרנישט ?

שלומיאל

הייבט די אַקסלען

קיין פּותר און קיין חלום...

רחמיאל

נישט קיין היגער? קומט ערשט נעכטן אַראָפּצופּאָרן?

שלומיאל

אסור!

שרה-גיטל

קוועטשט זיך

ע-ע,.. ס-ה-ו-י-ז...

רחמיאל

שייך: מ׳זאָל נישט וויסן אין שטאָט? און רעדן דערפון אין ערגעץ?

שלומיאל

אין פאַרלעגנהייט

מיר קיין פאַריבל נישט האָבן: אַ ייד, גאָר פון אונטערן אויוון אַפיר; דער מרחק, להבדיל, די שול, אַפילו די גאַס, — גלייבט מיר, כ׳האָב דאָס אַלץ אינאיינעם ביי מיר אין שטוב; וואָרן, אַז מ׳האָט קיין עין הרע, אַ ווייב מיט עלף קליינע פּרעסערס, איינס קלענער פאַר ס׳אַנדערע, — פאַרגעסט מע להלוטין, אָן אַלעם.

רחמיאל

וואַ... דאָס בייזע וואונדער נעמט מיך אויף... אין בית-המדרש אויכעט נישט געהערט גאָר?...

שלומיאל

איר רעדט גאָר ווי אַ ייִנגל, ר׳וואָלטס מיר מוחל זיין; כבודו מיינט אוודאי, סאי יענע צייטן, — מ׳האָט געקאָנט זיין אַ זריז, יעדן טאָג ערב-ובוקר נישט אויסצופעלן ביי שחרית, מנחה-ומעריב?...

רחמיאל

קומט איר דאָך אַמאָל.

ש ל ו מ י א ל

כ׳קום... און ס׳קאָן זיין, עפּעס געהערט אויכעט, נאַר, — דער קאָפּ, לא־עליכם און קיין שום ייך געדאַכט, איז אַזוי פאַרדרייט...

ר ח מ י א ל

כ׳שטעל דאָך אַ הויז!

ש ר ה ־ ג י ט ל

אַ קאַמעניצע!

ש ל ו מ י א ל

מזל־טוב אייך! באַדאַרפט פאַרלייגן אַזאַ טענה? געקענט גלייך זאָגן, און פאַרשפּאָרט דרייען אויפן קאָרק... ווער זאָל וויסן? גאָט העלפט, אַ שמחה בתוך שמחה: תנאים און אַ הויז, — ווער קאָן זיך, בעוונותינו הרבים, דאָס איינרעדן?

ר ח מ י א ל

אין גרויסן

וואָס, מ׳ברויך לאָזן פויקן אין די גאַסן?... ס׳אי פון די אלו־דברים, וואָס רעדן ווערן זיך אַליין; לאָזן זיך הערן פון די ווייטנס...

ש ר ה ־ ג י ט ל

ס׳שטייט זיך.

ש ל ו מ י א ל

מאַ, זאָל גאָט העלפן אַלע יידן, בתוך הרחבה, — זיי זאָלן שטעלן הייזער, און איך בתוכם.

ר ח מ י א ל

כע־כע.. מיינט אוודאי: ס׳אַ קינדער־שפּיל, — שטעלן אַ הויז?

ש ל ו מ י א ל

ווער ס׳מיינט, זאָל אים די צונג דאַרן.

ש ר ה ־ ג י ט ל

זיך איינגעחזרט: אַ הויז? אַ קאַמעניצע!

שלומיאל

מה טוב ומה נעים, — נאָך בעסער.

רחמיאל

נעמט אים שלעפּן צום פענסטער

מוחל זיין, און גלייך זען...

שלומיאל

ווערט זיך

אַז... כ׳גלייב אייך!

רחמיאל

כ׳וויל נישט: מ׳זאָל מיר גלייבן; זען, און זיין אַן עד־ראיה. בײם פענסטער

וואָס שטיינער? געהילץ? ציגל?

שלומיאל

פּש־ש־ש... מ׳קאָן פאַרלייגן אַ ווייסל.

רחמיאל

און איר ווייסט, וואָס דאָס טרעפט אָן?

שלומיאל

און אַז כ ווייס?

רחמיאל

ה׳ פריער

מ׳וואָלט, בנאמנות געקאָנט פאַרטיילן צווישן זיבן אָרימע כּלות, זיי זאָלן געניג האָבן.

שלומיאל

אויב נישט נאָך מער?

רחמיאל

איר ווייסט, וויפיל, אַ שטייגער, ס׳עסק וועט מיך אַריינכאַפּן?

שלומיאל

כע־כע... איר פרעגט מיך, אפנים, — ווי כ׳וואָלט געוועזן דער גרויס׳זר ידען, און שוין געשטצלט כמה [illegible]?

רחמיאל

דאָך אַזוי? אַ טראַף!

שלומיאל

לפי דעתי, כ׳זאָל אָנכאַפּן אויס די וועלט אַרויס, — שלשה אלפים קערבלעך.

רחמיאל

פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער

כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ...

שרה־גיטל

כי־כי־כי...

שלומיאל

פאַרשעמט

מילא, ווייס איך נישט; פון וואַנעט זאָל איך וויסן? אייך באַלד געזאָגט...

רחמיאל

ר׳זאָלט מיר מוחל זיין, כע־כע־כע, גאָר־גאָר אַ קנאַפּע השגה.

שלומיאל

מילא, וואָס, — כ׳בין אַ גביר? אַמאָל אונטערגענומען הייזער צו בויען? אַ גביר ברויך עס וויסן; פרעגט ביי אַן אָרימאַן אַ טעם פון געפּרעגלטע קאַרשלעך?... אויכעט ס׳אייגענע, — גבירישע מאכלים!

רחמיאל

דרייגט מיטן גראָבן פינגער

אויפשטעלן אַ הויז, וואַרט... חתונה מאַכן אַ קינד איז עפּעס שווער?

שלומיאל

כ׳זע דאָך ביי מיין מיידל...

רחמיאל

פאַרגלייכט מע צו אַ הויז שטעלן; איינשטעלן אַ פרנסה, איז דאָך עפּעס נישט פון די גרינגע זאַכן?

ש ל ו מ י א ל

כ׳זע דאָך ביים אויסגעגעבענעם זון.

ר ח מ י א ל

פאַרגלייכט מע צו אַ הויז שטעלן, על אחת כמה וכמה, — אַ הויז גופא אויפשטעלן?

ש ר ה - ג י ט ל

נ׳וואָס, ווייסט מע נישט? מ׳ברויך אַלץ אַרויפ־לייגן אויפן טעלער?

ר ח מ י א ל

ערשט איז געוועגדט: וואָס פאַר אַ הויז? הייזער. און הייזער; אַ משל: לייזער מאַכעלס הויז אויף די ראָגאַטקע און דעם פריצס קאַמעניצע אינ מיטן מיטן מאַרק...

ש ל ו מ י א ל

דעם אונטערשיד מעגן מיר דאָסביידע אַלע יאָר פאַרדינען.

ר ח מ י א ל

ר׳ מאיר בעל־מוח האָט אויפן מאַרק אַ קראָם. און הינטער די שטאָט, ווייס איך, האָט יאָקל־גרונם אויכעט אַ קראָם, אַ?

ש ל ו מ י א ל

אם־כן, קאָן מע דאָך ס׳אייגענע זאָגן מכח מלומדות?

ר ח מ י א ל

אן הכי נמי; איר האָט אַ מלומדות, און בערל חקרן אַ קנעלונג.

ש ל ו מ י א ל

אַ.. ווען אַ סך בעלי־בתים וואָלטן דאָס אַזוי פאַרשטאַנען, — ביי מיר דאָך דער שלימזל ניעט געוועזן מיס אַ קאָפּל פּאַדערן, אָנשטאָט מיט גאָלד! געהאַט סך־הכל: זיבעצן וועווריקלעך, און בערל חקרן מיט צען מער?...

ר ח מ י א ל

אָבער דער הילוק?

ש ל ו מ י א ל

איז אַ גרויסער; ביי מיר בלייבט ס׳קנעלן, און אים, — די ממתקים.

ר ח מ י א ל

צײן ; מ׳ברויך אָבער זײַן אַ מבין.

ש ל ו מ י א ל

דאָס טענה איך דאָך : וואָס פירט אויס דער חכם מיט זײַן חכמה, ווען דער נאָר פירט די וועלט פאַר די נאָז ? מער קונץ. גײ, שרײַ : אָנר שלמה, — אַז דער לץ רײַט אויף אַ פערדל, און האַלט ס׳ציימל...

ר ח מ י א ל

האַלט פאַריכן ב׳קאָפּ, ווי ר׳וואָלט עפּעס אויסגעפירט אַ גרויסע זאַך

ש ל ו מ י א ל

פונדעסטוועגן, איז מיר נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט : וואָס ס׳האָט דײַך פלוצלינג אינמיטן דערינען געטריבן דערצו ?

ש ר ה - ג י ט ל

סך-הכל : צוויי קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זײַן ; די בת-יחידה, געלויבט צו גאָט, — שוין ערב-חתונה ; און וועלוועלע, ברוך-השם, אויכעט אָפּזוכן זײַן זיווג...

ש ל ו מ י א ל

אָן זײַן שאָדן, מיר געזאָגט.

ר ח מ י א ל

שיסט אויס

שלעכטע געשעפטן ! ס׳האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מ׳טאָר קיין שילגער פון די האַנט נישט אַרויסגעבן ; מיט אײַזערנע צוואַנגען מוז מען אים צוהאַלטן ; און ווען מען, נישט קיין חילוק, — אַ רבין, אַזוי גוט, להבדיל : אַ גלח, — מ׳גיט נאָר אַ רובל, איז ער יבוש.

ש ל ו מ י א ל

נישטאָ קיין שום במאנות ?

ר ח מ י א ל

זואו הײַנט אַ וואָרט, אַ חתימה... אפילו אַ שבועה, איז אויכעט נישט אַזאַ איי-איי... אַ ייד, אַ טרוד, און אַ מטופל מיט קינדער, — איז זיך מתיר ;

די אונטערשטע שורה: דער ערנטלעכסטער מענטש איז אזוי לאנג ערנט־לעך, ווי לאנג ס'קומט נישט ביי אים; און קוים האסטו אים געגעבן, וואס דו האסט געהאט צו געבן, א סוף, — איז ער נישט מער דיין מענטש; קאן ער דיך גארנישט.

ש ל ו מ י א ל

מ'ווייסט, נאר מ'טאר עס נישט ברענגען פארן מויל.

ר ח מ י א ל

כ'בייס מיר טאקע אפ א שטיק צונג, און רעד נישט; וויפיל האב איך, מיינט איר, אזוי דא געקאנט היזק האבן ביי מענטשן?

ש ל ו מ י א ל

ב'ווייס?

ר ח מ י א ל

דאך אזוי? לויט אייער השגה?

ש ל ו מ י א ל

כ'וועל אנכאפן אן די וואנט, — דריי הונדערט קערבלעך...

ר ח מ י א ל

פלאצט ארויס מיט א געלעכטער

כא־כא־כא.. כא־כא־כא...

ש ר ה ־ ג י ט ל

מיט אים

כי־כי־כי...

ש ל ו מ י א ל

פארשעמט

פון וואנעט זאל איך וויסן? די אייגענע מעשה: וואס, שוין געהאט געלט ביי לייטן?... געליגן אויף משכנות?... אויף א יינגל מיט א גוטן קאפ, וואס פארנעמט א בלאט ר"ן, איר וועט מיך פרעגן?... איז א דבר־אחר...

ר ח מ י א ל

גאר קיין השגה נישט.

ש ל ו מ י א ל

אָנכאַפּן, כ׳ווייס: אויס די וועלט אַרויס, — דריי טויזנט קערבלעך...

ר ח מ י א ל

אָ-אָ-אָ...

ש ר ה - ג י ט ל

און נישט קיין סך דערנעבן געטראָפן.

ר ח מ י א ל

עפּעס, עפּעס איבערגעכאַפּט; אַ שבוש...

ש ל ו מ י א ל

רבונו דעלמא כולא.

ר ח מ י א ל

אַראָפּלאָזן אַ קליינקייט, אַ קאַפּעטשקע, אַ שמעק-טאַבאַק, און... און...

ש ר ה - ג י ט ל

גאָרנישט אויס די וועלט אַרויס.

ש ל ו מ י א ל

אוי-וויי, געוואַלט! פינף בכבודע נדנס; דריי אָרנטלעכע בעלי-הבתים;
פיר שיינע הייזער אויפן מאַרק...

ש ר ה - ג י ט ל

און אַז איין הויז?

ר ח מ י א ל

פּאַרדאָס האָב איך מיך מיישב געווען: אַריינשטופּן ס׳ביסל געלט אין אַ מויער... אָבער, חנה אַז דער מחותן וועט מיך דאָ גאָרנישט אָפּשרעקן; ער זאָגט געלט, - וועט זיין געלט; נאָר וואָס דער אמת, — מיר אַ גרויסע טובה געטון. ר׳זאָל מיך אַצינד אַרויסלאָזן ביז כ׳וועל אַרויפכאַפּן די מויערן, באַציען אַ דאַך, און נעמען אויף די כיפּאָטעק...

ש ל ו מ י א ל

ווען רעכנט איר, מיט מזל, לייגן דעם ערשטן שטיין?

שרה-גיטל

שוין, אויף די אַנדערע וואָך!

רחמיאל

אַז דעם פּלאַן האָב איך שוין אָפּגענומען פון די גובערניע; אַ גרוב קאַלך ליגט אָפּגעלאָשן פון אַ יאָר אַהער, נו?

שלומיאל

רייבט זיך די הענט

אוודאי לאָזן אַרויסהענגען פּענער, ווי אין אַ גאַלעוועקע; הייסן שפּילן כּלי-זמרים, טרינקען אַ גוט גלעזל בראָנפן..

רחמיאל

ווי אויסגעפּירט

נו? שוין וויסן: וואָס דאָרטן אַפּירצולייגן? קאָנען זיין מיין מליץ יושר?

שלומיאל

אויב כ'וועל וויסן, — אי קיין עולה גישט; מער ווי זיכער; נאָר איך מיין, אַז ס'וואָלט געווען פּיל גלייכער. — ר'זאָלט אַליין אַריבערגיין; וואָס אי דער מער? אַ סיכסוך צווישן מחותנים... וואָרן פון שיקן אַהין און אַהער, הרי אני בטוח, — ס'וועט נישט אַרויסוואַקסן קיין מער.

שרה-גיטל

זיך גיכער רירן אַ בער.

רחמיאל

אָנגעברוגזט

אם כן, למה זה אנוכי? צוואָס האָט מיר ווייזער געטויגט ס'גאַנצע גע-רעכטס?

שרה-גיטל

כ'וויס אויכעט נישט.

ביילקע

קומט אָן פון גאַס, גייט גלייך צו די מוטער, און זאָגט איר עפּעס שטיל אויפן אויער

יאָ.. יאָ.. כ'זאָל אַזוי לעבן...

שרה־גיטל

קווענקלט זיך א ווײַלע

רח־מי־אל... ע־ע... אַזוי גוט זײַן, און מיר געבן עפּעס געלט...

רחמיאל

אָנגעצונדן איבער א רגע

ווידער געלט?

שרה־גיטל

נישט זײַן קיין שלעכטער, און געבן...

רחמיאל

אַ קוי מעלקט מע דאָך אויכעט נישט מער ווי דרײַ מאָל אין טאָג; און דו ווערסט קומען אַלע רגע?...

שרה־גיטל

אויף דעם וואָס מ'ברויך, איז אַ תּירוץ פֿאַר די וואַנט, און ס'מוז זײַן.

רחמיאל

רוצה, פֿון וואַנעט וועל איך נעמען? אַ גרודע גאָלד לאָזט זיך דאָך אויכעט אויס! ר' שלומיאל, צווישן אינז זאָל עס בלײַבן. מ'זעמיר דאָך הײמישע מענטשן, און ס'זאָל נישט ווײַטער קומען, — די האָר אויפֿן קאָפּ זענען דאָך נישט מײַנע...

שלומיאל

מ'ווייסט, מ'ווייסט דאָס...

ביילקע

מיט אַ פֿאַריסן נאָז

דער טאַטע ווײַנט אַלעמאָל, אַז ס'קומט צו דער קעשענע; מ'ברויך אויפֿבינדן ס'קניפּל.

רחמיאל

בלעקט אַרויס די צונג

נו, שרה־גיטל, וואָס זאָגסטו? איך ברויך מיר ווײַניק ברעכן נ'קאָפּ, וואו מ'נעמט געלט פֿאַר אירטוועגן, אַ?

ב ײ ל ק ע

אוף וואָס ?

ר ח מ י א ל

אויף וואָס, פרעגט זי... קום נאָר אַהער, צאַצקע... דײן חתן, מײנסטו, האָט זיך געשמדט ?... דיך נעמען אָן געלט ?..

ב ײ ל ק ע

פאַרקריכט זיך

אַז ר׳וועט מיך ליב האָבן ?...

ר ח מ י א ל

פאַרלירט ס׳לשון

ס׳אַר דבורים ? קוקט אַ װײלע געפּעטש: דאָ אויף די טאָכטער, דאָ אויפן װײב, און שיסט אויס דו ביסט דער חייב ! דער רוצח ! און האַקסט אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ האַק..

ש ר ה - ג י ט ל

שלאָג דיר קאָפּ אין קיר, און הענג דיך אָן אין עמעצן אַנדערש; איך האָב שוין מער קײן כּוח נישט צו דיר...

ר ח מ י א ל

אַז אַ מאַמע פירט אויס: איך זאָל זײן בײ זײ אין די הענט, – מעשה סדום ! אַזוי, אַז דאָס וועט טון אַל-דאָס בײזו און, כע-כע-כע... כ׳לעבן, אַ גליק: כ׳ברויך צו זײ נישט אָנקומען, ווי ס׳געשיקט זיך, אין אַנדערע הײזער, וועגן פּרנסה...

ש ל ו מ י א ל

מ׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן... אַ טאַטע בײ קינדער ?...

ר ח מ י א ל

פריער געמעגט הײטן אויסנעמען אַ גרוב, כע-כע... און זי קוקט נישט... טאָמער מאַכט וועלכעס פון זײ אַ קרומע מינע, נישט אַרײנקוקן אין תוך: צי מ׳ברויך ? נישט ? נאָר גלײך אין דרערד אַרײן געגאַנגען דערפאַר...

שרה־גיטל

אזוי ברויך באם זיין...

רחמיאל

און אז איך וועל מיך דערנסטמאָל אָנרופן מיט אַ וואָרט, — חייב זיין מיתה; זאָל זי זאָגן, וואָס איך ברויך זאָגן, און מיך נישט אַרויסשטעלן פאַרן שלעכטן און בייזן נאַר?...

שרה־גיטל

גיב גלייך וואָס דו האָסט צו געבן, און פאַרשפּאָרן זיין אַ שלעכטער ביי זיי אין די אויגן...

רחמיאל

ס'שטייט זיך! כ'זאָל יעדעס מאָל וועלן געבן, — קורחם אוצרות אויכעט וויניק געווען..

שרה־גיטל

קלאַפּט צוזאַמען בײדע הענט

אַ משוגעת ביי אים אין קאָפּ! אַ מענטש זאָל נישט קאָנען אַרויסרעדן צוויי ווערטער גלייך, ר'זאָל זיך נישט קאָכן און הייצן... מיט פייער שפּריצן...

שלומיאל

גאָרנישט מעשה ייד

שרה־גיטל

ווי שטרוי, אויסגעטרוקנטע שטרוי, וואָס ברויך נאָר אַ קוק טון אויף אַ צינד־העלצל, ס'זאָל צעפלאַקערן...

רחמיאל

און ווער איז נאָך מער אין דעם שולדיק ווי ס'מאַמעלע, וואָס פירט אַזוי ס'רעדל?

שרה־גיטל

איך פיר? וואָס זענען זיי קליינע קינדער, כ'זאָל זיי ברויכן פירן? לאָמיך נאָר פון זיי עפּעס וועלן, — מיך אויכעט נישט שאַנעווען; נאָר, נאָר וואָס זאָל זיין? איך וועל דאָך באַלד נישט אַזוי צוגיין מיט דעם

בעס, מיט דעם פייער... מיט אַ קינד ברויך מע וויסן אַנדערש אומ־צוגיין...

רחמיאל

טאַקע... מיך לערנען רעדן צו זיי דורך אַ ציידן טיכל ..

בײלקע

אומגעדולדיק

מאַמע, וואָס וועל איך שטיין?

רחמיאל

נו, גיב איר! זעסט נישט: זי איילט זיך? די געשעפטן איז עׂ צערייסן זיך...

שרה־גיטל

כ'מיין טאַקע, וואָס האַלסטו איר?

רחמיאל

איך האַלט איר? אַז מ'ברויך נעמען אַ שטיק האַלץ, זי זאָל וועלן אויפֿגיין...

שרה־גיטל

אַן אומגליק מיט דעם מענטש, נישט מער; כ'וויים נישט: וואָס כ'וועל מיטן טון?

רחמיאל

ווייסט נישט? צוועלף שורות, און מ'זעמיר קוויט.

שלומיאל

כע־כע... ס'זאָל אַזוי בײַ אַלע יידן גיך און גרינג קומען צו אַ גט. — בלי־קודש געמעגט גיין זוכן אַן אַנדערע פרנסה..

רחמיאל

כ'מיין, אסור, נישט קיין לצנות; נישט קיין געלעכטער בײַ מיר; אַ סוף, אַן עק, — נישט אויסצוהאַלטן...

שרה־גיטל

אַ גט, — איז אַ גט; געבויג געמאָרדעוועט. לויפט, כאַפּט אַ טיכל אויפן קאָפּ.

שלומיאל

אומבאַהאָלפן

ר׳ רחמיאלס ווייב, ר׳מאַכט זיך נאַריש ווי עפּעס אַ יונג ווייבעלע...

שרה־גיטל

אַ גט איז, — אַ גט; אייַנמאָל פאַר אַלעמאָל; וויפיל איז דער שיעור, כ׳זאָל מיך מוטשען ביי אים?... מ׳שטיינס געזאָגט: דעם נחת, וואָס ר׳האָט מיר צוגעטיילט פאַר די עטלעכע צוואַנציק יאָר, וואָס כ׳בין מיטן איינאיינעם...

רחמיאל

אַ־האַ! איר זעט: אויף וואָס זי קוקט אַרויס? וואו זי ציט? זי האָט שוין לאַנג דערויף געוואַרט!... ס׳האָט נאָך געבראָיכט צופירן... כע־כע... ס׳אי מיר קיין חידוש נישט: זי וויל מיך אַרויספּטרן!... איר זיין שלעכט מיט די קינדער, אָן מיר?... נישט האָבן מיט וועמען זיך אַרומצוקריגן...

שרה־גיטל

אַבי דו ווייסט...

שלומיאל

אייך מוחל די טרחה מיטן ריוח, וואָס ס׳קאָן מיר אָנשטיין צו פאַרדינען, — אַז כ׳וועל יעדן באַזונדער פון אייך ברויכן שדכנען; כ׳באַשטיי בעסער צו כאַפּן אַ גוטן טרונק בראָנפן אויף שמחות ביי אייערע קינדער...

רחמיאל

שיסט אויס

אַז ס׳אי נישט קיין זווג מן השמים! כ׳וועל שרייען ביזן טויט אַריין, — ס אי קיין זווג נישט...

שלומיאל

מאַ.. זאָגט דאָך דער רמב״ם, וואָס זאָגט ער? יאָ: אַ זווג ברויך גאָר נישט זיין קיין שמים־זאַך...

ר ח מ י א ל

לייגט זיך אַריין איבערן קאָפּ אין רעכענען

פינף הונדערט זאַק מעל, געזאָלט זיין ; אויף איטלעכן וואָגן באַזונדער צו עלף, און צוועלף, און דרייצן...

ש ל ו מ י א ל

שוין צו לאַנג פאַרזעסן... אייערע, ווי זאָגט איר, וויל אייך אַרויספטרן ?... און מיינע, — מיך אַ ברירה באַלד נישט צו וועלן אַריינלאָזן... ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי ס'האָט שוין געטראָפן.. וואָס זאָל זיין די תשובה ? ..

ר ח מ י א ל

ווי פריער

פינף הונדערט זאַק מעל, געזאָלט זיין ; אויף איטלעכן וואָגן...

ב יי ל ק ע

מאַמע, וואָס וועל איך אויסשטיין ?

ר ח מ י א ל

פלוצלינג

ווייסטו כאָטש, צאַצקע, ווי דער קאָפּ טרוקנט מיר אויס ביי דיר ?... צע־פאַלט אויף טויזנט שטיק דורך איין מינוט ?

ב יי ל ק ע

די שניידערין וואַרט.. אַ האַלב יאָר ווי ס'שטיקל זיידנס ליגט ביי איר... כ'שעם מיך איר פאַר די אויגן צו קומען... צוויי מאָל געוואָלט פאַרקויפן... לאָ' די מאַמע זאָגן...

ר ח מ י א ל

באַלעסטיק נישט די מאַמע... וואָס אַרט איר, אַז אויף מיר ליגט דער גאַנצער עול פון לויפן, יאָגן און שאַפן געלט, וואָס דער מחותן וויל האָבן ?...

ב יי ל ק ע

דער מחותן וויל געלט ?

ר ח מ י א ל

און נישט אויסעמען?... כע־כע. מיך שפילן מיט פייער?... א מיידל איז פייער... א מיידל אין די יאָרן זי קומט, הייבט זי אָן ברענען... און מ׳זאָל איר נישט לעשן, קאָן זי פאַרברענען די וועלט...

ש ר ה ־ ג י ט ל

זע נאָר, ווי ער האָט זיך צערעדט!... טאַקע געמיינט: זי איז שוין אַריינגעוואַקסן אין גראָען צאָפּ. וואַרט, דו ברויכסט איר נאָך נישט צו־בינדן ב קאָפּ... מיר, חלילה, קיין חרפות נישט פאַרטאַט... מענטשן הערן, און קאָנען טאַקע מיינען.

ר ח מ י א ל

דו האָלט ס׳מויל; ווי לאַנג איך רעד, — זאָלסטו מיר נישט זוכן איבער־צוהאַקן...

ש ר ה ־ ג י ט ל

ער רעדט, — מורה מורנו פיעטרושקע! ווער ביסטו דאָס, און ווער איך?

ר ח מ י א ל

נאַדיר, און גיי צערעכן דיך אין מיטן דרינען מיט איר אין יחוס...

ש ל ו מ י א ל

אַז דער יחוס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען, דאָך אייך נישט גענומען.

ש ר ה ־ ג י ט ל

אַ גרויסע טובה געטון! אַ קלייניקייט? אויסגעבערענגט דעם טאַטן מיי־נעם ב׳גרעסטן באָוול; וודאי געהאַט ניין מיידן אַרומגיין אין שטוב...

ר ח מ י א ל

געוואַלט, ס׳אי נאָר געוואָלט צו שרייען פון די יידענע; אַזוי ווי כ׳מאַך נאָר אויף ס׳מויל וואַקסט זי אויס, — פון אונטער דרערד וואַקסט זי אַרויס...

ש ל ו מ י א ל

ר׳ רחמיאלס ווייב, וואָס טויג אייך אומעמום זיך צו מישן? זיצט, און רופט זיך נישט אָן, — די אייגנע ווילע פירן אָן אייך.. גיט אים איבער די מלוכה...

ש ר ה - ג י ט ל

שוין, געפועלט; מיך נישט אָנרופן; מאַכן, ווי כ'וואָלט געבוירן געוואָרן אַ שטומע. . קערט זיך אום מיטן בענקל צו די וואַנט.

ר ח מ י א ל

לויפט איבער די שטוב

אַ .. באַ .. באַ...

ב יי ל ק ע

מאַמע, וואָס וועל איך אויסשטיין?

ש ר ה - ג י ט ל

ווייזט אָן אויף אים

נו... נו... אָ...

ב יי ל ק ע

טאַטע, וואָס וועל איך אויסשטיין?

ר ח מ י א ל

ווייזט אָן אויף איר

נו .. נו... אָ...

ש ל ו מ י א ל

קראַצט זיך

כ'בין גוט אין עסק.

ב יי ל ק ע

מאַמע.

ש ר ה - ג י ט ל

ווי פריער

נו... נו. . אָ...

ב יי ל ק ע

טאַטע.

ר ח מ י א ל

נו.. נו. . אָ...

שלומיאל

זיך איינגעקויפט מפטיר... צו איר ר׳ רחמיאלס ווייב ! זי האָדערט זיך אָפּ ר׳ רחמיאל ! ענטפערט נישט געקומען אין ענין שדכנות פון די קינדער, מאַכט זיך מיר אין מיטן דרינגען אַ גט ביי די אַלטע לייט, און גיי האָב אַן עסק מיט שלום בית... צו אים ר׳ רחמיאל ! ענטפערט נישט ר׳ רחמיאלס ווייב ! ענטפערט נישט ס׳מוז דאָך נעמען אַן עק... געוואַלט, מ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן, — איר זעט דאָך עיבר, כ׳ווייס ? אויף. און הייב ארבע מיתות בית-דין.. סקילה, שריפה, הרג וחנק...

שרה-גיטל

רייסט זיך אָפּ

געוואַלט, וואו נעמט מען מענטשן, זיי זאָלן צוזען מיינע צרות... זיין אַ מבין... מ׳וואָלט אוודאי געמיינט : ס׳אַרויסגעק׳מען איבער, כ׳ווייס וואָס ?... נאָך גוט איר זענט דאָ, ר׳ שלומיאל, און זעט... אַ פּאָר באַשיסענע רובל, נו ?.. וואָס דאָ טוט זיך ?... אַ פייער צעלייגט !... אַ שריפה אָנגעמאַכט !..

איבער וואָס ס׳לונט נישט ערגעץ אַנדערש וואו צו נעמען אין מויל אַריין... ר׳ גמאכן אזאַ בייז פינסטער לעבן, אַריינברענגען אַ שנאה צווישן טאַטע-מאַמע מיט קינדער...

שלומיאל

געבעכט ; כשר געבעכט, ר׳ רחמיאלס ווייב

רחמיאל

געבעכט איז געבעכט ; שוין נאָך אַ צד אין די שיסל ?... נאַ... קום אַהער, צאַצקע.. נעמט אַרויס דעם בייטל וויפיל ווילסטו ?... דיין ברידערל האָט זיך בעבוין געלאָזט מיט אַ פּ נפער... וויפיל זינגסטו ?... צען ? צוואַנציק ?... דרייסיק ? . פופציק ?... הונדערט ?... פאַרוואַרפט איר מיט געלט כ׳וועל זיי שוין צצינד געבן . נישט אָפּקאַרגן מער..

ביילקע

קוקט אַרום זיך וואו ס׳געלט איז זיך צע אַלן, און גיט אַ שפּיי דאַרויף

מיחל אַזאַ געלט ! אָפּ.

רחמיאל

לויפט

צצינד גיי איך שוין אַריבער צום מחותן. קיין רגע לענגער נישט

וואַרטן.. אַראָפּדרייצן מיט איר... מייז אים. אַרויסטן.. יעדער פון זיי מיטנעמען אַ ביסל פון די צרות מיט זיך.. און איך מיט זיי שלאָגן קאָפּ אין קישן...

ש ר ה - ג י ט ל

נעמט צונויף ס׳געלט

וואָס אַ מענטש קאָן ?.. נו, שוין געזען ?... כ׳זאָל אייך בלויז דערפון זאָגן, מיר זיכער נישט געגלייבט. פּרוּווט, יאָ ?... אַז אַ מענטש איז משוגע... באמנות, משוגע... נישט געפּלאַצט, ר׳זאָל ברויכן צוּמלויפן אין די גאַסן, אָבער ס׳וועט אים נישט מיין... אוי-אוי-אוי. וויפל מאָל כ׳האָב געקלערט: פּטור ווערן, נעמען גט... וואָרן, ס׳אַ לעבן אַזוי ?... קלער איך אים איבער, — וואָס וועט פון אים ווערן ?... און ס׳איז מיר זיינס אַ שאָד.. כ׳ווייס: ער וועט דערנאָך אויסגיין לתרבות רעות.. וואָרן, אויב איך דולטשע שוין מיטן אַריבער צוואַנציק יאָר, שלאָג זיך אַלע טאָג קאָפּ אין וואַנט, — האָבן מיר שוין געהאַט גדולות מיט שמחות אויכעט; אָבער אַ פרעמדע וועט פון אים אַזוי וועלן ליידן ?... אויס-שטיין ?... און נישט באַלד אַרומדרייען אין ערשטן טאָג מיטן ?... שלאָגן כפּרות ?...

ש ל ו מ י א ל

נאַרישע רייד, ר׳ רחמיאלס ווייב...

ש ר ה - ג י ט ל

ווי פריער

כ׳זאָל וויסן: ער וועט חתונה האָבן זיין מיט אַ ווייב, — וואָלט איך געלאָפן צו אַ גט, ווי איינער לויפט צום טאַנץ...

ר ח מ י א ל

פאַלט איין צעהיצט

שוין ! שוין ! כ׳ברויך שוין גאָרנישט... נישט קיין קינדער, קיין מחותנים, נדנים, חתונות...

ש ר ה - ג י ט ל

וואָס האָט אים ווידער דאָרטן באַטראָפן ?

ר ח מ י א ל

ווי פריער

קאָנסט דיר נעמען די קינדער, ס׳געלט, — כ׳לאָז דיך פון אַלעם אַרויס...

ש ל ו מ י א ל

שוין געווען ביים מחותן ?

ר ח מ י א ל

ווי פריער

כ'ברויך נישט קיין מויד, וואָס זאָל גיין מיט יונגען ; און נישט קיין יונג, וואָס זאָל פאָרן רייטנדיק ווי אַ קונצנמאַכער אין מיטן גאַס אויף אַ ריימוועגעלע...

ש ר ה - ג י ט ל

וואָס אים ברויך אַלץ טרעפן ?

ר ח מ י א ל

און מיין בלוט זאָל אין מיר געזעצט ווערן... אַז כ'וועל מיך אַרויס־ווייזן איז גאַס אַריין, מיר נאָכטייטן אונטער די אויגן מיט די פינגער : רחמיאלס צאַצקע ; רחמיאלס בנאָק..

ש ל ו מ י א ל

אויסער זיך

ר' רחמיאל, איר זענט דאָך נישט קיין טפש ; איר ווייסט גוט : ר'האָלט שוין אַזוי ווייט, ביים סאַמע סוף, — בלויז איבערן בריקל אַריבערצו־נעמען, אויף די אַנדערע זייט, — און יעדן איינעם אויסשטעלן א פייג, גייט איר זיך אָפשטעלן ?... ראשית, וועט איר דאָך אַ צווייטן די קלאָג אַריינלייגן, אָדער גאָר קיין קלאָג אויכעט נישט, ווייל יונגע חברה, אַז מ'שפּאַנט זיי איין אין וואָגן, ליגט זיי נישט אין קאָפּ מער די זאַכן...

ר ח מ י א ל

כ'וויל נישט דעם כבוד זייערן, און נישט דעם בזיון... זי, די מאַמע, האָט דערצו צוגעפירט, — זאָל זי זיך זיי נעמען, און גיין ; אַ שטיקל ברויט עסן, נאָר מענטשן זאָלן מיר די אויגן נישט אויסרייסן ; אַן אָרעם אָנבייסן, אַ רעטעך מיט אַ ציבעלע.

ש ר ה - ג י ט ל

היץ דיך נישט אַזוי... ביי לייטן זיך נאָך געוואונטשן אַזעלכע קינדער... און אויב מ'קאָן יאָ עפּעס האָבן קעגן זיי אויסצוזעצן, — קיינעם נישט

זוי דיר דאָס צו פאַרדאַנקען; וואָרן. דו האָסט נאָך, זינט דו לעבסט, צו זיי גערעדט אַ גלייך וואָרט, ווי אַ טאַטע ברויך רעדן? און נישט גע- הוקענט? געבריקעט? זיך געוואָרפן?

רחמיאל

אַז דו האָסט זיי אַלץ נאָכגעגעבן, אַפילו די שמד נאָכגעגעבן, — אַבי ס'זאָל נישט ווייזן קיין קרומע מינע... צַצינד זאָל זי גאַנצע וועלט וויסן: דאָס נישט איך, רחמיאל בן משה, דער טאַטע זייערער, ביין דער חייב. — און מענטשן אים פאַרשעלטן די ביינער, ס'זאָל זיי נאָכן טויט פון קבר אַרויסוואַרפן; נאָר דו, שרה-גיטל, בת ביילע-העני, די מוטער זייערע...

שרה-גיטל

נאָר דו ביסט אין אַלעם שולדיק.

רחמיאל

שטעלט זיך אַ קעגן

באָר דו...

שרה-גיטל

צוריק

דו... דו... דו...

רחמיאל

דו... דו...

שלומיאל

ש-אַ-אַ-ט! מ'זעמיר דאָך יידן; און יידן מאַכן אַ פשרה: אַ העלפט אייך, און העלפט, — איר...

רחמיאל

ביין; אפילו קיין איין האָר אויבעט נישט...

שרה-גיטל

אַזאַ יאָר צו מיר: ווי שיין, און געראָטן...

ו ח מ י א ל

נעם דיר צו ס׳געלט, דעם מאַיאָנטעק, די שטיינער מיטן גרוב קאַלך...

ש ר ה - ג י ט ל

אָן אַלעם ביי מיר זיין אָנגעלייגט, די קינדער דיינע.

ר ח מ י א ל

ניין, דיינע קינדער.

ש ר ה - ג י ט ל

זיי נאָכגיין און אָפּהיטן, חלילה: זיי קיין פינגערל נישט געשווילערן. קיין ציינדעלע ווי טון דיינע קינדער...

ר ח מ י א ל

ניין, דיינע קינדער.

ש ר ה - ג י ט ל

און ביי זיי לייכטן אין יעדן ווינקעלע; אַראָפּשמעקן און אָנקוועלן פון אַלעם צו וואָס זיי וועלן זיך נאָר צורירן, דיינע קינדער.

ר ח מ י א ל

ניין, דיינע קינדער...

ש ר ה - ג י ט ל

שטעלט זיך אַ קעגן

דיינע קינדער.

ר ח מ י א ל

אזוי אייגן

דיינע קינדער.

ש ר ה - ג י ט ל

דיינע קינדער.

ש ל ו מ י א ל

ש-אַ-אַ-ט! איר זענט דאָך יידן, חתונה געהאַט כדת-משה וישראל, – וואָס פאַר אַ טענה? איין העלפט אייערע, און די אַנדערע העלפט, – אירע.

רחמיאל

גאָרנישט, ר׳ שלומיאל; אַזאַ ברעקעלע אויכעט נישט...

שרה-גיטל

אַזוי ?... אויב ער קאָן אויף מיר אויסטראַכטן אַזאַ בלבול, — שוין דער־נאָך אַפילו מעגן צערייסן ס׳לײַלעך, און נישט זײַן מיט אים; איך לאָז אים איבער ס׳געלט, די שטוב, ס׳עשירות, און זיך נישט האָבן צו באַווײַנען: כ׳האָבן אויסגעטון ביז צום העמד...

רחמיאל

שוין! שוין! שוין!

שרה-גיטל

אים גרינג אויף די נשמה, און וואו צווישן צוויי ווערטער מיר וואַרפן ב׳גט צו די פיס, — קום צום רב! דיך נישט מער אַרויסדרייען! ביי די באָרד דיך נעמען צו אים..

רחמיאל

שוין! שוין! שוין!

שרה-גיטל

וואָס בין איך אַ פאַרפוילט עפּעלע, מ׳זאָל זיך אַלע רגע וואַרפן מיט מיר? אַראָפּפּטרן פון קאָפּ, און אַ סוף, אַן עק, — ווי לאַנג אַזוי זײַן דאָס גיהנום? מיך אַלע יאָרן לאָזן בײַניקן, כסדר האָבן אָפּגעהאַקטע יאָרן... אים פּטור ווערן, — נאָך אפשר אויכעט באַשערט זײַן צו לעבן איין טאָג במנוחה ..

רחמיאל

שוין! שוין! שוין געהאָלפן! אַרויס פון אחריות!

שרה-גיטל

איינגעהילט אין אַ טיכל איבערן קאָפּ

אַז אַ גט, וואָס איז דער חילוק? פריער, צי דערנאָך, — ער מיך דאָך נישט מיידן. . *פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין* אָפּגעלעבט עטלעכע צוואָנציק יאָר,

און גיי דיר אַצינד זוכן אַ שטיין וואו נ'קאָפּ אַוועקצולייגן.. אויף די עלטער.. אַ צעבראָכענער שאַרבן... אויסגענאָגט ביזן ביין...

ר ח מ י א ל

פליט

אַ גט! אַ גט! אַ גט!

ש ל ו מ י א ל

ר' רחמיאל, וואָס ווילט איר? זי איז דאָך געֿרעכט! אפילו ביי א דין־תורה איר אויכעט קיין גט נישט פסקנען...

ר ח מ י א ל

פליט

אַ גט, אַ גט אויף די האַנט!

ש ל ו מ י א ל

קראַצט זיך

זיך גוט אַריינגעטון... נישט אַנדערש: ווי מ'ברויך גיין קלינגען אויפן געוואַלט־גלאָק, — מענטשן זאָלן זיך אויפלויפן...

ר ח מ י א ל

אַ גט! אַ גט! אַ גט!

ב י י ל ק ע

פאַלט אַריין מיט אַ געוויין

מאַמע... אוי־אוי־אוי. מאַמע...

ש ר ה ־ ג י ט ל

צעטומלט

וואָס איז, באַלטשע לעבן?

ב י י ל ק ע

יאָמערט

וועלוול... אוי־אוי־אוי... אַראָפּגעפאַלן...

ר ח מ י א ל

גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן.

שרה־גיטל

מיט אַ געקלאַג

אַ בראָך איז מיר, אַ ווייטיק איז מיר, אַ חורבן איז צו מיר...

רחמיאל

אַ־אַ?

שרה־גיטל

וואָס האָט ער זיך געטון?

ביילקע

וויינט

אַ פוס... צעבראָכן אַ פוס...

רחמיאל

טויט

וו־אָ־ס?

שרה־גיטל

נעמט זיך הרגענען

אוי, האָט מיך גאָט געשטראָפט! אוי, האָט ער מיר באַצאָלט...

שלומיאל

שאַ! שאַדט נישט! מסתמא, נישט געטון גאָר; אים חלילה נישט שאַדטן...

שרה־גיטל

עפנט אַ מענה־לשון

מיין טייערער זון! הלוואי איך בעסער פאַר דיר די פיס צעבראָכן... לייגט זיך אַוועק גזלן, רוצח, ער איז דיר געוועזן צו גרויס אין די אויגן... וואָס האָסטו געוואָלט פון זיינע יאָרן האָבן?...

רחמיאל

בהמה! נאַר! שטיק אָקס! אַצינד זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט מיר?... נעמט לויפן יעדע רגע איז דאָך אַ יאָר... ר׳ שלומיאל, איך לויף גלייך... איר טרעט אָן ביים פעלדשער, נאָר ר׳זאָל גלייך מיטגיין... נעמט זוכן וואו איז ערגעץ די וואַרע־פלאַש?... אַ פאַכערזש?... אַ ליילעך... נעמט רייסן אַ ליילעך אויף שטיקער אים ברויכן וויקלען דעם פוס...

ש ר ה - ג י ט ל

קלאָגט ווי איבער אַ טויטן

ווײ און ווינד איז מיר...

וו ע ל וו ל

קומט אַרײַן, בלייבט שטיין

וואָס אי דאָ? מאַמע, וואָס טוט זיך דאָ?

ר ח מ י א ל

לאָזט אָפּ די הענט.

ש ל ו מ י א ל

אַ שטוב מיט משוגעים.

ש ר ה - ג י ט ל

דערפרייט

וועלוועלע, ביסט געזונט? דיר נישט געטון גאָר?

וו ע ל וו ל

ווי פאַלסטו אויס?

ר ח מ י א ל

נישט צעבראָכן קיין פוס? האָט מיך גאָר אָפגענאַרט? וואו איז זי דאָרט,
די שיקסע? נעמט צראָפּציען דעם פּאַסעק פון די הויזן מלקות!

ב יי ל ק ע

לויפט אַוועק צו די מוטער

נאָך וועלן גטן די מאַמע? נאָך וועלן גטן די מאַמע?

פ אָ ר ה אַ נ ג